STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05095

YINGL UN MEYDL

Max Hodann

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Paul & Rachael Klonymus Guth
in memory of
their beloved father, Benjamin Guth, D.D.S.*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר מ. האָדאַן

יינגל און מיידל

חברשע שמועסן וועגן דער געשלעכטפראגע.

איבערגעזעצט פון דייטש יודל מאַרק.

פאַרלאַג „אונדזער צוקונפט“ ריגע.

דרוקעריי „גלאָבוס“
ריגע, עליזאבעט גאס 22, טעל. 26636

גלייכגילטיק, צעקראכן, אָפּגעלאָזן — אזוי ברענגט מען מער שאָדן דעם אמת איידער מיט בכיוונדיקער פאלשקייט.

מולטאַטולי.

פון פארלאג.

דער פעדאגאגישער ביורא ביי דער צענטראלער שולארגאניזאציע פאר לעטלאנד האט זיך אין זיין ארבעט צונויפגעשטויסן אויך מיט דער שוועריקייט, אז מיר האבן ניט אין יידיש קיין איין ביכל וועגן דער געשלעכטספראגע, וואס מען זאל קענען געבן אין די הענט אריין אונדזער יוגנטלעכן. זיך באקאנט מיט ד״ר האדאנס ארבעט Bub und Mädel, האט דער פעדאגאגישער ביורא בשעתו באשלאסן איבערצוזעצן און ארויסצוגעבן דאס בוך, וואס איז הן על פי זיין תוך און הן על פי זיין געזעלשאפטלעכער טענדענץ זייער גוט צוגעפאסט פאר דער יוגנט, וואס באזוכט יידישע שולן. ראשית כל איז דאס בוך ווי אנגעמאסטן פאר שילער פון כלערליי אוונטשולן און דערגאנצונג=שולן. דאס ביכל איז פאר 15—16= און 17=יאריקע, אבער פארשטייט זיך אויך פאר עלטערע. איבער צופעליקע מניעות האט זיך דעם פעדאגאגישן ביורא ניט איינגעגעבן איבערצוזעצן און ארויסצוגעבן האדאנס „יינגל און מיידל״. איצט אבער, ווען דאס גיט ארויס אונדזער פארלאג „אונדזער צוקונפט״, וואס אזוינע מיני אופקלערערישע ווערק גייען אריין אין דער פראגראם פאר זיין טעטיקייט, קענען לפי דעתנו די פעדאגאגישע קרייזן נאר היים רעקאמענדירן די דאזיקע „חברשע שמועסן וועגן דער געשלעכטספראגע״, וואס זיינען אינטים און אפנהארציק, דורכגעדרונגען מיט ליבשאפט צו דער יוגנט און מיטן אופריכטיקן מיין איר צו העלפן.

דער פארלאג „אונדזער צוקונפט״ האט זיך גענומען צום ארויסגעבן אט דאס בוך ניט נאר מחמת דעם גרויסן דערפאלג פון ד״ר האדאנס ארבעט אין דייטש (6 אופלאגעס) נאר ווייל דער מחבר האט צו אלע ענינים פון געשלעכטלעכן לעבן א דרייפאכיקן צוגאנג: 1) ווי א מעדיצינער, וואס איז וויסנשאפטלעך,

וואָס האָט ניט מורא פאַרן אמת און וואָס רייסט אַרונטער אַלע שלייערס, קינסטלעך און צביעותדיק צונויפגעוועבטע אַרום דער געשלעכטפראגע, 2) ווי אַ פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלער, וואָס האָט א פעסטן קוק אף אַלע דערשיינונגען פון אונדזער געזעלשאַפט און וואָס בינדט צונויף די ענינים פון געשלעכטלעכקייט מיטן גאַנצן לעבן פון דעם מענטשן אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און מיטן קאַמף זי איבערצובויגן אַף אַנדערע יסודות, 3) ווי אַ פּעדאַגאָג, וואָס פאַרשטייט די נשמה פון דעם יונגן מענטשן און געפינט דעם ריכטיקן וועג און די פּאַסיקע ווערטער איינצווירקן אַף דעם יוגנטלעכן.

כאָטש דאָס ביכל איז געבויט אַזוי, אַז עס האָט אין זינען נאָר דעם יוגנטלעכן לייענער און פריער פון אַלץ די אַרבעטנדיקע יוגנט, איז עס בעצם נוציק ניט נאָר פאַר די יוגנטלעכע פון אַלע סאציאלע שיכטן, נייערט אויך פאַר דער ברייטער עלטערנשאַפט, וואָס ווייס אַזוי ווייניק וועגן שטימונגען און איבערלעבונגען פון זייערע אייגענע קינדער.

דעם איבערזעצער איז אויסגעקומען גובר צו זיין א שפּאָר ביסל שוועריקייטן. בלויז איבערזעצן האָט מען ניט געקאָנט: עס איז ערטערווייז צו שטארק געקניפּט און געבונדן מיט דער טאָגפּאָליטיק אין דייטשלאנד; ס'איז פאַראַן אָן אַ סוף פּאָלעמיק מיט די קריסטלעכע קירכן, מיט פּראָטעסטאנטישע פאַרבאַנדן, מיט דעם דייטשישן קאטוילישן צענטער א. אַז. וו. האָט מען געמוזט ערטערווייז שטארק מקצר זיין. ס'איז פאָרט פארבליבן אַזוינס, וואָס איז כאראקטעריסטיש בלויז פאר דייטשלאנד, נאָר די סביבה האָט דאָך געמוזט בלייבן קאָנקרעט און לעבעדיק, אַניט וואָלטן אַלע געזעלשאפטלעכע ארויספירן עפּעס געשוועבט אין דער לופטן אָדער וואָלטן געווען צו סכעמאטיש. „פאַריידישן” די גאנצע סאָציאַלע אַטמאָספער וואָלט געווען צו ריזיקאַליש. זאָל בעסער דער לייענער קומען צו אַרויספירן בנוגע דעם יידישן לעבן על פּי אַ גזירה שווה, כדי צו פארגרינגערן דעם פארגלייך, האָט דער איבערזעצער אין אַ ריי שטעלן מיט א כיוון באַנוצט א יידישלעכע טער-

מינאָלאָגיע: עולם־הבא, חופה וקדושין, גשמיות און רוחניות און אזוי ווייטער.

ניט ווינציק ריין שפּראַכלעכע שוועריקייטן זיינען דאָ געווען. כאָטש דער מחבר שמועסט זיך מיט אַרבעטעריוגנט, באַנוצט ער אַ גאַנץ רייכע שפּראַך. ס'איז פאַר אונדז קיין ספק ניט, אַז דער דייטשישער יוגנטלעכער איז שפּראַכלעך אומפאַרגלייכלעך מער אַנטוויקלט ווי דער יידישער. האָבן מיר דאָך ניט אין גאַנצן זיך צוגעפּאַסט צום לייענער. אמת, דער איבערזעצער האָט זיך געמיט איבערצוגעבן געשפּרעכן אין דעם סטיל פון ריידן. אָבער ער האָט געביטן אָט דעם סטיל בעת דאָס מוט דער דייטשישער טעקסט. דעם יוגנטלעכן לייענער וועלן דאָ צוקומען ניט נאָר ידיעות אין דער געשלעכטפראַגע, נאָר אויך אין דער שפּראַך. דאָס פאַרשווערט דעם ענין. ס'איז אָבער אַנדערש ניט מיגלעך: דער לשון פון ביכל וואָלט אַניט געוואָרן צו אָפּגעוועפט, צו אָרעם אין פאַרבן. כדי דאָך גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן דעם לייענער, ווערט צום סוף געגעבן א רשימה שווערערע סעמיטיזמען.

אַזוי ווי מיר פאַרמאָגן ניט קיין פעסטע טערמינאָלאָגיע פאַר פאַרשיידענע טיילן פון געשלעכטאָרגאַנען, האָט מען געמוזט אָפּט געבן אַ טאָפּעלן נאָמען, וואָס קיין מעלה איז דאָס ניט.

מיר זיינען איבערגעצייגט, אַז מיטן אַרויסגעבן אָט דאָס בוך האָבן מיר געבראַכט נוצן אין דער ערשטער ריי דעם יוגנטלעכן לייענער, ווי בכלל דער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף זיך אָפּגעוויינען פון דער טבע צו פירן אַ „שטרויסן־פּאָליטיק" בנוגע „זאכן וואָס מען רעדט ניט וועגן זיי".

ריגע, דעם 27־טן אָקטאָבער, 1929.

פון דעם מחברס הקדמות.

1. פון דער הקדמה צו דער ערשטער אויפלאגע.

פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען מיך געבעטן צו שרייבן עפּעס וועגן דער סעקסועלער פראַגע. איך טו דאָס איצט מיט א געוויסן ווידערווילן. דאָ איז ניטאָ קיין נייע חקירה אָדער אַן אויספאָרשונג אין ענין געשלעכטלעכע פּראָבלעמעס. איך האָב אויך ניט בדעה סתם צו פאַרשפּרייטן ידיעות אין די פראַגעס. אַזוינע פאַרמיטלונגען פון ידיעות האָבן פאַר מיר אַ ווערט נאָר יעמאָלט, ווען זיי האָבן אין זיך אויך דערציערישע מיגלעכקייטן. און אָט דאָס דערציען איז דאָך געקניפּט און געבונדן מיט פּערזענלעכער השפּעה, אַזוי אַז איך האָב געוויסע ספיקות בנוגע אַ שריפטלעכן באַטראַכטן די אַלע געשלעכטלעכע פראַגעס.

פון דער אנדער זייט קען איך ניט אַנטקעגנקומען אַלע ווונטשן פון מיינע יונגע חברים צו ריידן בײַ זײַ. דאַרף מען בכן אריינרעכענען אין חשבון, אַז די וויכטערדיקע שורות קענען ניט פאַרבייטן די לעבעדיקייט פון אַ שמועס איבער די פּראָבלעמעס, וואָס פאַרנעמען אַזוי דעם יונגן מענטשן. ווי אַ שטיקל כמו, ווי א סוראָגאַט פאַר דעם לעבעדיקן וואָרט קען מען באטראכטן די דיאַלאָגישע פאָרם אין דעם ביכל. איך האָב דאָ אופגעהיט די פאָרם פון געשפּרעכן, וואָס זיינען טאַקע אן ערך אזוי פאָרגעקומען.

איינעם וועט זיך דוכטן, אז די ענינים ווערן דאָ צו ברייטלעך באַשמועסט. אַ צווייטער וועט אפשר פאָרוואַרפן, למאי איך חזר זיך איבער און איך דערעם מיט דעם. זאָל מען וויסן, אז די וויכטערדיקע זייטלעך וואקסן ארויס פון דער פּראַקטיק אין דער יוגנט-באַוועגונג, און אַז זייער כוונה איז, זיי זאָלן טאַקע ברענגען

נוצן אָט דער יוגנט=באַוועגונג — לאָמיר זאָגן, ווי אַ שטוים פאַר די געהעריקע געשפּרעכן אין יוגנטלעכע קרייזן, כּדי צו דערגרייכן אָט דעם ציל, וואָלט ניט געטויגט צו באַטראַכטן עפּעס אַן ענין אַף אַ ריכטיק צונויפגעשטעלטן און אָפּגעשלאָסענעם אופן. ס'איז דאָ בעסער — אָן מורא זיך לאָזן פירן פון דעם לעבנס פאַרביקייט און אויפכאַפּן דאָס, וואָס דער טאָג ברענגט מיט.

סוף יאָר 1923.

2. די הקדמה צו דער פערטער אויפלאַגע.

ווינט ס'איז אַרויס די לעצטע דייטשישע אויפלאַגע (דערוויל האָט מען פאַרעפנטלעכט אַ רוסישע און אַן אוקראַאינישע איבערזעצונג פון דעם בוך), איז מיין בוך געוואָרן אַ מין סענסאַציע. עס האָבן צוגעדינט די אָנפאַלן מצד פּראָטעסטאַנטישע און נאַציאָנאַליסטישע קרייזן, וואָס זיינען קעגן מיר אַרויס מיט כּלומרשט פּעדאַגאָגישע טעמים. אין=דער=אמתן איז די גאַנצע העצע קוואַלט אַרויס פון דער זייער פאַרשטענדלעכער פּאָליטישער קעגנערשאַפט, ווי איך דערוויז עס אין נאָכוואָרט. די פאַרטרעטערס פון דער היינטיקער פּראָפּיט=געזעלשאַפט מוזן זיין די קעגנערס פון יעדן באַוווסטזיניקן סאָציאַליסט, וואָס נעמט אונטער די אַרבעט אויפצודעקן די מיט=שייכות צווישן סעקסועלער צביעות און דער אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט בכלל. ווי דאָס זאָל ניט זיין, האַלט איך, אַז ס'איז ניט גוט, וואָס דאָס בוך איז געוואָרן אַ מין סענסאַציע. דאָס שטערט דעם ציל וואָס איך האָב זיך געשטעלט. עס גייט דאָ אין באַרויקן יונגע געמיטער און אין אַריינטראָגן קלאָרקייט אַף אַזאַ געביט, ווו די נייגעריקייט און דאָס לעכצן נאָך איבערלעבונגען זיינען די שטאַרקסטע כּוחות און ווו די פאַנטאַזיע ווערט אויפגעשרויפט. אָט די פאַנטאַזיע, וואָס וויל זיך ניט לאָזן צוימען, קען מען מאַכן איינשרומפּן אַ דאַנק דער באַרויקנדיקער קילקייט פון אמת. און דער אמת מוז דאָ קומען געלאַסן און שטיל, אָן סענסאַציעס און אָן שלייערס.

קען זיין, אַז אנדערע לייט, — ניט קיין דאָקטוירים אָדער היגיעניקער, וואָס טאָג־איין טאָג־אויס שטויסן זיי זיך האַרב צונויף מיט די באַטראַכטע פּראָבלעמעס, — וועלן מיינען, אַז איך בין דאָ צו ווייט אוועק. ס׳ליגט דאָך אַזאַ שווערער געזעלשאַפטלעכער דרוק איבער אַזוינע שמועסן און מען איז גרייט זיי אויפצונעמען ווי עפּעס אויסערגעוויינלעכס. דאָס לעבן אָבער איז פיל אומ־ברחמנותדיקער, און סע גייט ניט אין אַזוינע זיידענע הענטשקעס ווי די פאַרקומערטע פּעדאַגאָגן. אָבער די אַלע „אויפקלער־טעאָ־רעטיקער" מיט זייער שטרויספּאָליטיק האָבן געבראַכט בלויז צו איינס — צו טרערן, ווען ס׳איז צו שפּעט. איבעריקנס קען איך טרייסטן די אַלע אויפקלער־טעאָרעטיקער, וואָס זיינען שווער חופּס עפּעס נייס, אַז מיין בוך איז ניט קיין בוך מכּוח געשלעכט־קראַנקייטן. וועגן דעם האָט מען שוין געשריבן די ויותר.

אומצאָליקע בריוו פון יונגע מענטשן האָבן מיר פונדאַסניי געגעבן דעם באַווייז, אַז דער וועג וואָס איך גיי אַף אים איז אפשר ניט דער איינציק־ריכטיקער, אָבער לכל הפּחות איז ער ניט קיין פאַלשער.

מאַי 1925.

3. פון דער הקדמה צו דער פינפטער אויפלאַגע.

ווען איך הייליק איצט מיין בוך „מיינע פריינט אין דער פּראָלעטאַרישער יוגנטבאַוועגונג", איז דאָס מיין דאַנק דערפאַר, וואָס אין תוך האָבן זיי עס מיר מיגלעך געמאַכט אָנצושרייבן אָט דאָס בוך. אָבער דאָס הייבט ניט אָן צו באַטייטן, אַז דאָס בוך מיינט וועדנדט זיך נאָר צו דער פּראָלעטאַלישער יוגנט. פאַרקערט. דאָ רעדט זיך וועגן אַזוינס, וואָס גייט אָן יעדן יוגנטלעכן, כאָטש איך באַטראַכט דאָ אַלע פּראַגעס אויך געזעלשאַפטלעך און באַטראַכט זיי אַף אַזאַ שטייגער, וואָס איז פאַר מיר דער איינציק מיגלעכער.

מאַרץ 1926.

I.

זאכן וואס מען רעדט ניט וועגן זיי.

אַנוסטן בעת אַן אַרויספאָר, זיינען מיר, אַ גאַנצע כאָפּטע יינגלעך און מיידלעך, געגאַנגען דורך א דאָרף. אַף די פעלדער האָבן מיר געזונגען. ציגנד זיינען מיר רויק און אַלץ באַטראַכטנ־דיק געגאַנגען מיטן וועג צווישן די נידעריקע, ווייסע הייזלעך, וואָס פאר זיי האָבן זיך די קליינע גערטנדלעך צעגרינט אין עבּ־טער פרילינגס־פּראכט. אַרום די אויבסבּיימער, מיט בליטן שווער באלאָדענע, האָבן בינען זיך געקרייזט. די וועלט און אונדזערע נשמות האָבן זיך געטוקט אין רו. מיר האָבן זיך געפרייט מיט זון.

גיט מיר אזוי איינער אַ שטויס: — דו, וואָס מאַכן דאָרטן די בּיידע?

— אַווּו?

— אָט, ברונאָ און האַנס, דאָ פאָרנט, בּיים פּאַרקן.

דאָרטן זיינען געשטאַנען צוויי פון אונדזער חברה און האָבן שטיל אין זיך געקיכט פון געלעכטער.

מיר האָבן זיי דעריאָגט.

— וואָס איז מיט אייך דער מער?

האַנס איז געווען אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט ניט געוווסט, וואָס איינגנטלעך צו ענטפערן, ברונאָ אָבער האָט אָפן אופגעקלערט: איינער האָט געזאָגט א וויץ, האָבן זיי געמוזט לאַכן.

מיטאָגצייט בין איך מיט דריי אַנדערע חברה־לייט געלעגן אַף דער לאָנקע. גיט האַנס פלוצים א פרעג: „דו, וואָס באַטייט דאָס איינגנטלעך: „דאָ באַלויפט מען קיניגלעך (קראָליקלעך)?“

....?

— יע, אָט דאָס איז געווען אופגעשריבן אפן פּאַרקן, האָט ברונאָ וועגן דעם אָ געמאַכט אַ נאַרישע באַמערקונג. איך האָב אים גאָרניט פאַרשטאַנען.

— וואָס זשע זאָל דאָס באַטייטן? דער פּויער האָט אוודאי אַ קיניגל, אַפּנים אַן ער פון אַ גוטן סאָרט, און צו אים ברענגען די אַנדערע פּויערים זייערע קיניגלעך די זיען, דער ער זאָל זיך פּאָרן מיט זיי. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַקומען די קיניגלעך די מוטערס עטלעכע גרויע און שוואַרצע און געלע קינדערלעך: איר האָט אַזוינס געווים שוין געזען אַמאָל.

האַנס האָט מיך אָנגעקוקט אין גאַנצן פאַרוווּנדערט. דער־ווייל איז אונטערגעקומען ברונאָ. ער האָט געהערט די לעצטע ווערטער און האָט ווידער ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון אַ קייך טאָן.

פרעג איך אים דירעקט: „וואָס איז מיט דיר אזוי די שמחה?"

לכתחילה האָט ער ניט געוועלט ארויס מיט דער שפּראַכע; צום סוף האָט ער ארויסגעשטאַמלט נישט אָנצוקוקן מיך דערביי:

— יע, זיי אין וואַרשטאַט... שטענדיק ריידן זיי אַזוי... פון אַזוינע זאַכן.

— פון וואָסערע זאַכן?

— אַך נו, די עלטערע חברים. און די מיידלעך נעמען קוויטשען. און זיי דערציילן יעמאָלט אַזעטיקע מיאוסע געשיכטעס.

— זעסטו, דיר אליין געפעלט עס דאָך ניט. דאַרפסטו אָבער אליין ניט נאָכטאָן. וואָס איז דאָ דאָ בסוד צו שעפּטשען און צו קייכן זיך וועגן די נאַטירלעכסטע זאַכן אין דער וועלט? דאָס ווערן און דאָס וואַקסן פון אַ נייער באַשעפעניש אין דעם לייב פון דער מוטער איז דאָס וואונדערלעכסטע, איז דאָס הייליק־סטע פון דער גאָרער נאַטור. עס איז בלויז טרויעריק, ווען אַזוינס ווערט געצויגן איז ברוד אריין.

אַלע האָבן געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום גיט האַנס שטיל און כמעט שרעקיק אַ פרעג: „פאַרוואָס אייגנטלעך ריידן ניט די מענטשן דערפון?"

ער האָט זיך צו מיר געווענדט.

— דאס, זעט איר, איז אַ לאנגע געשיכטע. געווען זיינען צייטן, ווען מען האָט באַטראכט אלע פראַגעס פון געשלעכט אָפּן, חערדיק, מונטער. די אַלטע גריכן, למשל. האָבן זיך געפרייט מיט זייער קערפּער. מען האָט געטורנט און זיך געראנגלט. מען איז ארומגעלאָפן און זיך פארנומען מיט גימנאַסטישע געניטונגען — און אלץ נאקעטערהייט. און מען האָט זיך ניט געשראָקן און זיך ניט געשעמט פאַר דעם צווייטנס נאַקעטקייט. ערשט העט שפּעטער האָבן די מענטשן גענומען זיך שעמען מיט זייער קערפּערלעכקייט. ערשט ווען זיי האָבן גענומען ווארפן בליקן אַף „יענער וועלט״, זיינען די ערדישע לוסטן פאָרגעקומען נישטיק און פּוסט — הכלל דאָס איז געשען זינט דאס קריסטנטום מיט זיין פיינטלעכקייט צו דער וועלט האָט איינגענומען אייראָפּע; האָט מען פאררופן פאר א זינד אַל דאָס קערפּערלעכע און געפאָדערט זיך אָפּצווענדן פון גוף, פון דעם וועלטלעכן. אָבער אין אזוינע אומנאַטירלעכע פאָדערונגען שטעקט שוין דער שטראָף. זאָל מען נאָר ניט וויסן, רעכענען אפילו די פרומע און גוטע קריסטן, אַז עס שאדט ניט צו געבן וויגאָדעס און צו פארשאפן הנאות. זייער גוף, וואס מען פארלייקנט אים אָפיציעל — אָבער דאָס מוז געשען שאַ, שטיל, געהיים, איצט האָט מען מורא בלויז פאר איינס; נאָר קיין סקאַנדאַל ניט! אזוי ארום איז אנטשטאַנען דער קוק, אז — פאראן זאכן, וואס „מען רעדט ניט וועגן זיי״. יעדערער וויים זיי, אָט די זאַכן, כמעט יעדערער נעמט אַן אָנטייל אין זיי, אָבער קיינער איז זיך ניט מודה, קיינער זאָגט ניט אָפן. דאָס איז ווידער אַ שטיק שקר וואס די איצטיקע בורזשואַזע געזעלשאפט האָט זיי, ניט ווינציק אַף כלערליי געביטן.

— אָבער אין וואַרשטאַט זיינען דאָך נאָר אַרבעטער חברים!?

— דאָס איז טאַקע דאָס ערגסטע, למאי אונדזערע חברים האָבן דאָ, ווי אין א סך אַנדערע פאַלן, זיך נאָך ניט באַפרייט פון בורזשואַזע געוווינהייטן און בורזשואַזער צביעות. זעט! אויב מיר ווילן זיין דער אַוואַנגאַרד, די פאָרויסגייערס פון אַ נייער

געזעלשאַפט, איז נאָך קנאַפּ זיך צו וואַרפן מיט רעוואָלוציאָנערע פּראָזעס, פון ווערטער גופא ווערט נאָך די וועלט ניט איבער־געענדערשט. אַנדערע מענטשן מוזן מיר ווערן, איניק פרייער און אָן שרעק פאר ערדישע זאכן. מיר דאַרפן דעם אמת קוקן אָפן אין די אויגן. בלויז יעמאָלט וועלן מיר ביקומען דאָס, וואָס מען מוז ביקומען, די דאָזיקע אַנדערע נייע מענטשן מוזן אָבער קענען און וויסן זייער אייגענעם קערפּער, פאַרשטיין, וואָס עס קומט אים און וואָס עס שאדט אים, ביז גאָר אומפאַראַנט־וואָרטלעך איז די איצטיקע סקאָרבאָווע דערציונג. עלעהיי זי לאָזט דעם יונגן מענטשן אָן שום ראָט און אָנוויז גראָד אין יענע צייטן און אין יענע יאָרן, בעת אין אים קומען פאָר די טיפסטע איבערבראָכן און שטאַרקסטע אופרודערונגען, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיטן געשלעכטלעכן צייטיקן.

— זאָג אָקאָרשט, צי קענסטו נישט אונדז גענויער דער־ציילן וועגן די אַלע ענינים?

— געוויס. מיר מוזן אָבער האָבן מער רו און מער צייט דערצו. ווילט איר מאָרגן אָוונט קומען אין יוגנטהיים? מיר וואָלטן קענען ריידן מכוח דעם אַלעם.

— יע, ווער זאָל אייגנטלעך קומען?

— א נו, אַלע, די וואָס ווילן, די וואָס האָבן די באַ־דערפעניש צו הערן.

— די מיידלעך אויך?

— פאַרשטייט זיך אז די מיידלעך אויך, זעט נאָר, ווי די בורזשואַזע פאָראורטיילן זיינען אייך אין די ביינער אריין. מיר האָבן דאָך באמת ניט וואָס זיך צו שעמען איינער פארן צווייטן. מיר, יונג און מיידל, דאַרפן צווישן אנאנד זיך אכטן און טרויען, אויב מיר ווילן אופבויען א נייע וועלט. בכן — מאָרגן אָוונט אין יוגנטהיים!

II.

די פארמערונג־צעלטלעך. ליבע־איבערלעבונג און יוגנט־באוועגונג.

— ניין, ניין, מיר וועלן זיך אַלע ארומזעצן ארום דעם גרויסן טיש, נאָר ניט קיין פּאַראַדנע שטולן־רייען! איך וויל פאר אייך ניט האלטן קיין גרויסאַרטיקן רעפעראַט. זאָל נאָר יעדערער שטעלן זיינע פראַגעס, און יעמאָלט וועלן מיר זען, ווי מיר זאָלן צוזאמען גיין ווייטער.

— וואָס ווילט איר אייגנטלעך באַשמועסן?

— ביסטו דען נעכטן ניט געווען אַפן ארויספאָר? מיר האָבן דאָרטן זיך אָפגערעדט.

— איך האָב געמוזט אַרבעטן ביי אונדז אין סאָד. האָב איך ניט געקענט מיטהאלטן.

— האָרך, מיר האָבן נעכטן גערעדט וועגן פאַרשיידנס, וואָס רירט שטארק אָן יעדערנס פּערזענלעכע ענינים. מיר זיינען געקומען צו דעם, ווייל מיר האָבן עס איינגעפונען פאר ניט ריכטיק, למאי אפילו חברים אין די וואַרשטאַטן ריידן מיאוס און פריקרע וועגן טיף־ערנסטע זאַכן.

— איך פארשטיי דיך נאָך ניט.

— האָסט דאָך אפנים אויך באמערקט, אז בנוגע דעם אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אנטשטייונג פון אַ מענטשן און צום געשלעכטלעכן לעבן, הערשט א שרעקלעכע עם־הארצות. און אָט פון דער עם־הארצות קומט עס, און אויך פון א געוויסער פארלעגנהייט לגבי די דאָזיקע פראגעס, אז מיר, יונגע־לייט, ווירקן איינער אפן צווייטן צו באנוצן יענע לגמרי איבעריקע און מיאוסע רייד־אופנים און זיך נאָך צו פיינען מיט זיי.

— זאָג אָקאָרשט, האָט געפרעגט אַן אנדערער, דו האָסט נעכטן גערעדט וועגן איבערבראָכן, וואָס קומען פאָר אין דעם מענטשן אין דער צייט פון זיין צייטיק־ווערן, וואָס האָסטו גע־מיינט מיט דעם?

— איך האָב סיי ווי סיי געוואָלט שפּעטער ריידן דערפון. נאָר איידער מיר וועלן זיך איבער דעם פאַרשטענדיקן, האָב איך געוואָלט אויפהייבן אַן אַנדער פראַגע, וואָס דאָס פאַרענטפערן זי וועט אונדז העלפן צו פאַרשטיין דאָס וויטערדיקע. ווייסט איר דען, ווי אייגנטלעך עס אנטשטייט א נייער מענטש?

— נו, ווען מאַן און פרוי זיינען צוזאַמען...

— דער צונויפפּאָר צווישן צוויי מענטשן פון פאַרשיידענע געשלעכטער איז נאָר דער פאָרבאַדינג פאַר דער אנטשטייונג פון אַ קינד. אין אפילו ווען דער צונויפפּאָר, די ביאה, זאָל זיין גענוג, כדי צו ברענגען א קינד אף דער וועלט, איז דער רע־זולטאַט וויט נים פון יעדער צונויפפּאָר די באפרוכפּערונג פון דער באַטרעפנדיקער פרוי. צי עס קומט פאָר די באַפרוכפּערונג, הענגט אָפּ פון דעם, אויב א לעבעדיק זוימענפעדעמל שטויסט זיך צונויף אין דעם קערפּער פון דער פרוי מיט א צייטיקן איי און דרינגט אהין אריין.

— ווען ווערט אַן איי צייטיק?

— יעדער זי, יעדער „ווייבספּאַרשוין”, האָט פון געבוירן אָן אין איר איי ערנעסט — אין איר דריז, וואָס שטויסט שפּעטער, נאָכן געשלעכטלעכן צייטיק־ווערן, די אייער ארויס, — אַ באַשטימטע צאָל שפּראָצלעך, פון וואַנעט עס אנטוויקלען זיך די אייער. ווען אַן איי ווערט צום ערשטן מאָל צייטיק — אין אונדזער קלימאַט געשעט דאָס דורכשניטלעך צו 13 יאָר, ביי אנדערע מיידלעך אפילו ערשט צו 15 יאָר און נאָך שפּעטער — טיילט זיך עס אָפּ פון איי ערנעסט, וואַנדערט דורך דורך אַן ענגן קאַנאַל, דורך דעם אייער־פירער, אין דער הייבמוטער (אָדער גע־בוירמוטער) אריין, אזא איי קומט אום, אויב עס ווערט נים באַ־פרוכפּערט. אַזא אומבאַפרוכפּערט, אָפּגעשטאָרבן איי ווערט ווי

פרעמדס און איבעריקס ארויסגעשטויסן בעת די מאָנאַטלעכע בלוטונגען, די רעגעלן, די מענסטרואַציעס [אָדער ווי ווייבער זאָגן: בעת זיי האָבן אף די וועש, אף די קליידער — איבערז.]. אַזוינס קומט פאָר מיט יעדער געשלעכטלעך=צייטיקער פרוי איטלעכע פיר וואָכן. די מאָנאַטלעכע קומען נישט פאָר נאָר בעת די פרוי איז שוואַנגער, דאָס הייסט ווען אַן איי ביי איר איז באַפרוכפּערט געוואָרן און האַלט אין אַנטוויקלען זיך. אַזאַ מין אַנטוויקלונג געווערט ניין חדשים צייט. צום סוף ווערט דער רעזולטאַט פון אָט דער אַנטוויקלונג, דאָס לעבעדיקע קינד, ארויסגעפּרעסט פון דער געבוירמוטער דורך דעם מוטערמויל אָדער דורך דער שייד, וואָס עפנט זיך ברייטער צוליב אָט דעם ציל. מיר זאָגן יעמאָלט: דאָס קינד ווערט געבאָרן.

— און די זוימענפעדעמלעך?

— אַזוי ווי די פרוי האָט אירע געשלעכטלעכע דריזן, אַן אייערנעסט וואָס ברענגט ארויס די אייער, האָט אויך דער מאַן זיינע געשלעכט=דריזן, די בצים. אין זיי אַנטוויקלען זיך די זוימען=חיהלעך.

— ווי? חיהלעך?

— מען רעדט וועגן זוימען=חיהלעך דערפאַר, ווייל די זוימענפעדעמלעך האָבן אַן אייגענע באַוועגונג. זיי האָבן אַ „קאָפּ“, אַ שטיק צעלטל, פון הינטן קומט צו אַ קליין „מיטלשטיק“, וואָס פאַרשפּיצט זיך צו דער ענד אין אַן „עק“, וואָס מיט זיין הילף קען דאָס צעלטעלע ראַש אין שלענגלדיק זיך באַוועגן. איר אַלע האָט דאָך געזען די פראַשוועדעמלעך אָדער די טריטאָנען, וואָס גראָד איצט פרילינג=צייט געפינען מיר זיי אָפט אין סאַזשלקעס. זיי האָבן אַ מין רודער=עק, נישט אמת? אַזוי ווי אָט די חיהלעך באַוועגן זיך אין וואַסער מיט דער הילף פון זייער עק, שלענגלען זיך די זוימענפעדעמלעך אין דער פליסיקייט פון דער שליימהויט, מיט וואָס עס איז אויסגעבעט די ווייבלעכע שייד און דער אינעווייניק פון דער געבוירמוטער, ביז זיי קומען צו צו דעם איי. ביי אַ צונויפפאָר קומען אַ סך הונדערטער טויזנטער אַזעלכענע זוימענפעדעמלעך אין דער ווייבלעכער שייד אָדער אין מוטערמויל

אריין. אין בעסטן פאַל דרינגט נאָר איין איינציק פון די אַלע פעדעמלעך אין דעם איי און פאַרשמעלצט זיך מיטן איי אין איין צעלטל. דאָס דאָזיקע צעלטל טיילט זיך, פון אים ווערן צוויי צוזאַמענהענגעדיקע צעלטלעך און פון כסדרדיקע אַלץ=נייע טיילונגען איז במשך פון דער שוואַנגערשאַפט אַנטשטייט פון דעם באַפרוכפּערטן איי אַ נייע לעבעדיקע באַשעפעניש. אַלע נטיות וואָס זיינען שפּעטער צו באַמערקן אין דעם לעבן פון אָט דער באַשעפעניש ווערן איבערגעגעבן דעם קינד אין דער רגע פון באַפרוכפּערונג — אָדער דורך דעם פאָטערלעכן זוימען=צעלטל אָדער דורך דעם מוטערלעכן איי=צעלטל. אָט דאָס איבערגעבן רופן מיר ירושהדיקייט. דערמיט ווערט אייך שוין קלאָר, אַז אַ קראַנקייט פון זאמען אָדער פון איי=צעלטל ברענגט מיט אַ שעדיקונג פאַר דעם ווערנדיקן קינד.

— ווי קענען אָבער איי אָדער זאָמען קראַנק זיין?

— נו, מיר געפינען למשל אַזוינע זריעה=שעדיקונגען ביי על=טערן, וואָס זיינען אַלקאָהאָליקער. אַלקאָהאָל איז אַ גיפט, וואָס איז גאַנץ געפערלעך, בפרט פאַר דער זריעה. אויך באַשטימטע קראַנקייטן, וואָס מען רופט זיי געשלעכט=קראַנקייטן, ווייל זיי ווערן ס'רוב איבערגעגעבן ביים געשלעכטלעכן פאַרקער, צום ביי=שפּיל סיפילים אָדער לועס (אָדער די פראַנצן), קענען שעדיקן די זריעה=צעלטלעך און ווירקן אַזוי אַרום אויף דעם שטאַם פון דער פאַמיליע, על בנים על שלשים ועל רבעים, ביזן דריטן און פערטן געשלעכט, ווי דער חומש זאָגט. פון דעם קען מען אָבער אויך באַנעמען, ווי געפערלעך עס איז זיך אָפּצוגעבן דער תאווה פון שכרות אָדער זיך איינשטעלן אין אַ סכנה זיך אָנצושטעקן אַ געשלעכט=קראַנקייט.

— ווי קען מען זיך אָנשטעקן?

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז געשלעכט=קראַנקייטן גיבן זיך איבער כמעט נאָר דורך דעם געשלעכטלעכן פאַרקער. דער קראַנקער מאַן מאַכט אומגליקלעך ניט נאָר די באַטרעפנדיקע פרוי, וואָס ער שטעקט זי אָן, נייערט ער מוז זיך אויך ריכטן

אדער אַף קראַנקע קינדער אדער אַף ניט צו באַקומען בכלל קיין קינדער.

אַ פּאַוזע פון באַקלערן זיך. לסוף פרעגט איינער: „פון ווען אָן האָט מען זוימען־פּעדעמלעך?"

— „איך האָב פריער גערעדט וועגן צייטיק־ווערן פון דעם איי און וועגן די מאָנאַטלעכע בלוטונגען אָדער מענסטרואַציעס ביי מיידלעך. אן ערך אזוי הייבן אָן ביי יינגלעך ארום דעם 13־טן לעבנסיאָר זיך צו צייטיקן די זוימענצעלטלעך. גלייכצייטיק מיט די פאָרקומענישן אין די געשלעכטדריזן אַנטפּלעקט זיך דאָס, אַף וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזן: דאָס צייטיק־ווערן פון די זאָמענ־צעלטלעך ברענגט מיט אַן איבעראנדערשונג פון דעם גאַנצן מענטשן. קלאָר, אַז ניט פון היינט אַף מאָרגן קען פּאָרקומען אזא איבעראנדערשונג. זי געדויערט מערערע יאָרן. ניט נאָר דער גוף — די נשמה פון דעם יונגן מענטשן בייט זיך אויך. מיט דער צייט באַקומט ער אַ פּערזענלעכן אינטערעס פאַר אָנגעהערי־קע פון צווייטן מין. עס קומען אויף די ערשטע, אָפט אומבאַוווס־טע „נייגונגען". אוודאי האָט ניט איינער פון אייך באַמערקט אַזוינע געפילן, צי ביי זיך צי ביי אַנדערע. לכתחילה ווערט אופ־גענומען די נייע פאַרהעלטעניש צו אַנדערע מענטשן ווי עפּעס דריקנדיקס און אומפאַרשטענדלעכס. אגב גייט עס האַנט אין האַנט מיט אַן אָפּרייסן זיך פון די, מיט וועמען מען איז געווען ביזאַהער שטאַרק פאַרבונדן. ווי נאָר די סביבה באַמערקט אַ מער אדער ווייניקער ענגע דערנענטערונג צווישן צוויי יונגע מענטשן, נעמט מען שושקען, טרייבן קאַטאָוועס, זיך טשעפּען צו זיי. אזא באַציונג פון די ארומיקע קען געוויס ניט גרינגער מאַכן די לאַגע פון דעם באַטרעפנדיקן יונגן מענטשן. אַזאַ באַציונג איז אַ גרויסע עוולה: די דאָזיקע איבערלעבונגען זיינען פאַרבונדן מיט שווערע אופטרייסלונגען אין דער יונגער נשמה. און מיר האָבן אייגנטלעך דעם פולן גרונד צו העלפן אונדזערע פריינט מיט אן עצה, מיט אַ גוט וואָרט, אָדער דורך דעם בכיוונדיקן צוריקהאַלט פאַרלייכטערן פאַר אונדזערע פריינט דאָס בייקומען זייערע שוועריקייטן. אנשטאָט דעם — נאר איר ווייסט דאָך

אליין, וואָס עס קומט ס׳רוב פּאָר, אפילו אויך אין אונדזערע יוגנטגרופּעס.

— יע, אין די גרופּעס קען דאָך אזוינס ניט אָנגיין.

— וואָס אזוינס? זעסט, ביסט געדעכט, מיר מוזן פילן און טראָגן די שטאַרקע און טיפע פאַראַנטוואָרטונג לגבי אונדזער באַוועגונג. און דווקא דאָס באַנעמען די דאַזיקע פאַראַנטוואָרטונג זאָל זיין אָט דער פעסטער יסוד. אָף ארויסצוגעפינען א זיכערע באַציונג צו די שוועריקייטן, וואס זיינען אויטלעכן באַשערט אין אונדזער פּערזענלעכן לעבן. אָפן יסוד פון דעם געפיל פון פאַראַנטוואָרטונג זאָל יעדער איינציקער צווישן אונדז פילן זיינע התחייבותן צו דער באַוועגונג און זאָל ניט געפירט ווערן פון פּערזענלעכע בינדונגען און נייגונגען ביז צו דער מדרגה, אז ער וועט נעמען פאַרוואַרלאָזן זיינע פליכטן לגבי דער באַוועגונג און לגבי זיינע חברים. א קאָנפליקט צווישן די שטימונגען, וואָס עס וועקט אין אונדז א „נייגונג”, און צווישן די פאָדערונגען, וואָס עס שטעלט אונדז אונדזער זאַך, וועלן מיר בלויז יעמאָלט פאַרמיידן, — ווען מיר, יונגען און מיידלעך צוזאמען, ווען מיר וועלן פּרווון מיטן לעבן פאַרטיק ווערן; יוען איר. וועט מיטן געפיל פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטונג, וואָס רוט אָף אייך, מאַכן דורכדרינגען אויך אייער פּערזענלעך לעבן. מען קען ניט באַרעכטיקן קיינעם, וואָס האָט פעיקייטן עפּעס צו שאַפן אין דער באַוועגונג, און ער ציט זיך צוריק איבער א פלוצלימדיקער נייגונג צו אַ מענטשן. די דאָזיקע נייגונג נעמט זיך דאָך סוף כל סוף פון קערפּערלעכע באַדערפענישן, צי מען ווייס עס, צי מען ווייס עס נישט. ס׳איז ניט ווערדיק פאַר אונדז זיך צו לאָזן פירן נאָר פון אינסטינקטן. איך זאָג אינסטינקטן — ווייל ביי א פריינטשאַפט אָדער ביי אַ ליבע איז דער יסוד, איז דאָס ערשטע דער בלינדער טרייב־כוח. די דאָזיקע „האַרץ־ציענישן” קענען מיר רעכטפאַרטיקן ערשט יעמאָלט, ווען זיי האַלטן אוים די קריטיק פון שכל. און אויב איך האָב מיט עטלעכע מינוט צוריק גערעדט וועגן אחריות, וועט אָט דאָס געפיל פאַקטיש אָנפירן מיט אונדזער לעבן, באַים מיר וועלן האָבן גענוג כוחות צו בלייבן דער האַר איבער אונדזערע חושימדיקע טרייבן,

ד. ה. ווען מיר וועלן האָבן כּוח און מוט זיי צו באַהערשן. און דאָס איז נייטיק שוין מחמת דעם, מיר זאָלן ניט פּטרן, ניט צערייבן אונדזערע כּוחות, איידער מיר זיינען נאָך צייטיק געוואָרן, וואָס לײדער קומט עס אָפּט פאָר.

אָבער האָרכט. ס'איז שוין גאַנץ שפּעט. אַנדערע פון אייך זיצן פאַרמאַטערטע, איר האָט אַלע ווי געהעריק געאַרבעט. און ס'איז ניט רעכט צו ריידן נאָר פאַר די עלטערע, וואָס זיינען נאָך גענוג פריש כּדי זיך צוצוהערן. לאָמיר סאָלידאַר זיין מיט די פאַרמאַטערטע. אַיאָ?

— נאָר...

— וואָס איז?

— מיר האָבן דאָך נאָך ניט געענדיקט.

— אַוודאי ניט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם זיינען פאַראַן גענוג פראַגעס. מיר קענען זיי ווי היינט אַלץ ניט אויסשעפּן.

— ווען ריידן מיר ווייטער?

— ווען האָט איר צייט?

— איבערמאָרגן? גוט. אויב איר קענט אַלע. און איך האָב נאָך אַ פאָרלייג. גראָד די צווישן אייך, וואָס האָבן היינט ווייניק געזאָגט — יאָ, יאָ, מיידלעך, אייך מיינט מען דאָ פריער פון אַלץ! — האָבן אפשר פראַגעס און שעמען זיך זיי אַרויסצורײדן, ווייל עס פעלן „די ריכטיקע ווערטער". אַיאָ? נו, כ'ווייס, איך האָב געטראָפן, פון דער אַנדער זייט. אויב מיר וועלן פונקט די ניט־אַרויסגעזאָגטע פראַגעס ניט באַטראַכטן, האָט אונדזער שמועס בלויז אַ האַלבן ווערט. בכן, ווער עס האָט נאָך פראַגעס, זאָל ער זיי אָנשרייבן — ווי ער וויל און ווי ער קען — אַף אַ צעטל און אַרײַנוואַרפן דעם צעטל אין פרעגקעסטל. יעמאָלט וועלן מיר איבערמאָרגן ראשית חכמה אַ קוק טאָן אַף די צעטלען. וועלן מיר שוין זען אַף וואָס צו שטעלן דעם טראָפּ, וואָס מען זאָל גענויער באַטראַכטן.

.III

די ווייבלעכע געשלעכטארגאנען.

— נו, וואס שטעקט אין דעם פרעגקעסטל? האָט איר שוין געזען?

א שווייגן אין פארלעגנהייט. די געזעלשאפט האָט מורא געהאט זיך איבערצוציינן, צי עס געפינען זיך בכלל צעטלען איז פרעגקעסטל און וואָסערע צעטלען דאָס זיינען.

מיר עפענען דאָס קעסטל. קוקסט: פאראן דאָך א פּאָר אפּגע־ריסענע בלעטלעך. מער ווי איך האָב געקלערט. אפילו אזא אופן צו שטעלן פראַגעס שטויסט זיך נאָך אָן אַף גוואלדיקע אינעווייניקסטע שטערן.

הכלל, וואס איז פאראן?

„פּרטים וועגן די געשלעכטאָרגאנען".

„פּראָסטוציע".

„וואס הייסט, א מיידל האָט געמפּילט".

„אָנאַניזם".

— גוט, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. איינס נאָכן אַנ־דערן. מיט אלץ וועלן מיר אויך היינט ניט פארטיק ווערן. דער־וויל, כאָטש מיר שטעלן זיך אף דעם ניט אָפּ — עס הייסט פ ר אָ ס ט י ט ו צ י ע.

— וואס איז דען דאָס?

— קיינער ווייס ניט?

— ווען א מיידל לאָזט זיך דערפאר באצאָלן.

— וואס דערפאר?

— נו, פאר דער ליבע.

— יאָ, ביסט גערעכט. פאראן אָט דער דאזיקער עקל, אז פרויען פארקויפן זיך כ ד ת ו כ ד י ן, אז דער געשלעכטלעכער

פאַרקער קומט פאַר פאַר געלט. מען קען קען קויפן פרויען, ווי מען קויפט אין קראַם א פאַר שיך. דער חילוק איז נאָר — ס'רוב זיינען שיך טייערער. ווייסט איר אזוינס? באַגרייפט איר אזוינס?

דער עולם איז פארוואונדערט, פארגאפט, פארלעגן. מע שווייגט.

— זעט איר, אזוינס איז א „זעלבפארשטענדלעכקייט", איינע פון א גאַנצער ריי זעלבפארשטענדלעכקייטן פון אונדזער פראַק־טיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, איינע פון די זאכן וואס מען רעדט ניט וועגן זיי, ווי מיר האָבן דאָס שוין די טעג געזאגט. מיר וועלן אַן אנדער מאָל נאָך גענויער באטראכטן די פראגע.

איך רעכן אז דאָס גלייכסטע איז פריער גענוי צו לערנען דעם פרק וועגן געשלעכטאָרגאַנען, ווי מען וויל דאָ לויטן צעטל. די באַזונדערע טיילן ווייסן מיר שוין מיט זייערע נעמען. זאָג אקאָרשט..... ווייסטו, וואו עס געפינט זיך איין דער אייער־נעסטל?

. . . .

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבעצן.

— זעט, דאָס איז דאָך כדאי צו פארצייכענען. אין אַן עלטער, ווען אַ מיידל מעג שוין, נאָך דעם דייטשישן געזעץ נאָך, חתונה האָבן, ווייס דאָס מיידל ניט וועגן דעם אָרט פון דעם אָרגאַן, וואָס אין תוך באַשטימט ער איר גאַנץ וועזן, וואס ער מאַכט זי אייגנטלעך פאר א פרוי. אָבער עס קומען פאַר נאָך משוגענערע זאַכן. אַנוסטן האט זיך ארויסגעוויזן אין א יוגנטגרופע, אז 18־ און 20־יאריקע חברה־לייט האָבן קיין פארשטעלונג ניט געהאט, אז ביי פרויען קומען פאַר פירוועכנטלעכע מענסטרואַצי־עס, יע, איר לאכט. איך מעג זיך פרייען, אַז ציינד ווייסט איר עס בעסער. אבער איך וועל אסור ניט שווערן, אז אלע פון

איך האבן וועגן דעם געוווסט נאך פאר אונדזער לעצטן שמועס. אַיאָ ?

— ווען הייבן זיך אָן די מאָנאַטלעכע בײַ דער פרוי ?

— מיר האָבן דאָך שוין דאָס פאַריקע מאָל געזאָגט. אַן ערך צו 14 יאָר. דורכשניטלעך צווישן 13 און 15 יאָר. ס'איז גאַנץ פאַרשיידן.

— עס קומען אויך דאָ פאָר אומרעגלמעסיקייטן ?

— אוודאי. אַנדערע מענטשן אַנטוויקלען זיך שפּעטער ווי דער דורכשניט. בײַ אַנדערע פאַרבלײַבן די געשלעכטאָרגאַנען פאַרהעלטענישמעסיק לאַנג אין אַ קינדערשן מצב. עס קען אויך טרעפן, אַז די בלוטונגען קומען ניט רעגעלמעסיק. און אפילו בײַ אַזעלכע פרויען, וואָס האָבן רעגלמעסיקע בלוטונגען, קען מחמת אופרעגונגען אָדער ניט-דערנערונג (אָפּצערונג), ווי דאָס איז געווען בשעת דער מלחמה, צעשטערט ווערן די רעגלמעסיקייט אָדער די בלוטונגען קענען אין גאַנצן אויפהערן.

— מעג מען שווימען בשעת מען האָט די מאָנאַטלעכע?

— דאָס קען מען בכלל אַזוי ניט זאָגן. די מערהייט מיידלעך און פרויען נייטיקן זיך די דאָזיקע טעג אין דעם. מען זאָל זיי שאַנעווען. פאַר אַנדערע מיידלעך ווידער שאַטן ניט קיין קערפּערלעכע אָנשטרענגונגען. דעם געבאָט צו שאַנעווען אין די דאָזיקע צײַטן די מיידלעך מוז געדענקען יעדער אָנפירער מיט אַ גרופּע, יעדער ספּאָרט-ראָש. איך האָב שוין ניט איין מאָל געזען, אַז בעת אַן ארויספאָר צו אַ שפּאַציר צי אַ ספּאָרטאונטערנעמונג זאָגן ניט די מיידלעך קיין וואָרט וועגן זייער ניט-געזונט-זײַן. פאַרקערט, זיי שלעפּן זיך מיט מיט די לעצטע כוחות, זיי נעמען נאָך זיך איבער מיט דעם און זיי שעדיקן זיך. פאַרוואָס? ווײַל זיי ווילן אין קיין זאַך ניט אָפּשטיין פון די יינגלעך. דער אָנפירער אָבער, וואָס ער האָט צו פאַרענטפערן פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג, מוז לייגן אַכט אויף דער צײַטווײַליקער מינדערווערטיקייט פון די חברטעס. מוז בײַ די געהעריקע פאַלן רויק פרעגן און בײַם באַקומען אַ יאָ-ענטפער זען, אַז די אַנדערע זאָלן עס נעמען אין באַטראַכט. גראָד דאָ פּאַסט זיך קענטזייטיקע אָפּנקייט.

אָבער — נחזור לענינו. לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע. איר האָט דאָך אַלע געזען שוין אַמאָל א סקעלעט פון א מענטשן? איאָ? גוט. דערמאָנט איר זיך וועגן ביי׳ניקן בעקן? קום אַהער, מיין ליבער. אזוי. לאָמיר פירן מיט דער האַנט איבער זיינע לענדן, פון ביידע זייטן קומען מיר צו אַן אָפּהאַלט. צו אַן ארויסהייבונג. שא, לאזט, איר באַפאַלט ניט אַלע דעם אָרעמען האַנט! דאָס קען יעדערער אָנטאַפּן ביי זיך גופא. וואָס איז דאָס פאר א ביין?

— דער בעקן.

— יאָ, אָבער וואָסער טייל פון דעם בעקן?

. . . .

— שוין גאָר לאַנג ווי איר האָט פאַרלאָזן די שול? דעם בעקן און די טיילן פון בעקן קען מען זען אַפילו אַף די שולבילדער, וואָס ווייזן אונדז אגב נאָר געשלעכטלאָזע מענטשן. דאָס איז דער אייבערשטער ראַנד פון די בעקן-לאָפּעטקעס. די ביידע גרויסע בעקן-לאָפּעטקעס שטעלן צונויף דעם „גרויסן" בעקן. דאָ אינע-ווייניק זיינען פאַראַן... נו?

— די געדערעם.

— ריכטיק. לאָמיר איצט מיט דער האַנט פירן בויך-אַראָפּ. טאַפּט איר אַן א ביין?

— דאָ איז ווידער אַ ביין.

— המם, וואָס איז דאָס פאַר א ביין?

— ער געהערט אויך צום בעקן.

— אוודאי. דער בעקן באַשטייט פון צוויי העלפטן, וואָס פון פאָרנט טרעפן זיי זיך צונויף. ס׳הייסט, ניט אין גאַנצן. צווישן זיי בלייבט אַ קלענער שפּאַלט וואָס ווערט אויסגעפילט פון כראָמסקע. דאָס איז כדי דער בעקן זאָל זיין עלאַסטיש. וואָס נאָך קענען מיר אָנטאַפּן פון דעם בעקן?

מער גאָרנים? לאָמיר זען. בייג זיך איין, האַנס. נו, פילט מען אָט דאָ?"

אָטאָ האָט אים אַ טאַפּ געטאָן איבערן טיה.

— וואָס איז דאָס?

— אַ ביין.

— אָבער וואָס פאַר אַ ביין?

. . . .

— מען ווייס ניט? איז האַלט דיין פינגער אָט אַף דעם ביין, איצט, האַנס, זעץ זיך פאָרזיכטיק.

— מענטש איינער, דו זעצט זיך דאָך אַף מיין פינגער! האָט אָטאָ שוין פּראָטעסטירט.

— איז וואָס איז דאָס פאַר אַ ביין?

— אַף וועלכן מען זיצט.

— רופט מען אים זיצביין. איינער איז פאַראַן רעכטס, איינער לינקס. זיי געהערן אויך צום בעקן. און פון הינטן? פיר מיט דער האַנט איבערן רוקנזייל. וואָס דערטאַפּסטו צום סוף?

— דאָ איז אַזאַ שפּיץ.

— דאָס איז דער עקביין. ווען מען פאַרלעצט אים, טוט עס ווי אַ שרעק. און אַזוינע עקביין־פאַרלעצונגען קומען ניט זעלטן פאָר ביים ספּאָרט. יעמאָלט פאַרלירט מען דעם חשק צו...

— זיצן!

— זייער ריכטיק. צינד חזרן מיר איבער: מיר האָבן פיר פונקטן: דאָ פון פאָרנט — די כראָמסקע פון בעקן (A), אונטן פון ביידע זייטן — די זיצביינער (B, C) און פון הינטן דעם עקביין (D). איצט שטעלט זיך פאָר, אז דורך דעם פונקט A האָבן מיר דורכגעפירט אַ האָריזאָנטאַלן פליין און אַזאַ מין פּאַראַלעלן פליין צו אים לאָמיר זיך פאָרשטעלן דורכגעפירט דורך די פונקטן B, C און D. באַקומען מיר אַ רוים, וואָס איז ענלעך אַף אַן איבערגעקערטן אָפּגעהאַקטן קאָנוס. דער קרייז, וואָס גייט דורך



צייכענונג 1

דורך A איז א ביינערנער. דאָ איז דער גרענעץ צווישן „גרויסן" און „קליינעם" בעקן, האָט איר פאַרשטאַנען?

איבעריקס, איין מאָל פאַר אַלע מאָל. ווען מיר וועלן ווי-דער וועגן עפּעס דאַרפן שמועסן, באַזאָרגט לכתחילה אַ מאָוול און קרייד. יעמאָלט פאַרגרינגערן מיר זיך די זאַך אַף העלפט. אָבער איצט לאָמיר זיך דערמאָנען, פון וואָסער. פראַגע מיר האָבן דאָ אָנגעהויבן, אַלע האָבן שוין פאַרגעסן? און דו, אָטאָ?

— דו האָסט געפרעגט, ווו עס ליגט ביי דער פרוי איר א י י ע ר נ ע ס ט.

— ריכטיק! איצט קענען מיר עס זאָגן מער-ווייניק גענוי. יעדער פרוי האָט צ ו ו י אייערנעסטן, צווי געשלעכטדריזן, אזוי ווי דער מאַן. זיי ליגן אַן ערך רעכטס און לינקס ביי דעם ביינער-נעם רינג, וואָס איז דער גרענעץ צווישן גרויסן און קליינעם בעקן. אין די אייערנעסטן אַרבעטן זיך אויס און קומען ארויס אייער, נאָכדעם ווי זיי צייטיקן זיך. דאָס אַלץ ווייסן מיר שוין. ווו בלייבן זיי, אָט די אייער?

— דאָס איי גייט דורך דעם אייערפירער אין דער הייב-מוטער אריין. דאָס ווייסן מיר שוין אויך.

— איז גאָר גוט. ווערט דאָס איי באַפרוכפּערט פון דעם זוימענפעדעמל, אַנטשטייט אין דער הייבמוטער דאָס קינד. אַיאָ! איצט לאָמיר זיך קלאָר מאַכן, ווי עס וואַקסט דאָס קינד. דערצו דאַרפן מיר נאָך אַ זאַך טאָן, ווי אַזוי עס איז איינגעשטעלט דער בעקן אין דעם קערפּער. ווידער, האַנס! שטיי זשע אויף, לאָמיר פונדאָסניי אופזוכן די דריי פונקטן B, C און D. ווי זשע שטייען זיי זיך צווישן אַנאַנד?

— דער עקביין (פונקט D) איז העכער פאַר די זיצביינער (פונקטן C און B).

— אַהאַ, דאַרפן מיר זאָגן, אַז דער קליינער בעקן, וואָס מיר האָבן אים פריער צוגעגליכן צו א פאַרקערטן אָפּגעהאַקטן קאָנוס, איז גענייגט צו פאָרנט-צו.

איצט לאָמיר אויך זען, אַז דער קרייצביין און דער עקביין שטעלן צונויף א מין בויגן, אין פאָרם פון אזא מין בויגן, וואָס



E
G
F
A
B
D
C
ריכטונג פון קינדס
וואקסן אין מוטערלייב
בעקן-רינג
ריכטונג פון געבוירן
קרייץ- און עקביין
געבוירמוטער

צייכענונג 2

גייט אין דער ריכטונג פון דעם בּיינערנעם בויגן, ליגט זיך די הייבמוטער אָדער די געבוירמוטער. איר אייבּערשטע פאַררונדונג ליגט אַן ערך אין דעם פּליין, וואָס טיילט דעם גרויסן בעקן פון דעם קליינעם. שטעלט זיך עס פאָר, בעסער — צייכנט זיך עס אָן, איצט קומט אזא פראַגע: ווען דאָס קינד וואַקסט אין געבוירמוטער — אין וואָסער ריכטונג קען עס וואַקסן?

נו, לאָמיר זען, לאָמיר זאָגן צו פאָרנט=צו...

דאָ איז די כראָמסקע פון בעקן.

— צו הינטן=צו...

— דאָ זיינען די בּיינער, דער קרייצביין און דער עקביין.

— רעכטס און לינקס זיינען די בּיינערנע ווענט פון קליינעם בעקן, פון רעכטן און לינקן זיצביין ביז צום בּיינערנעם רינג. בכן בלייבּט איבער?

— נאָר צו אויבן=צו.

— צו אויבן=צו און צו פאָרנט, ווי א המשך פון דעם בויגן פון דער געבוירמוטער. און די בויך=וואַנט רוקט זיך ארויס, דאָס אינגעווייד לאָזט זיך פארשטויסן אַף אויבן. און מיר זעען דאָך טאקע בּיי יעדער טראָגעדיקער פרוי אין די הויכע מאָנאַטן, ד. ה. אין דער צווייטער העלפט שוואַנגערשאַפט, ווי איר בויכוואַנט ווערט אויסגעבויגן, קויפיק. מיר קענען אַפילו פילן די באַוועגונגען פון דעם קליינעם קינד אין דער געבוירמוטער.

ווען עס פאַרלויפן די ניין חדשים פון אויסטראָגן דאָס קינד, ציט זיך צונויף דער הייבמוטערס זעקל מוסקולן וואָס רינגלט אַרום דאָס קינד. דאָס זיינען די ו ו יי ע ן. דאָס קינד ווערט ארויסגעפרעסט דורך דעם קליינעם בעקן און דורך דעם פאַרבּרייטערטן מוטערמויל, ד. ה. דאָס קינד ווערט געבּאָרן. דער וועג, וואָס דאָס קינד מוז דורכמאַכן, איז ווידער באַשטימט דורך די פונקטן A, B, C און D. דאָס הייסט דאָס קינד גייט דורך דורך דעם פירעק A-B-C-D,

עס קען פאָרקומען, אז איבער עפּעס אַ פאַראַנדערשונג אין די אָרגאַנען, גייט דעם קינדס קאָפּ ניט דורך דעם אָנגעמערקטן פירעק. איך זאָג „דעם קינדס קאָפּ" — ווייל 97 פראָצענט קינ=

דער שטייען אין מוטערלײַב אַפן קאָפּ און בכן ווערט דאָס קינד געבאָרן מיטן קאָפּ פאָרויס. עס קען אויך טרעפן, אַז מען מוז איבערגוואַלד, מיט אַ געהעריקן אינסטרומענט, אַ מין צוואַנג, ארויסציען דאָס קינד.

איר פאַרשטייט, אַז טראָגן און האָבן אַ קינד איז ניט קיין שפּילכל פאַר דעם פרויענקערפּער. דעריבער טאָר קיין פרוי זיך ניט אונטערנעמען אַזוינס, איידער איר קערפּער ווערט ניט גאָר אין גאַנצן צייטיק דערצו, ד. ה. זאָל די פרוי זיך אָפּהאַלטן פון האָבן אַ קינד ביזן צוואַנציקסטן לעבנסיאָר!

בײַ אַזאַ פאַרוויקלטן פּראָצעס ווי די שוואַנגערשאַפט איז קענען גרינג פאָרקומען קרענקלעכע שטערונגען. אַזוינע שטערונגען קענען אַמאָל זיך ענדיקן מיטן טויט פאַר דער פרוכט. אַ טויטע פרוכט איז ווי ניט קיין באַפרוכפּערט איי — זי ווערט ארויסגעשטויסן פון קערפּער צוזאַמען מיט אַ בלוטונג. עס קומט פאָר אַן אַבאָרט. ווען בײַ אַ פרוי קומט דאָס פאָר, זאָגט דאָס פאָלק — זי האָט געמפּילט.

— און וואָס זײַנען די סיבות פאַר אַבאָרטן?

— זיי קענען זײַן גאַנץ פאַרשיידן. למשל, ווען די פרוי איז קראַנק, ווען זי האָט אָנגעשטעקט איר קינד אין מוטערלײַב מיט איר סיפילים, אָדער ווען זי איז געפאַלן, זי האָט זיך צעקלאַפּט און אַזוי ווײַטער. זייער אָפט ווערט דער אַבאָרט ארויסגערופן בכיוון, מען מישט זיך קינסטלעך ארײַן אין דעם נאַטירלעכן פאָרקום.

— צוואָס זיך קינסטלעך אַרײַנמישן?

— כּדי צו באַזײַטיקן דאָס קינד. די פראַגע איז אָבער אַזוי וויכטיק, אַז מיר ווילן זי באַטראַכטן באַזונדער און גאָר באַריכותדיק. עס בלײַבן אונדז איבער נאָך גענוג פראַגעס. מיר האָבן נאָך כּמעט גאָרניט גערעדט וועגן די מענלעכע געשלעכטס-אָרגאַנען. אין שײַכות מיט זיי וועלן מיר שוין ריידן מכּוח אָנאַניזם. וועלן מיר עס טאָן קומענדיקן מאָל בײַם צונויפקומען זיך. ווילט איר?

— אוודאי, אוודאי, מיר ווילן!

— דער אינטערעס צו דעם איז אַ געזונטער. הן דער מאַן, הן די פרוי דאַרפן וויסן אַלע פּרטים נים נאָר פון זייער אייגענער געשלעכטלעכקייט. נאָר יעדער געשלעכט דאַרף זיין באַהאַוונט אויך אין דעם וואָס עס איז נוגע דעם צווייטן. א גוטע נאַכט!

IV.

די מענלעכע געשלעכטארגאנען, אנאניזם.

מיר זיינען ווידער געזעסן צוזאמען. מיר האָבן אַפילו באַקומען אַן עודף: נאָך נייע זיינען צוגעקומען. דאָס איז מיר אייגנטלעך ניט געפעלן. ווען עס קומען אַזוינע אומרעגלמעסיקע געסט, איז אַ סכנה פאַראַן, אַז אַ טייל וועט ניט אַלץ פאַרדייען און וועט אין אַ ניט צוגעפאַסטער פאָרם ווייטער איבערגעבן דאָס פאַרשטאַנענע בלויז אַף האַלב. איך האָב אַף דעם אָנגעוויזן.

מיר זיינען אַריבער צו אונדזער טעמע.

— מיר האָבן פאָריקן מאָל גערעדט וועגן געשלעכטדריזן, וואָס איז אָבער בכלל אַ דריז?

. . . .

איך האָב זיך געקלערט, אַז מען זיים עס ניט. פאַרוואָס זשע פרעגט מען ניט? דאָס איז ניט רעכט פון אייך. איר ווייסט, אַז מיר ווילן זיך פארשטענדיקן, און ווי קען דאָס געמאָלט זיין, בעת איינער פאַרשטייט ניט דעם צווייטנס ווערטער? בכן — הערט! תיכף פרעגן, ווען עפעס אַ וואָרט, עפעס אַן אויסדרוק אָדער דער גאַנצער צוזאמענהאַנג איז ניט אין גאַנצן קלאָר! עס איז אַ נאַרישע טבע צו מאכן דעם אָנשטעל, אַז כלומרשט האָט מען פאַרשטאַנען, און נאָכדעם צו פינטלען אין אַ פארלעגנהייט מיט די אויגן, בעת מען שטעלט אַריין אַ פראַגע. נאָר יוצא — ס'איז אָפגעמאכט! ווייסט איר וואָסערע ניט איז דריזן אין קערפער?

— שפייעכץ.

— דו מיינסט די שפּייעכץ־דריז אָדער ריכטיקער די שפּייעכץ־דריזן, ווייל דער מענטש האָט מערערע שפּייעכץ־דריזן. וואָס איז דער סימן מובהק, דער עיקר־סימן פון אָט די אָרגאַנען?

— עס לויפט אַרויס שפּייעכץ.

— הייסט עס, דער אָרגאַן טיילט עפּעס אויס פון זיך. דאָס איז באמת דער סימן מובהק פון אַלע דריזן. זיי זונדערן אָפּ באַשטימטע שטאָפן. האָבן די געשלעכטדריזן אויך דעם דאָזיקן סימן?

. . . .

— אפשר פאַרשטייט איר ניט קלאָר די פראַגע. מוזט איר דאָס אויך זאָגן, מען קען דאָך ניט ענטפערן, בעת מען ווייס ניט, וואָס מען פרעגט. איך מיין: טיילן עפּעס אויס פון זיך די געשלעכטדריזן? זיינען זיי טאַקע באמת ד ר י ז ן?

— יאָ, אייער.

— גאַנץ ריכטיק, ביי דער פרוי טיילן די געשלעכטדריזן אויס די אייער. און ביים מאַן — זוימען.

— פיין. נו לאָמיר איצט זען, ווו עס ליגן דעם מאַנס געשלעכטדריזן. איבער דעם ווו עס זיינען פאַראַן די געשלעכט־דריזן ביי דער פרוי האָבן מיר שוין גערעדט דאָס פאַריקע מאָל. נו, ווו?

— אין זאַק.

— יאָ, אין אַזאַ הויטיקן צודעק, בכן, געפינען זיי זיך גאָר אין אַן אַנדער אָרט ווי ביי דער פרוי, מ ח ו ץ דעם בויך־רוים.

— אַהאַ, דאָס זיינען דאָך די אייער!

— מיין ליבער, דו ביסט א קרבן פון א צווייטייטיקן אויסדרוק. אין פאָלק רופט מען טאַקע אָט די דריזן, וואָס געפינען זיך אין דעם הויטיקן צודעק — אייער, ווייל זיי האָבן אַזאַ פאָרם. אָבער דאָס איז לגמרי אַן אַנדער זאַך ווי דער פרויס אייער. פאַרן מאַן האָט זיך ביים פאָלק גענומען דער נאָמען נאָר

מחמת דער פאָרם פון די דריזן, וואָס דער וויסנשאַפט-לעכער נאָמען פאַר זיי איז — האָדן, אָט אין די האָדן שאַפן זיך די זוימענדלעך. פון ווען אָן?

. . . .

— קיינער ווייס שוין ניט? האָט שוין דאָס קליינע קינד פון מענלעכן געשלעכט זוימענצעלטלעך?

— ניין.

— בכן, פון ווען זשע יאָ?

— ווען עס הייבט זיך אָן די אַנטוויקלונג.

— ריכטיק. דעריבער רופן מיר טאַקע די יאָרן, אָנהייבנ-דיק פון צוועלפן, פון דרייצנטן לעבנסיאָר, די אַנטוויקל-יאָרן, ווייל פון אָט דער צייט אָן אַנטוויקלט זיך פּאַמעלעך דאָס קינד אין אַ מאַן אָדער אין אַ פרוי — אין אַ געשלעכטלעכער באַשעפעניש. צינד ווייל איך אייך איבערגעבן, אַף וואָס איך האָב זיך אָנגעשטויסן מיט עטלעכע טעג צוריק. איך בין געווען אין אַ דערגאַנצונג-שול און גערעדט דאָרטן מיט יינגלעך און מיידלעך אין הלכת געזונט. קומט צו צו מיר אַ פופצניאָריקער, אַ ביסל געדריקט, רעדט שרעקעדיק און שעמעדיק און שטיל: „הער דאָק-טאָר, קען איך אייך וואָס פרעגן?" — „פאַרוואָס עפעס אַזאַ פּייערלעכער טאָן? ס'גייט דאָך ניט אין לעבן!" — „הער דאָק-טאָר, איך האָב מורא, איך בין קראַנק. איך האָב אַזאַ אויספלוס." — „ווען, מיין ליבער? און ווי זעט ער אויס, דיין אויספלוס?" — „אַמאָל איז אין דער פרי נאָס מיין העמד, און איך פיל זיך אַזוי מיד." — „עט, קענסט זיך באַרויקן, ווי טאָן טוט ניט ווי?" — „ניין." — ס'איז גאָרניט"... יאָ, זאָגט אָבער איר, וואָס האָט דאָ פּאַסירט? האָט עמעצער פון אייך שוין אַזוינס דורכגעמאַכט?

. . . .

— איך רעכן, אַז קיינער וויל נאָר ניט זאָגן, חברה! איר זייט דאָך אַלע איבער פערצן יאָר! ביי די מיידלעך, ווען עס

נעמען בײ זײ צײטיק װערן די אײער, װײזט זיך דאָס אַרױס דורך די מאָנאַטלעכע. און די מײדלעך, װאָס װײסן ניט דערפֿון (װי זאָלן זײ װיסן? דאָס זײנען דאָך רק זאַכן, װאָס „מען רעדט ניט װעגן זײ") װערן גװאַלדיק איבערגעשראָקן און אײן זאַ־װעט לױפֿן זײ צו מיר און זײנען זיך מתװדה: „איך בין קראַנק מיט בלוטונגען." פּונקט אַזױ איז מיט די ײנגלעך. װען דער זאָ־מען נעמט זיך אױסאַרבעטן אין די האָדן, קען דער זאָמען פֿון זיך, אָן אַ שום כּיװן זיך אױסלײדיקן. דאָס איז אין גאַנצן אַ נ אַ ט י ר ל ע כ ע זאַך און נאָר דער װאָס װײס ניט װעגן דעם קען אָנהײבן זיך גריבלען אדער זיך שרעקן. אזא מין פּונזיכדיק אַרױספֿליסן פֿון זױמען רופֿט מען פּ אָ ל ו צ י ע. אָבער כּדי דאס צו פֿאַרשטײן, מוזן מיר װיסן, װוהין אײגנטלעך קומט אַהין דער זאָמען, װאָס טײלט זיך אױס פֿון די האָדן. ער גײט פֿון בײדע זײטן — רעכטס און לינקס ליגט דאך צו אײן דריז — אין דעם אַזױ־גערופֿענעם ז ױ מ ע ן ־ פֿ י ר ע ר. דאס איז אזא מין פֿײן, דין קאַנאַלכל װי דער אײערפֿירער בײ דער פֿרױ. די דאזיקע קאַנאַלכלעך גײען דורך דעם פֿאַלב צ װ י ש ן ד י ך א י ן ב ױ ך ־ ה ױ ט, און זײ קומען אַף אזא אופֿן ארײן אין בױך־רױם.

דאָ איז די לעפּצונג פֿון די זױמען־פֿירערס, װאָס גיסן זיך אַרײן אין דעם אַרױספֿירקאַנאַל פֿון דעם בלאָז, װאָס איז דער זאַמלאָרט פֿאר די פֿליסיקײטן, װאס עס טײלן אױס די נירן, פֿאַר דעם אורין, אין דעם אָרט, װו עס איז די לעפּצונג פֿון די זױמענפֿירערס (ד. ה. אין קלײנעם בעקן) ליגן צװײ בלעזלעך, װו עס קלײבט זיך צונויף דער אָנגעפּלאָסענער זױמען, רופֿט מען זײ ז ױ מ ע נ ב ל ע ז ל ע ך.

װען די זױמענבלעזלעך װערן ביז אין א געװיסער מאָס פֿול און דורך דעם אױך אָנגעצױגן, און אױב זײ לײדיקן זיך ניט אױס מחמת א געשלעכטלעכער אופּרײצונג, למשל בײם געשלעכט־פֿאַרקער, — לײדיקן זײ זיך אױס אַװטאָמאַטיש. דאָס קומט פֿאָר פֿון צײט צו צײט און דער פֿאָרקום װערט אָנגערופֿן פּאָלוציע

ווי איך האָב דאָס שוין געזאָגט. און דער אָרעמער יאַטל, וואָס ווייס פון קיין זאַך ניט, קלערט, אז ער איז זייער קראַנק געוואָרן, ער האָט אַן „אויספלוס." אין־דער־אמתן איז געשען ניט מער, וואָס די איבעריקע זוימענפליסיקייט האָט אף דעם נאָרמאַלן וועג זיך ארויסגעגאָסן דורך די ארויספיר־ראָרן, פאַרשטאַנען?

— יע, אבער דאך קען איך ניט האָבן קיין קלאָרע פאָרשטעלונג פון דעם, ווו עס ליגן די געשלעכט־אָרגאַנען.

היינט האָבן מיר, גאָט צו דאַנקען, די בילדער, וואָס מען האָט זיי ביז ניט לאַנג גאָרניט „געדאַרפט." לאָמיר זיך איצט אנצייכענען די זאַך, גאַנץ סכעמאַטיש. דערמאָנט זיך, אז בעת מיר האָבן גערעדט וועגן געבורט, האָבן מיר גענומען אַ שניט דורכן מיטן קערפּער. לאָמיר איצט זיך אויך פאָרשטעלן אזא מין שניט פון פאָרנט אַף הינטן, ווי דאָס ווייזט די אָפּצייכענונג נום. 3.

מיר זעען דאָ הינטן דעם שפּיץ פון דער חוט־השדרה (פון רוקן־ציל) פאָרנט — די דורכגעשניטענע כראָמסקע פון בעקן. הינטער דער כראָמסקע איז דער וואַסערבלאָז. דער ארויסגאַנג פאַר דעם „וואַסער" האָט זיין וועג אַרום דער כראָמסקע און נאכדעם דורך דעם מענלעכן גליד, אזוי הייסט עס גייען די אורינטרייבלעך.

גלייך נאָך דעם ווי עס גייען ארויס די אורינטרייבלעך פון דעם וואַסערבלאָז איז די לעפצונג פון די זוימענפירערס און אין יענער שטעל זעען מיר די ביידע זוימענבלעזלעך. די זוימענפירערס מוזן מיר צייכענען פונקטירט, ווייל זיי ליגן דאָך ניט אין אונזער שניטפלאַך — איינער גייט רעכטס, דער אַנדערער לינקס. די ביידע זוימענפירערס קומען פון דעם האָדנזאַק, אדער געגויער פון א צוגאָבקערפּערל, וואָס איז ווי א מין הייבל ארופגעצויגן אַף דעם האָדן. אָט דאָס הייבל, דאָס צוגאָבקערפּערל, הייסט דער בייהאָדן. בכן קומט דער זוימענפירער ארויס פון דעם בייהאָדן. די לעפצונג פון די



רוקנזייל
גראָבע קישקע
זוימענבלעזל
פּאָרויסדריז
פּערינעום
האָדן-זאַק
זוימענפירער
כראמסקע פון
בעקן
וואסערבלאז
אורינטרייבל
בייהאָדן
האָדן

ציכענונג 3.

זוימענפירערס אין די אורינטרייבלעך איז ארומגענומען מיט א געדיכטן געוועב פון דריזן, וואָס מען רופט דאס אן די פּאָרוויסדריז. די דאָזיקע דריז גיט ארויס א זאַפט, וואָס דינט אַף אויסצואַרבעטן די זוימען-פליסיקייט און וואָס גיט צו דעם זוימען זיין אייגנאַרטיקן ריח. פון קלארקייט וועגן איז די פּאָרוויסדריז אַף דער צייכענונג פאַרשטריכירט. הינטער דער פּאָרוויסדריז געפינט זיך איין דער סוף פון גדערעם-קאַנאַל, די גראָבע קישקע.

לאָמיר דא דערביי אנצייכענען דעם געהעריקן שניט דורך דעם ווייבלעכן קערפּער (די אפצייכענונג נומ. 4) און לאמיר דא אויך געפינען: די בראָמסקע פון בעקן, דעם בלאָז, די גראָבע קישקע, דעם שפּיץ פון רוקן-זייל — אלץ ווי ביים אנדערן, ביים מענלעכן געשלעכט. ווו איז דא דער עיקרדיקער אונטערשייד?

— פאַר זוימענצעלטלעך און פאַר אורין האָט דער מאַן נאר איין קאַנאַל!

— און די פרוי האָט צוויי קאַנאַלן. אזוי, דאָ זיינען די אורינטרייבלעך, וואָס פירן אַרויס דאס וואסער פון בלאָז, באזונדער אין די שייד אדער דאס מוטערמויל, דורך וואַנעט עס קומען אַריין די מענערשע זוימענצעלטלעך, איז ווידער באַזונ-דער. דאס מוטערמויל דערגייט ביז צו דער הייב-מוטער, אין די הייבמוטער לאָזט זיך אריין אין מוטערמויל מיט א ליפּנעלעכן געשאַף, וואס מיר ווען עם אנרופן מוטערשלינג. איןביידע זייטן הייבמוטער איז די לעפּצינג פון די אייערפירערס, וואָס ברענגען אהין די אייער פון אייערנעסט. ווער ושע קען זיך כאַפּן, פארוואָס זיינען ביי דער פרוי פאראַן צוויי באזונדערע קאַנאַלן?

באטראכט זיך! אַף אפּצופירן די געשלעכטפּראָדוקטן...

— וואָס זיינען דאָ פּראָדוקטן?

— טאקע איר זייט גערעכט, אַף אָפּצופירן די אויסאַרבע-טונג פון די געשלעכטדריזן ווערט דעם מאַנס געשלעכטקאַנאַל


רוקנזייל
אייערנעסט
אייערפירער
געבוירמוטער
גראָבע קישקע
כראָמסקע
פון בעקן
וואַסערבלאָז
מוטערשלינג
שייד
אורינטרייבל
פּערינעום

.4 צייכענונג

באַנוצט נאָר אין משך פון זייער א קורצער צייט. בײַ דער פרוי אַקעגן איז איר געשלעכטקאַנאַל פאַרנומען גאָר אין אַן אנדער מאָס — דורך טראָגן און געבוירן. דעריבער איז פאַרזאָרגט, אַז ניט דער אורין־אַפּאַראַט און ניט דער געשלעכטאַפּאַראַט זאָלן זיך ניט שטערן בײַם אויספילן זייערע אויפגאַבעס.

האָט נאָך עמעץ פראַגעס? לאָמיר א קלער טאָן, צי מיר האָבן טאַקע אַלץ באַטראַכט, וואָס עס קומערט אייך דאָ. נו, ערווין?

— מיר האָבן דאָך נאָך געוואָלט ריידן וועגן אָנאַניזם.

— ריכטיק, אַזאַ צעטל איז דאָך געווען אין פרעגקעסטל. אַזאַ פראַגע וועלן מיר ניט פאַרבאַהאַלטן. א נ אַ נ י ז ם — וואָס איז דאָס?

— אַליינבאַפרידיגונג.

— יאָ, כ׳רוב ווייסן מסתמא, אַז מיט דעם וואָרט פאַרשטייט מען אַלע מיגלעכע מיטלען צו קוועטשן און צו רייבן די דרויסנדיקע געשלעכטאָרגאַנען אָדער דאָס אַרײַנפירן פאַרשיידענע זאַכן אין דער ווײַבלעכער שייד אַרײַן. הן בײַם מאַן הן בײַ דער פרוי רופן די דאָזיקע מיטלען אַרויס א געשלעכטלעכן אויסלאָדן־זיך. דאָס דערגרייכן עס איז ק י נ ס ט ל ע ך, ווײַל דאָס קומט פאָר אָן דעם נאָרמאַלן געשלעכטפאַרקער. אַבער דער וועד עס האָט דעם צעטל געשריבן ייִל אפנים פריער פון אַלץ ווייסן, ווי דאַרף מען צוגיין צו דעם על פּי חכמת הדאָקטאָריע און ווי דאָס קען ווירקן אַפן געזונט. ניט נאָר בײַ מענטשן שטויסן מיר זיך אָן אַף אָנאַניזם, איר קענט אָפט זען, צום בײַשפּיל, הינט זיך אָנאַנירן: זיי לעקן זיך. פון דעם גופא וואָלט מען אפשר שוין געמעגט אַרויסדרינגען, אַז ס׳רוב האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט א נאַטירלעכן, אָבער ניט מיט קיין קרענקלעכן צושטאַנד. דער גרעסטער טייל מענער און א באַטייטיקער טייל פרויען האָבן ווען ניט איז, אין א געוויסער תקופה פון זייער לעבן, זיך צייטווייליק פאַרנומען מיט אָנאַניזם. געוויינטלעך גייט עס אַוועק פון

זיך, ס׳רוב פאַרבײַט זיך עס מיטן נאָרמאַלן געשלעכטספּאַרקער. ווי אַ קראַנקײַט דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז דער גוזמאותדיקער, דער איבערגעטריבענער חשק צו אַליינבאַפרידיגונג. בײַם אָנאַניזם איז אין אַלגעמיין דאָס געפּערלעכסטע, וואַס דאָס קערפּער־לעכע מאָן פאַרבינדט זיך מיט די שרעקלעכסטע פאָרשטעלונגען, אַז אָנאַניזם איז אַ מאוימדיקער חטא, אַז אָנאַניזם ברענגט מיט אַזוינע חולאתן, וואָס ניט צו היילן זיי. אט די באָבע־מעשהלעך און אָט די בייזע פאַנטאַסטישע רוחות שטעקן ווי אַ מין דיבוק אין די מוחות פון דער יוגנט און אין די פאַרהאַרטעוועטע קעפּ פון די „דערציערס.“ און אַזוינע ווילדע פאָרשטעלונגען וועגן אנאַניזם פאַרשפּרייטן כלערליי „אופקלערבראָשורן,“ וואָס זיינען דער ערגסטער מין שונדליטעראַטור. שטעלט זיך פאָר, וואָס עס מוז דורכלעבן אַ יונגער מענטש, וואָס פון איין זייט פּלאָגט אים זיין תאווה און פון דער אנדער זייט ווערט ער פאַרטומלט פון בייזע מחשבות: „ביסט קראַנק, ביסט אַ חולה מסוכן, דו גראָבסט זיך אליין אַ גרוב — און אַלץ ווייל דו ביסט זינדיק, אַלץ נעמסטו זיך אליין!“

אמת, ביי נערוועזע נאַטורן און בײַם אָנאַנירן אָן אַ מאָס קומט אַ צייטווייליקער צושטאַנד פון פאַרמאַטערטקייט, פון אויס־געשעפּטקייט, ווי אויך אַ נערוועזע צערייצטקייט. דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס דער אָנאַניזם קען מיטברענגען, אויב מען זאָל ניט רעכענען די אלע פּחדים, וואָס האָבן קיין שום יסוד ניט.

דער שוועדישער דיכטער א ו י ג ו ס ט ס ט ר י נ ד ב ע ר ג שילדערט אונדז אין זיין לעבנסבאַשרייבונג, סאַראַ ווירקונג עס קען האָבן די צביעותדיקע, כלומרשט אופקלערערישע שונדליטעראטור אַף דער צעפּייניקטער נשמה פון אַ יונגן מענטשן:

„יאָהאַן עפנט דעם שופלאָד און נעמט דאָס שרעקפולע בוך. די אויגן צעלויפן זיך איבער די זייטלעך, זיי דערוועגן זיך ניט אָפּצושטעלן אַף עפּעס. דאָס בלוט אַנטפּאַלט פון פּנים, די אָדערן גליווערן — צו 25 יאָר איז ער פאַרמשפּט צום טויט אָדער צו שגעון. זיין רוקנזייל און זיין מאַרך ווערט איינשרומפּן, זיין פּנים

וועט ווערן ווי אַ פּנים פון אַ מת, זיינע האָר וועלן אַרויספאַלן, זיינע הענט וועלן ציטערן — ס'איז אַן אימה! און דער היילמיטל? דאָס איז יעזוס! אָבער יעזוס קען ניט היילן דעם גוף, סיידן די נשמה. דער גוף מוז אָפּשטאַרבן צו 25 יאָר, און עס בלייבט נאָר איבעריק צו ראַטעווען די נשמה פון אייביקן גיהנום.

דאָס איז געווען ד"ר קאַפּפּס פאַרנאַנט ספרל, וואָס האָט אַזוי פיל יונגטלעכע אין משוגעים־הויז געבראַכט. אָבער נאָך היינט (1886) געוועלטיקט קאַפּפּס טיפּושדיק ווערק, צו דאָקטוירים קומען צו לויפן זינדיקע און זיינען זיך מתוודה מיט הארצקלאַפּעניש. אָט ניט לאַנג איז געקומען אַ סטודענט צו אַ באַרימטן סטאָקהאָלמער דאָקטער און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געקלאָגט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אָנאַניזם, ער האָט בכן געפּטרט זיין יונג לעבן און ער וואַרט איצט בלויז אַפן טויט.

— אך, פלאַפּלערייען, האָט געענטפערט דער דאָקטער. קוקט מיך נאָר אָן: קיינער האָט אַזוי זיך ניט אָפּגעגעבן דער דאָזיקער שלעכטער מידה ווי איך.

דער זינדיקער האָט אים אָנגעקוקט און געזען פאַר זיך אַ פינף־און־פערציק־יאָריקן גבור, וואָס האָט נאָך אַרויסגעוויזן דערצו שטאַרקע און אומגעשטערטע כשרונות.

יאָהאַן אָבער האָט אַ גאַנץ יאָר ניט געהערט קיין איין וואָרט טרייסט אַף זיין פלאָגן זיך. ער איז געווען פאַרמשפּט צום טויט. עס איז געבליבן פאַר אים בלויז צו לעבן אין צדקות און וואַרטן אַפן סוף. ער פלעגט כסדר מתפלל זיין און זיך פייניקן. ער האָט געקוקט אַף זיך ווי אַף אַ פאַרברעכער. ער איז געפאַלן אין זיינע אויגן. ווען ער איז דעם אַנדערן טאָג געגאַנגען איבער דער גאַס, האָט ער יעדן, איינעם געגעבן דעם וועג, זיך געשאַרט פאַזע וואַנט. ער האָט געוועלט אַליין זיך טייטן און זיך באַהעפטן מיט יעזוסן". (פון סטרינדבערגס ווערק — "דער דינסטמוידס זון").

און איצט לייען איך אייך פאַר אַן אָפּשניט פון אַט דער בראָשור, וואָס עס האָט זי מסתמא מיט אַ פרומער כוונה אָנגע־

שריבן דער דערמאָנטער פּרעלאַט קאַפּף. ווּעלן מיר פאַרשטיין דעם דיכטערס פּיין:

„אַזוי ווערט דער אינעווייניק פון דעם מענטשן רק מער און מער אַ ווּיסטעניש, אַ מדבר, וווּ עס וועט מער ניט געדייען קיין פרישער פלאַנץ, וווּ עס וועט מער ניט פליסן קיין לעבנס־וואַסער. נייערט דאָס אויסגעדאַרטע און צעטריקנטע זאַמד פון מדבריות וועט ווערן געיאָגט און געטראָגן פון דעם שטורעמווינט, וואָס וועט פולקום פאַרשיטן די לעצטע גרינע ווּיספּעס. רק וויס־טערע, רק מאַוימדיקערע בילדער ווּעלן אַרומנעמען די נשמה, בהדרגה ווּעלן אויפשטיין קרענקלעכע פאַרשטעלונגען און עס ווּעלן דאַרן און קוואַרן די איידעלערע כוחות פון גייסט: די פעיקייטן צו קלערן און צו באַשטימען, דאָס געפיל, דער ווילן און דער זיכרון. עס שלייכט אַריין די שווּדערלעכע מעלאַנכאָליע, אַן איבערדריסי־קייט לגבי דעם לעבן, אַן אומפעיקייט זיך צו פרייען, אָפּגעפרעמדט־קייט פון דער געזעלשאַפט, פאַרטעמפּטקייט פאַר קונסט, וויסנ־שאַפט, רעליגיע — פאַר אל דעם העכערן. ס'קומט אַן אינעוויי־ניקסטער־טויט. און דער סוף איז — אָדער משוגע ווערן אָדער זיך נעמען דאָס לעבן".

ווען איך ברענג אייך אַזאַ מין שטעל פון דער בראָשור, איז עס נאָר מחמת דעם, איר זאָלט דערפילן, ווי אומגעהייער שווער עס איז צו קעמפן קעגן פאָראורטיילן אַף אָט דעם געביט. בשעתו האָט מען קאַפּפּס בראָשור אופגענומען ווי אַ שריט פאָרויס, ווייל זיינע צייטלינגען האָבן געהאַלטן פאַר אין גאַנצן אוממיגלעך בכלל צו ריידן וועגן אַזוינע זאַכן ווי אָנאַניזם. אַפילו פּאַסטאָרס זיינען איצטיקע צייטן שוין ווייטער אַוועק, כאָטש דאָס וואָס קאַפּפּס רבי, דער דאָקטאָר טיסאָ, האָט געזאָגט וועגן אָנאַניזם, דאָס לעבט נאָך אין אַלע פּאַסטאָרשע מוחות, ניט געקוקט אַף דעם וואָס די ווּיסנשאַפט האָט דאָס שוין לאַנג אָפּגעוואָרפן.

איר דאַרפט מיך ניט פאַרשטיין אַזוי, אַז איך גיב דאָ אַ היתר אַף אָנאַניזם. ס'איז אַ שלעכטע מידה. אַפילו ביים אָפּגע־וויינען זיך פון רייכערן דאַרף מען אָנווענדן אַ סך מי, מכל שכן

בײַ אַזאַ רײַצנדיקער געװוינהײט. און װאָס לענגער און װאָס אומ=
באַצװימטער מען האָט זיך פאַרנומען מיט אָנאַנירן — דאַרף מען
זיך רק מער אָנשטרענגען אָפּצוגעװײנען זיך. דאָס שטענ=
דיקע אָנאַנירן קען באַשטימט מיטברענגען די
אָפּשװאַכונג פון דעם װילן. און פון דעם דאָזיקן דערציִע=
רישן טעם מוז מען יעדן געבן די עצה: זעט װאָס גי=
כער בײַצוקומען אָט די געװוינהײט.
מיט דעם װעלן מיר הײַנט פאַרענדיקן.

V.

שוואנגערשאפט. פארהיטונג־מיטלען.

אין אַ פּאָר טעג ארום, נאָך דעם לעצטן אָוונט אין אונדזער יוגנטהיים, איז איינער פון די יונגען געקומען צו מיר נאָך מיטאָג, גלייך פון דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן, אַז איינגטלעך האָט ער שוין פריער געוועלט מיט מיר ריידן, אָבער בעת די אַנדערע זיינען געווען אַרום, האָט ער ניט געקענט געפינען די ריכטיקע געלעגנהייט. ער קען אַ זיבעצניאָריק מיידל, וואָס האָט אַ פריינט, וואָס זי האָט באַציונגען מיט אים, און ציינד זיינען די מאָנאַטלעכע בלוטונגען ניט געקומען און זי וויים ניט וואָס זי זאָל טאָן. אָט דאָ ניט לאנג האָט ער מיט זיין פריינט געשמועסט וועגן דעם, מיט וואָס מען פאַרנעמט זיך לעצטנס אין דער גרופּעם האָט אים רודאָלף — אזוי הייסט דער פריינט — געפרעגט, צי קען ניט דאָס מיידל קומען צו מיר. אָט וואָס ער וויל מיר זאָגן.

— סאַראַ שאלה! זאָל זי צוקומען, אָבער זאָג דעם רודאָלפן, ער זאָל פאַר יעדן פאַל אויך מיטקומען. ויען וואָלטן זיי ביידע געקענט אַריינקומען?

— רודאָלף איז אָן אַרבעט, ער קען שטענדיק, און לענע פאַרנעמט זיך מיט האַנטאַרבעט אין דער היים, אזוי אז זי קען אויך אַוועק צו יעדער צייט.

איך האָב זיי ביידן באשטעלט צו מיר אַף נאָך־מיטאָג.

אַף מאָרגן איז געקומען רודאָלף. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז שפּעט געקומען. ער האָט אזוי לאנג געטענהט מיט לענען, אָבער זי האָט מורא, זי וויל ניט אַרופגיין,

בעת ער האָט דאָס מיט שרעקעדיקע בליקן דערציילט, האָט מען שטיל און שעמעוודיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר פון מיין אופנעם־צימער. פון יענער זייט איז געשטאַנען אַ בלאַס, הויכוווקסיק מיידל וואָס האָט א דערשראָקענע אַף מיר אַ קוק געטאָן, פיין פון אַנטשליסן־זיך צו גיין מיט אַט דעם וועג איז נאָך בולט געלעגן אַף איר פּנים. זי האָט זיך דאָך לסוף אנטשלאָסן, אָבער זי איז אויסגעשטאַנען א שווערן קאַמף.

— בכן? אַטאָ האָט שוין אַן ערך דערציילט מכּוח וואָס עס רעדט זיך. נו, נאָר אָן מורא, לענע. דאָ קען מען אַלץ אַרויסזאָגן. איר הערט? אַלץ!

— די מאָנאַטלעכע זיינען ניט געקומען, הער דאָקטאָר, און איך האָב אַזוי מורא.

זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

איך האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך געמיט איר צוצוגעבן מוט.

— ווי לאַנג איז שוין, זינט די בלוטונגען זיינען מער ניט געקומען?

— שוין ניין וואָכן, האָט ער געזאָגט. זי האָט געכליפּעט און ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט.

— אָבער, קינדעלע, לאָמיר האָבן אַ קאַפּעלע שכל און אַ ביסל זיך באַרויקן! אַזוי קען מען דאָך קיין זאַך ניט אופקלערן.

זי האָט צוגעשאָקלט.

— ווי אַלט?

— זיבעצן, האָט זי אַרויסגעפּרעסט.

— און איר?

— ניינצן.

— זינט ווען האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אייך די מאָנאַטלעכע?

— פאַר צוויי יאָרן.

— שטענדיק רעגלמעסיק?

— ניט אין גאַנצן.

— וואָס הייסט ניט אין גאַנצן?

— אַמאָל פלעגן דאָס זיין פינף וואָכן.

— נו, גוט. זינט ווען זייט איר צוזאמען?

— שוין אַ האַלב יאָר. און איך בין אין משך פון די לעצטע פיר חדשים אַרבעטלאָז. לענעס פאַרדינסט איז אויך אַ הונגערלוין און זי האָרעוועט דערצו ביז אין דער נאַכט אַריין. פון אירע פאַרדינסטן און פון מיינע אונטערשטיצונגען קענען מיר דאָך ניט שפּייזן אַ קינד. הער דאָקטאָר, קענט איר אונדז ניט העלפן?

לענע האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען אויף אַ קול.

— קינדער, עס איז דערווייל נאָך גאָר קיין גרונד ניטאָ אייך צו העלפן. מיר מוזן דאָך פריער נאָכזען, צי עס איז בכלל דאָ פאַראַן שוואַנגערשאַפט. האָט איר אַחוץ דעם באַמערקט ביי זיך וואָסערע ניט איז פאַראַנדערשונגען? וואָסערע ניט איז ווייטאָגן?

— ניין, האָט לענע אַרויסגעשעפּטשעט.

— האָט זי זיך אויף עפּעס באַקלאָגט? האָב איך זיך געווענדט צו רודאָלפן. אפשר געשטויסן צו ברעכן? ווייטאָגן אין קרייץ?

— ניין, האָט ער באַשטעטיקט.

— יע, מוז מען נאָכזען, אויב מען קען פעסטשטעלן עפּעס.

עס האָט זיך קיין זאַך ניט געלאָזט פעסטשטעלן. די ביידע האָבן מיך אָנגעקוקט פול מיט ספקות: „אָבער די מאָנאַטלעכע זיינען דאָך ניט געקומען?!"

— דאָס איז נאָך ניט קיין זיכערער באַווייז, אַז מען איז שוואַנגער. בכלל האָבן זיך די בלוטונגען שפּעט אָנגעהויבן ביי אייך, זיי זיינען אויך ניט שטענדיק געווען רעגלמעסיק. און איצט ביי דער שלעכטער נערונג (אַ סך בלוט האָט איר אויך ניט, מסתמא) — קומט עס גאָרניט זעלטן פאָר, אַז די בלוטונג פאַרפעלט צו קומען, אָבער לאָמיר גיין אויף זיכער. איך וויל זיך ניט פאַרלאָזן אויף איין איינציקער אונטערזוכונג. אין צוויי וואָכן אַרום קומט נאָך אַמאָל צו גיין, איצט קענען מיר זיך דאָך שוין

און עס וועט ניט זיין אזוי שווער זיך צו אנטשליסן ווי היינט. ניט אמת? און איצט גייט אהיים, בארויקט זיך. שלאפט זיך גוט אוים. ס'איז ניטא קיין שום גרונד צו זיין אומרויק. מיט אייער פריינט וויל איך וועגן עפעס א שמועס טאן. ער וועט עס אייך שפעטער דערציילן, איר באדארפט פריער פון אלץ—רויקייט.

נאך אלץ ניט גלויבנדיק, איז זי ארוים פון צימער. הינטער דער טיר האט זי זיך אפגעשטעלט. ערשט אין א ווײלע ארום האבן מיר געהערט, ווי עס דערווייטערן זיך פאמעלעך אירע טריט.

א הפסקה אין אונדזער געשפרעך.

לסוף האט רודאלף א קוק געטאן אף מיר און ארויסגע־פלאצט: הער דאקטאר, איז עס טאקע גארנישט?

— איך האב אייך דאך שוין געזאגט, אז אף זיכער קען מען נאך ניט פעסטשטעלן. אבער דערווייל איז ניט אנצונעמען, אז מיר האבן צו טאן מיט שוואנגערשאפט און דאס פארפעלן פון די בלוטונגען באדארף מען דעריבער אנדערש דערקלערן. אבער איך האב אייך נאך א זאך געוועלט זאגן, אייער פרוי...

פארוואונדערט האט ער מיך אנגעקוקט: „מיר זיינען ניט חתונה־געהאטע. זונסט וואלטן מיר ניט באדארפט קומען אהער!"

— חתונה געהאט צי נישט — אבער דער אנגעשטעל־טער אין שטאנדאמט בייט גארניט ניט אין אייער ארבעטלאזי־קייט, ניט אין לענעס הונגערלוין. ס'איז אבער כדאי צו הערן, אז יעמאלט וואלט איר ניט געקומען. זייט איר דאך אהער געקו־מען סוף־כל־סוף ניט איבער עקאנאמישער נויט?

. . . .

— זעט איר, איר האט אויסגעגלאצט אייערע אויגן, ווען איך האב לענען אנגערופן — אייער פרוי. זי איז עס דאך. זי ווערט דאך אייער פרוי ניט דורך דעם, וואס עפעס אן אויסגע־

פוצטער ביוראָקראַט חתמעט אַ פּאַפּיר. נייערט דורך דעם, וואָס איר האָט זיך מיט איר פאַרבונדן אין ליבע. איר טראָגט אָבער די אחריות פאַר איר געזונט און זי איז אַזוי אַרונטער. זי ווייס נים וואָס צו טאָן, זי פילט זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן, זי זעט אַזוי שלעכט אויס און מאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז איך בין אומרויק איבער איר. איר דאַרפט זי שאַנעווען.

אומבאַהאָלפן און נים-פאַרשטייענדיק האָט ער אַף מיר געקוקט. אַפּנים ער האָט געוואַרט, אַז איך וועל אים מאַכן פאָרווורפן. לסוף האָט ער געזאָגט: „מיר האָבן זיך אַזוי אופגערעגט, און שוין לאַנג ווי זי שלאָפט כמעט נים. וואָס זאָלן מיר אָנהייבן צו טאָן? הער דאָקטאָר, איר מוטער וועט זי גלייך אַרויסוואַרפן! וווהין זאָלן מיר אַהינקומען? ביי אונדז אין שטוב — זעקס קינדער. מיין פאָטער ווייס דערוויל פון גאָרנישט.

— מיר וועלן זיך נאָך פאַרשטענדיקן וועגן דעם. מיט דעם אַרויסוואַרפן איז ווי מיט אַסך אַנדערע אַזוינע זאַכן ביי עלטערן און ביי מענטשן בכלל: סע רעדט זיך נאָר אַזוי. טאָן טוט זיך עס אַנדערש...

יע, עס טרעפן זיך דאָך באמת זונדערלעכע מוטערס. אָבער דאָך, וואָס וועט איר טאָקע טאָן, ווען עס איז פאַרט אַ קינד?

— הער דאָקטאָר, קענט איר נים...

ווייטער איז ביי אים נים געגאַנגען, ער האָט אויך געהאַלטן ביים פונאַנדערוויינען זיך און האָט געציטערט.

מיר איז שווער געוואָרן מיט אים ווייטער צו שמועסן. איך האָב געזען, אַז ער האָט גוואַלדיק געליטן. עס העלפט אָבער נים: „איר ווייסט דאָך, אַז אָפּטרייבן איז פאַרווערט. איך רעכן נים, אַז מען זאָל קענען ביי לענען אופווייזן אַזאַ קראַנקייט, וואָס זאָל זיין אַ גרונד פאַר אַן אַבאָרט. איך האַלט, אַז עס איז בעסער, ווען מען רעדט זיך דורך מיט איר מוטער און, ווען דאָס זאָל נים העלפן, אפשר אויך מיט אייערע עלטערן.

— זיי ווילן מיך אוועקהרגענען — ניין — נאָר דאָס ניט.

— נו, אַזוי אָפּט קומען ניט פּאָר קיין קינדערמאָרדן, איר דאַרפּט ניט רעכענען, אַז אַזאַ פּאַל, אָט ווי אַייערער, איז אַ זעלטנקייט. אָבער איך האָב פאַר אייך נאָך אַ פאָרלייג. אויב איר אַליין דערוועגט זיך ניט, וועל איך זיך דורכריידן מיט לענעס מוטער, צו ריידן מיט אייערע אייגענע עלטערן — געווינג קראַפּט דערצו וועט איך געבן די ליבע צו דעם מיידל, אָדער אפשר נישט?

— אפשר...

— יאָ, אָט וועגן וואָס איך האָב אייך אייגנטלעך פאַר־האַלטן. איך וויל אייך וואָרענען פאַר צוויי זאַכן: ערשטנס, זאָלט איר אין אייער אופרעגונג ניט לויפן צו אַ הייבאַם אָדער צו עפּעס אַ שוועסטער אָדער צו אַ פעלדשער אַ פּושער. אָדער גאָר אַליין אָננעמען מיטלען. לאָזט זיך ניט פאַרפירן. יעדער אָפּ־טרייבונג איז אַ שווערע אָפּעראַציע, בעת דאָס לעבן פון דער פרוי קען געשטעלט ווערן אין קאָן, און עס איז זיכער אַ גרויסע געפאַר, אויב מען מאַכט עס ניט אין אַ קליניק און אויב מען איז ניט גענוג פאָרזיכטיק דערביי. דאָס איז איין מאָל. לאָמיר בעסער וועגן דעם אַלעם ריידן שפּעטער, ווען מיר ווילן אין פערצן טעג אַרום אין גאַנצן אופקלערן די זאַך.

אין צינד דאָס צווייטע. אויב, ווי איך רעכן, עס איז ניטאָ קיין שוואַנגערשאַפט, זעט, אַז דאָס זאָל אויך שפּעטער ניט זיין. ביי לענעס געזונט און ביי לענעס גייסטיקן צושטאַנד וועט איר דאָס ניט קענען פאַרענטפערן.

— יע, איז ווי זאָל איך?... קען איך ניט צוזאַמענבלייבן מיט איר?...

— דאָס האָב איך גאָרניט געזאָגט. בכל אופן האָב איך די איבערצייגונג, אַז אַזעלכע יונגע מענטשן, וואָס די

אנטשיידנדיקע אנטוויקלונג האָט זיך ביי זיי נאָך ניט פאַרענדיקט. זאָלן ווי ווייט מיגלעך זען זיך ניט אזוי ענג צו פאַרבינדן. בלינדערהייט גייט מען יעמאָלט אַפן וועג פון באַפרידיקן די פערזענלעכע נייגונגען און טאַפּנדיק אין דער פינסטער נעמט מען אַף זיך די אופגאַבעס, וואָס וואַקסן פון זיי ארוים, אָנשטאָט פריער, פרייערהייט צו באַקומען אן אייגענעם שטאַנדפּונקט אַפן סמך פון ערנסטער אַרבעט. יאָ, איך וויס אז אַן אייגענער שטאַנדפּונקט איז ניט אן אינטערעס פאַר יעדן איינעם. ניט איינער באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ער פאַרבינדט זיך מיט א מענטשן און אַלע זיינע כּוחות און זיין גאַנצע פרייע צייט פאַרווענדט ער אַף דעם, אַז די דאָזיקע פאַרבינדונג זאָל עולה יפה זיין, זאָל געדייען. וועגן אייער לעבן, אייערע פלענער, אייערע אינטערעסן — וועגן דעם וויס איך גאָרניט און איך וויל אויך זיך ניט נאָכפרעגן וועגן דעם. איר זייט צו מיר געקומען וועגן אייערן אַ פערזענלעכן ענין און וועגן דעם דאַרף איך אייך געבן אן עצה. זאָג איך אייך: נעמט אָן מיטלען, אז קיין שוואַנגערשאַפט זאָל ניט פאָרקומען. וועט איר מיך פרעגן: איז דען פאַראַן אַ זיכערע מיגלעכקייט אויסצומיידן שוואַנגערשאַפט? איר זייט גערעכט. אַן אַבסאָלוט זיכערער מיטל איז ניטאָ. אָבער עס זיינען פאַראַן אַ סך מיגלעכקייטן, ווי מען קען ס׳רוב אויסמיידן אַ באַפרוכפערונג און דערמיט אויך אויסמיידן פּיין און לייד פאַר גוף און נשמה. איך וויס גאַנץ גענוי, אַז ביי די שווערע אויסנווייניקסטע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע ס׳רוב מענטשן לעבן, ווערט אַ מענטש ווינציק וואָס געהאָלפן, ווען מען גיט אים אַ זאָג: האַלט זיך אָפּ פון געשלעכטלעכן פאַרקער. כּל זמן איר קענט ניט טראָגן קיין אחריות פאַר די רעזולטאַטן ביזן סוף. אָן ספק, עס איז אַן אומגעלומפערטע מעשהלע, ווען מען פאַרזיכערט, אַז דאָס אַנטהאַלטן=זיך פון געשלעכטלעכן פאַרקער ברענגט מיט אין די יונגע יאָרן שטערונגען אין געזונט. דערפון קען גאָר קיין רייד ניט זיין. און דעריבער, איך חזר עס איבער נאָך אַמאָל, דאַרף זיך יעדער באַמיען אויסצומיידן

פריציטיקע פאַרבינדונגען. ווען ער קען אָבער ניט פאַרטיק ווערן מיט די דאָזיקע שוועריקייטן, זאָל ער כאָטש לייכט־זיניקערהייט ניט ברענגען אין דער וועלט אַריין קיין קינדער, זאָל ער כאָטש באַנוצן פאַרהיטונג־מיטלען. דער אופן פון פאַרהיטן שוואַנגערשאַפט, וואָס איז מער פון אַלץ פאַר־שפּרייט צווישן עולם, באַשטייט אין דעם, אַז דער מאַן ציט זיך צוריק פון דער פרוי, איידער דער זאָמען גיסט זיך אַרויס. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דערביי לעבן פרויען אין אַ שטענדיקער אומזיכערקייט, וואָס דאָס מוז ווירקן אַף זייער נער־ווישער אקעגנשטעלפעיקייט. איבער דעם געזונטהייט־טעם איז ניט אין אַן ערך בדאַיער צו באַנוצן אָדער אַ שלאָס פאַר דעם מוטערלייב פון דער פרוי אָדער אַ קאָנדאָם פאַר דעם מאַן. ווייסט איר, וואָס דאָס איז?

— ניין.

— קאָנדאָמען זיינען דינע איבערציגן פאַר דעם מענלעכן גליד, אין זיי ווערט אופגענומען דער זאָמען און ער קען אַף אַזאַ אופן ניט אַריין אין די ווייבלעכע טיילן. קאָנדאָמען זיינען דאָ צווייערלייקע: פון געדערים־הויט און פון גומי. דעם ערשטן מין קאָנדאָמען מאַכט מען פון בלינדדאַרעם ביי שאָף אין צוגן. מען קען זיי באַנוצן, ווען צוויי שטיק זיינען איבעראַנאַנד אַרופ־געצויגן, פאַר דעם פאַל — טאָמער רייסט זיך איינער דורך. גלייכווערטיק מיט זיי און ביליקער דערצו זיינען די נייערע, די גומי־קאָנדאָמען. (למשל, פון דער פירמע „פראָם אַקט" אין בערלין).

פאַר דער פרוי ווידער זיינען פאַראַן אַזוי־גערופענע אָקלוסיוו־פעסאַרן אָדער ווידער אַלומיניום־הייבלעך פאַר דער עפענונג פון מוטערלייב. אָבער זיי מוז צופאַסן אַ פרויען־דאָקטאָר און בעת די מאָנאַטלעכע מוז מען זיי אַרויסנעמען און שפּעטער ווידער אַריינ־זעצן. אחוץ די דאָזיקע מעכאַנישע פאַרהיט־מיטלען, וואָס דערלאָזן ניט דער זאמען אַריינקומען אין מוטערלייב, זיינען פאַראַן כעמישע מיטלען, וואָס מען ברענגט זיי אַריין עטלעכע מינוט פאַר דעם פאַרקער אין דער עפענונג פון ווייבלעכן געשלעכטאָרגאַן. זיכערער

פון אלץ ווירקן זיי. ווען זיי קומען צוזאַמען מיט אַ פּעסאַר. כּל־ערליי מיטלען פאַראַן אַזוינע: סעמאָרי־טאַבלעטקעס, קאָנטראַפּאַן, ספּעטאָן, פּאַטענטעקס, קאָנפידאָל, פּראָפיקאָל און אַ סך אַנדערע. ניט אַלע פּרויען פאַרטראָגן גלייך די דאָזיקע מיטלען, עס איז אינדיווידועל פאַרשיידן, בכּל אופן זיינען די מעכאַנישע מיטלען און די אַנגעווענדע כעמישע מיטלען ניט שעדלעך פאַרן געזונט. מען מוז אָבער וואָרענען ניט צו באַנוצן כּלערליי ניט קאָנטראָלירטע מעדיקאַמענטן און אַפּאַראַטן, וואָס זיינען אין אַ גרויסער צאָל פאַראַן אין האַנדל און וואָס טראָגן דירעקט די געפאַר פון פאַרלעצונגען מיט זיך. און דאָך איז עס אומפאַראַנטוואָרטלעך, ווען איבער געוויסע אינעוויייניקסטע מניעות לאָזט מען זיך ביי פּראַגעס פון געשלעכטלעבן פירן פון בלינדן צופאַל, און מען נעמט אויף זיך אַזאַ אחריות, וואָס מען איז ניט דערוואַקסן צו דעם, וואָס עס איז איבער די כּוחות. ווי שטענדיק, איז אויך דאָ בעסער לכתחילה צו פאַרהיטן, איידער שפּעטער צו שטעלן אין קאָן דער פרויס געזונט.

אָבער ראשית כּל: דעם קאָפּ ארויף, מונטער! איר מוזט העלפן לענען ווידער צו געווינען אינעוויייניקסטע זיכערקייט. איך גלויב, אַז אין פּערזען מעג אַרום וועל איך אַפּלאָזן באַרויקטע, קלערט יעמאַלט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן באַשמועסט, גיט איבער לענען אַ גרוס פון מיינטוועגן. גייט געזונט.

VI.

אבארט. געזעצן קעגן אבארט.

ווען איך בין געקומען אין יוגנטהיים, האָט אָטאָ מיר אוועקגערופן אָן א זייט און דערציילט, אַז לענע איז געקומען צו זיך: די בלוטונג איז ווידער געקומען. זי האט אליין געוועלט קומען צו מיר מיר אָפּצודאַנקען. איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז לאַוו דווקא, זאָל זי נאָר טאָן אַזוי, ווי איך האב געשמועסט מיט רודאָלפן.

איך האב פאָרגעלייגט דער גרופע, אַז איך וועל היינט דערציילן וועגן א פּאַקטישן פּאָרקום. דער עולם האט לעבעדיק צוגעשטימט און איך האב איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון יענע געשפרעכן מיט לענען און מיט רודאָלפן. איך האב בלויז אַ ביסל משנה געווען, כדי צו פאַרשלייערן דעם פערזענלעכן הינטערגרונט.

— איז דען פארווערט צו מאַכן אַן אָפּטרייבונג? האָט האַנס געפרעגט.

— ווייסט איר קיין זאַך ניט וועגן דעם קאַמף אַרום די רעכט פון דער מוטער אף איר אייגן לייב? האָט איר ניט געהערט וועגן משפטים איבער אַבאָרט? וועגן דעם שטרייט צווישן פארשיידענע פאַרטייען אַרום די אָפּטרייבונג-פּאַראַגראַפן?

דער עולם האָט וועגן דעם ווינציק וואס געוווּסט און געבעטן מיך צו דערציילן.

— אין דייטשישן געזעצבוך געפינט מען דריי באַרימטע פּאַראַגראַפן 218—220 וועגן אַבאָרט.*) אָט איז דער ערשטער. § 218. לייען זשע:

*) ענלעכע פּאַראַגראַפן זיינען געווען אין די אמאליקע רוסישע געזעצן און ענלעכע געזעצן גילטן נאָך עד היום אין זייער פיל לענדער, דערונטער אין פוילן, לעטלאנד און אנד. [איבערזעצער]

„אַ שוואַנגערע, וואָס טרייבט אָפּ בכיוון איר פרוכט אדער וואָס טייט איר פרוכט אין מוטערלייב, ווערט באַשטראָפט מיט שווערער תּפיסה ביז פינף יאָר. זיינען דא פאראן מילדערנדיקע אומשטאַנדן, דאַרף דאָ אָנגיין דאָס באַשטראָפן מיט טורמע, אָבער ניט ווינציקער ווי מיט 6 חדשים. אַף דעם זעלביקן אופן ווערן אויך באַשטראָפט די פּערזאָנען, וואָס גיבן דער שוואַנגערער מיטלען צו מאַכן אַן אָפּטרייבונג אָדער פירן דאָס אַליין דורך"

אָט צו דעם פונקט וויל איך נאָך צוגעבן, אַז אויך דער פרווו צו מאַכן בכיוון אַן אַבאָרט פלעגט ווערן באַשטראָפט. נאָכמער, אפילו דער פרווו פון אַ פרוי צו מאַכן אָן אָפּטרייבונג אין דעם פאַל, ווען זי איז גאָרניט שוואַנגער, נאָר זי האָט זיך געהאַלטן פאַר שוואַנגער — איז אויך געווען צו באַשטראָפן. און ווי אַ קור־יאָז קען איך אייך דערציילן, אז נאָך דאָס יאָר 1925 האָט מען דערפאַר אין דייטשלאַנד פאַרמשפּט אַף 6 וואָכן טורמע אַ מיידל, וואָס לויט דעם אַטעסט פון דאָקטאָר האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין געשלעכטספאַרקער.

נאָר לייען איצט § 219.

„מיט שווערער תּפיסה ביז צען יאָר ווערט באַשטראָפט יעדער איינער, וואָס האָט פאַר געלט געגעבן א שוואַנגערער פרוי, וואָס האָט אָפּגעטריבן אָדער געטייט איר פרוכט, די מיטלען דער־צו, וואָס האָט בא איר די דאָזיקע מיטלען אָנגעווענדט אָדער איר אָנגעוויזן ווי זיך צו באַגיין מיט זיי".

און איצט קומט נאָך דער לעצטער פּאַראַגראַף.

„ווער עס האָט אָן דעם ווילן פון א שוואַנגערער בכיוון אָפּגעטריבן אָדער געטייט פרוכט פון איר מוטערלייב, ווערט באַ־שטראָפט מיט שווערער תּפיסה ניט ווינציקער פאַר צוויי יאָר. אויב די אָפּטרייבונג האָט געפירט צום טויט פון דער שוואַנגערער, איז שטראָף דערפאַר ניט ווינציקער ווי צען יאָר שווערע תּפיסה אָדער די זעלביקע תּפיסה דאָס לעבן לאַנג".

— ס'איז גאַנץ ריכטיק, האָט איינער א זאָג געטאָן.

— וואס מיינסטו?

— מען טאר דאָך אזוינס ניט טאָן, ניט פרעגנדיק ביי דער מוטער, קעגן דעם ווילן פון דער מוטער!

— איך בין אינגאַנצן מסכים מיט דיר. דיין באַמערקונג איז זייער וויכטיק. ס'איז קלאָר, אַז די דריי פּאַראַגראַפן האָבן אַ פאַרשיידענעם ווערט. אין די ביידע ערשטע האָט זיך גערעדט וועגן א פאָרקום, וואָס די שוואַנגערע גופא האָט דאָס געוועלט אָדער אַליין אַרויסגערופן. דער דריטער פּאַראַגראַף ווידער נעמט אין אַכט דעם ווילן פון דער שוואַנגערער, בעת די ערשטע צוויי באַגרענעצן איר ווילן און איר פרייהייט.

קעגן אזא אריינמישן זיך אין דעם אינטימסטן לעבן פון דער פרוי האָבן אַלע פּראָגרעסיווע קרייזן געפירט א כסדרדיקן קאַמף. נאָך דאָס יאָר 1920 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי אריינגעטראָגן אַ פאָרלייג מיט אזא נוסח:

„די טוונגען וואס ווערן אויסגערעכנט אין די §§ 218 און 219 (ד. ה. ווען די שוואַנגערע גופאָ טרייבט אָפּ איר פרוכט אָדער ווען מען מאַכט עס מיט איר הסכם דערצו) ווערן ניט באַשטראָפט, ווען זיי ווערן דורכגעפירט דורך דער שוואנגערער גופא אָדער פון א מלוכהשאַפטלעך־אָנערקענטן דאָקטאָר במשך פון די ערשטע דריי חדשים פון דער שוואנגערשאַפט".

דער דאָזיקער פאָרלייג, פונקט ווי ענלעכע פאָרלייגן פון אַנדערע לינקע פּאַרטייען, האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַרן פאָרלייג צו ביַיטן דעם פארעלטערטן געזעץ וועגן אַבאָרט זיינען נאָר די קרייזן, וואָס זיינען בכלל פאר ראַדיקאַלע שינויים אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, און פריער פון אַלץ די סאָציאַליסטן. אקעגן זשע, ווי געטרייע היטערס פון די אַבאָרט־פּאַראַגראַפן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלע קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע כוחות. דער קאַמף צווישן די פאַרטייען אין דער פראַגע איז געווען זייער אַ שטאַרקער.

— אָבער אין דעם פאַל, וואָס דו האָסט אָקאָרשט דערציילט, וואָלט דאָך נאָר גוט געווען צו באַזייטיקן דאָס קינד, אויב

דאָס מיידל זאָל געווען זיין שוואַנגער. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואס האָט דאָס צו טאָן מיט פּאָליטיק.

— איר מוזט זיך צוגעוויינען ניט צו בלייבן שטיין ביי די מאָטיוון, וואָס מענטשן דערקלערן מיט זיי זייערע מיינונגען און טוּונגען. איר מוזט זיך פרעגן: אפשר זיינען גאָר די מענטשן געקומען צו די דאָזיקע מיינונגען זייערע איבער אזוינע טעמים, וואס פאר זיי גופא בלייבן זיי פארהוילן. יעדער מענטש איז אין זיינע מיינונגען אָפּהענגיק פון זיין סביבה, אַף אים האָט אַ השפּעה דער קרייז ווו ער לעבט, זיין גאַנצער ארום. דער יסוד פאר די מיינונגען און טוּונגען פון אַ מענטשן וואָרצלט זיך אין זיין געזעלאַפטליכער לאַגע. פארשטייט איר, וואָס דאָס הייסט „געזעלשאפטלעכע לאַגע"?

— אויב איינער האָט געלט אָדער ניט.

— דו האָסט ניט קיין געלט?

— יע, אָבער ניט אַזוי פיל.

— וויפיל זשע?

. . . .

— זעט איר, דאָס איז ניט אַזוי פּשוט. עס גייט ניט ראשית כל אין דעם, וויפיל געלט איינער האָט. אפילו אנטשיידנדיקער איז—אין וואָסער פאַרהעלטעניש דער מענטש געפינט זיך צו זיין אַרום. צי קען ער אליין פריי באַשטימען? צי מוז ער זיך רעכענען מיט אַן אַנדערן, פון וועמען ער איז אָפּהענגיק? פאַרשטייט מיך ניט פאלש: מיר אַלע מוזן זיך, דאַרפן זיך רעכענען איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס איז אַ מין קעגנזייטיקע אחריות, דאָס איז דאָס סאָציאַלע אָדער דאָס געזעלשאַפטלעכע געפיל פון התחייבות קעגן אַנדערע און פון געבונדנקייט צווישן אַנאַנד. דאָס דאָזיקע געפיל האָט צו טאָן מיט אַ קעגנזייטיקער, אַ צווייזייטיקער פאַרהעלטעניש. אָבער ביים זיין אָפּהענגיק פון עמעצן איז נאָר דאָ אַן איינזייטיקע פארהעלטעניש: איינער באַפעלט, אָדער מילדער געזאָגט — ער „פאַראָרדנט", און דער צווייטער מוז פאָלגן, טאָן

על פי דער פאַראָרדענונג. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע ביים באַשטימען די געזעלטשאַפטלעכע לאַגע פון א מענטשן: צי געהערט ער צו די האַרן, צו די אָנווייזערס — אָדער ער מוז געהאָרכן, אניט קען מען אים ארויסוואַרפן אַפן גאַס. לאָמיר נעמען אַ פשוטן ביישפיל. לאָמיר זאָגן, עמעצער פון אייך איז געוואָרן לעסטיק, דערווידער אין פאַבריק, וועט מען אים ארויסוואַרפן פון דאָרטן. און איר קענט ארויסוואַרפן דעם באַלעבאָס פון דער פירמע אָדער דעם פאַבריק-דירעקטאָר, ווען ער ווערט אייך דערווידער, ווען איר קענט אים ניט אויסטשיין? ניט אמת?

דער עולם האָט פארשטאַנען און אָפגעענטפערט מיט אַ שמייכל.

— אָבער דאס איז נאָר די הקדמה. מיר האָבן געוועלט ריידן וועגן דעם קאַמף פון די בורזשואַזע פאַרטייען קעגן דעם פאָרלייג איבערצואַנדערשן די אַבאָרט-פאַראַגראַפן. פאַרביסענער פון אַלץ זיינען דאָ געווען די קרייזן פון דער קאַטוילישער פאַרטיי. זייער פאַרטיי-צייטונג האָט געשריבן, אַז די וואָס ווילן דאָ אריינפירן רעפאָרמעס, קעמפן קעגן קריסטלעכן פאַמיליען-אידעאַל, קעגן טהרת המשפחה, אַז מען וויל איינפירן קינדערמאָרד, ביזן גרונט חרוב מאַכן דאָס פרויענלעבן, אַז מען וויל פאַרוויסטן און פאַרסמען דעם גוף און די נשמה פון פאָלק.

— זאָגן זיי דאס טאַקע מיט אן אמת? מיינען זיי דאָס טאַקע? ליגן זיי?

— די אָרנטלעכע זאָגן עס טאַקע מיט אַן אמת. זיי מיינען אזוי. זיי וועלן נאָר זאָגן, אַז ווען די סאָציאַליסטן ליגן פאָר דאָ עפּעס משנה צו זיין, זיינען זיי ניט פשוט קינדערמערדער, נאָר זיי פירן צו דעם. ס'איז ענלעך צו דעם (אויב איר ווילט) ווי מיר זאָגן, אַז די אָרנטלעכע צווישן אונדזערע קעגנערס ליגן ניט, ד. ה. זיי זאָגן ניט בכיוון ניט-אמת. אַבער דאָך פארשפרייטן זיי א ליגן, דעם גרויסן ליגן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט זייער. זיי קענען זיך ניט באַפרייען פון דער ירושה פון פאַרפלאָסענע צייטן. עס פארקנעכט זיי די טראַדיציע. אַן ענגע פאַנאַטישקייט מאַכט שמאָל זייער האָריזאָנט — און די אונטערשטע

שורה: דער מענטש מיינט אזוי און ניט אנדערש, ווייל ער איז אין זיינע מיינונגען אָפּהענגיק פון זיין סביבה. און די סביבה איז אַ קריסטלעכע מיט אַ ים פאָראורטיילן קעגן געשלעכטלעכקייט און מיט אַ סך צביעות אין אַלע פראגעס פון פאַמיליע. און די סביבה איז אַ בורזשואַזע מיט אַ קוק אף דער משפחה ווי אף אַ צעלטל צו פּראָדוצירן דעם מענטשן־מאַטעריאַל — די מענטשלעכע קראפט. שטעקט מען אין דער קריסטלעכער און בורזשואַזער סביבה מיט הויט און ביין, וויל מען די דאָזיקע אָרדענונג אופהיטן, — האַלט מען, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן זיך צוצורירן אַפילו צו אַ פּאַראַגראַף וועגן אַבאָרט.

לאָמיר אָבער זען, ווי די דאָזיקע פּאַראַגראַפן האָבן זיך ארויסגעוויזן בפועל אין דייטשלאַנד פון פאר דער מלחמה.

מען האָט פאַרמשפּט פרויען פאַר אָט דעם פאַרברעך אין אַזאַ מין צאָל.

יאָר	צאָל
1882	191
1892	330
1902	558
1912	1318
1914	1755

פריער פון אַלץ מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז אַ נישטיקע צאָל פאַרמשפּטע פרויען לגבי דער צאָל פאַקטישע אָפּטרייבונגען. מען רעכנט, אַז איצט (אין די נאָך־מלחמה־יאָרן) קומען איטלעך יאָר פאָר אין דייטשלאַנד אַרום אַ מ י ל י אָ ן אַבאָרטן, ס׳רוב בכיוונדיקע. האָט דאָך דער האַרבער געזעץ דאָ קנאַפּ וואָס געווירקט. דער געזעץ איז אָבער אויך ניט געבליבן אַפן פּאַפּיר. אַ טייל פרויען כאַפּט ער און באַשטראָפט גאַנץ אַכזריותדיק. וואָסערע פרויען? 92 פּראָצענט פון די פאַרמשפּטע פרויען געהערן צו די אומבאַמיטלטע שיכטן, 7,9 פּראָצענט צו די ווייניק פאַרמעגלעכע און נאָר 0,1 פּראָצענט צו די רייכע. איר זעט?

ס׳רוב אָרעמע פּראָלעטאַרישע מיידלעך, וואָס האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן זייער שטעל אָדער וואָס האָבן זיך געשעמט פאַר דער פאַמיליע, און זיי זײנען דעריבער געלאָפן עפּעס צו אַ באַבקע, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט גענוג געלט זיך צו קויפן אַ דאָקטאָר. די מיידלעך פון די געהויבענע קרייזן אָדער די רייכע בורזשואַזע פרויען — זיי קענען צו יעדער צייט געפינען פאַר געלט אי דעם דאָקטאָר אי די קליניק, וווּ מען וועט מיט וויסנשאַפטלעכער גרינטלעכקייט און ציכטיקייט אויסרייניקן די געבוירמוטער. זיי קענען אויך געפינען דעם דאָקטאָר, וואָס וועט אָנשרייבן דעם צעטל, אַז ס׳איז נויטווענדיק איבערצורייסן די שוואַנגערשאַפט מחמת טובערקולאָז אָדער מחמת אַ חשש אַף טובערקולאָז איבער אַ „געריויש״ אין די לונגען. הגם די פּראָפעסיאָנעלע עטיק פון די דאָקטוירים דערלאָזט ניט אַזוינס, אָבער דער יצר־הרע צו טאָן דעם ווילן פון אַ רייכער, גוט־צאָלנדיקער פּאַציענטקע איז גובר גענוג אָפט. איז בכן באַקומט זיך, אַז דער שטרענגער געזעץ קעגן אָפּטרייבונג איז חל נאָר אַף אָרעמע פרויען. דאָ האָבן מיר אַ פאַל פון נידעריקער קלאַסן־יוסטיץ, פון משפטים קעגן די אינטערעסן פון די באַעוולטע שיכטן. און עס באַקומט זיך נאָך עפּעס: דאָס וואָס די רעכטע פאַרטייען האַלטן — ס׳איז מאָראַל, איז ניט מער ווי קוליסן, וואָס פאַרשטעלן די ווירקלעכקייט. כאָטש אַ טייל נעמען מאַקע אָן, אַז די קוליסן — דאָס איז ווירקלעכקייט.

די וואָר איז מיאוס אין איר נאַקעטקייט. מוז זי האָבן אַ מענטעלע. היינט פאַרשטייט איר שוין, אַז אַזאַ ענין ווי געזעץ קעגן אָפּטרייבונגען האָט אַ שייכות צו פּאָליטיק?

ס׳איז נאָך ווערט צו דערציילן, ווי די דאָקטוירים אין דייטשלאַנד האָבן זיך פאַרהאַלטן אין דער פראַגע. דער דאָקטוירים־פאַרבאַנד איז געווען פאַרן אופהיטן דעם פריערדיקן סדר און די דינים הלכת אָפּטרייבונג. אָבער דער פאַרבאַנד פון די פרויען די דאָקטוירים האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז עס זאָלן פאַרבלייבן אין קראַפט די דערמאָנטע פּאַראַגראַפן. אפילו די

קאַטוילישע דאָקטאָרינס, וואָס זייער רעליגיעזע שיטה וואָלט זיי געדאַרפט צווינגען אָנצונעמען אַן אַנדער שטעלונג, האָבן אויך געמוזט מודה זיין, אַז די דערפאַרונג האָט זיי דערוויזן, וויפיל שאָדן עס האָט געבראַכט דער געזעץ.

— ווי איז געבליבן מיטן געזעץ?

— איצט זאָל ער גילטן אין דייטשלאַנד אין אָט דער פאָרם:

„אַ פרוי, וואָס טייט די פרוכט אין איר מוטערלייב דורך אָפּטרייבונג אָדער לאָזט טייטן די פרוכט דורך אַן אַנדערן, ווערט באַשטראָפט מיט טורמע. אַף דעם זעלביקן אופן ווערט אויך באַשטראָפט אַן אַנדערער, ווער עס טייט אַ פרוכט אין מוטערלייב אָדער דורך אָפּטרייבונג. דער פרווו ווערט אויך באַשטראָפט. ווער עס טוט אָפּ דאָס דערמאָנטע אין צווייטן זאַץ אָן דער צושטימונג פון דער שוואַנגערער אָדער ווער עס פאַרנעמט זיך מיט דעם ווי מיט אַ פּראָפעסיע ווערט באַשטראָפט מיט שווערער תפיסה, אַף דעם זעלביקן אופן ווערט אויך באַשטראָפט, ווער עס פאַרשאַפט מעשה פּראָפעסיע אַ שוואַנגערער פרוי אַ מיטל אָדער אַן אינסטרומענט אָפּצוטרייבן די פרוכט. זיינען דאָ פאַראַן מילדערנדיקע אומשטאַנדן, דאַרף דאָ אָנגיין דאָס באַשטראָפן מיט ניט ווייניקער ווי דריי חדשים טורמע".

מאָדערנע מוטעררעכט גילט איצט אין סאָוויעט-רוסלאַנד. דאָרטן איז דער אַבאָרט דערלאָזלעך, אויב ער ווערט פאָרגענומען אין משך פון די ערשטע דריי חדשים שוואַנגערשאַפט און אויב ער קומט פאָר אין אַ קראַנקנהויז. ביים באַשטימען, צי מען קען מאַכן אַן אַבאָרט, נעמט מען אין באַטראַכט ניט נאָר די פראַגע פון געזונט, נאָר אויך די סאָציאַלע לאַגע פון דער פרוי.

האָבן מיר דעם שמועס פאַרענדיקט. איאָ?

— וואַרט. וואָס וואָלסטו געטאָן, אויב ביי דעם מיידל וואָלט טאַקע וואָס געווען?

— עך, מיין ליבער. עס וועט דאָך דיר קנאַפּ וואָס נוצן, אויב איך וואָלט דיר איינפאַך ענטפערן, וואָס איך וואָלט געטאָן. ס'איז כּדאי, אַז מיר אַלע זאָלן זיך מיישב זיין, וואָסער שטע־לונג זאָלן מיר אָננעמען צו דער פראַגע — „אומגעזעצלעכע מוטערשאַפט" בכלל. ווילט איר דאָס?

גוט. אָבער היינט וועלן מיר מפסיק זיין, דאָס זאָל זיין די טעמע פאַרן קומענדיקן מאָל.

.VII

די אומגעזעצלעכע קינדער. דאס רעגולירן געבורטן.

דעם אָוונט האָט אָנגעהויבן אָטאָ:

— דו האָסט געזאָגט, וועסט ריידן וועגן אומגעזעצלעכער מוטערשאַפט. איך האָב אַ סך געקלערט וועגן דעם, וואָס הייסט אייגנטלעך בנוגע מוטערשאַפט — „אומגעזעצלעך"? דאָס מיינט מען, ווען צווישן דעם מאַן און דער פרוי איז ניט פאָרגעקומען קיין חתונה„ דאָס ווייס איך. אָבער מוטערשאַפט איז דאָך מוטערשאַפט! צי אָן חופּה צי מיט אַ חופּה — פאַר דער זאַך גופא, פאַר עצם מוטערשאַפט, איז דאָך עס אַלץ איינס. אָדער ניט?

— ביסט אוודאי גערעכט, ביסט גערעכט, אַף וויפיל עס רעדט זיך וועגן דעם נאַטירלעכן פּאָרגאַנג פון שוואַנגערשאַפט און פון געבוירן דאָס קינד. דאָס וואָס עס מאַכט די פרוי פאַר אַ מוטער און אַלץ וואָס עס קומט פאָר מיט דער פרוי דער מוטער — דאָס איז באַשטימט פון דער נאַטור, ניט פון געזעצן, און דאָ איז נאָר פאַראַן איין אַלגעמיינער מין מוטערשאפט. אָבער דו ביסט ניט גערעכט אין גאַנצן. ווייל בנוגע רעכט און אָנזען אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איז דאָ מוטערשאָפט געזעצלעכע און מוטערשאַפט אומגעזעצלעכע. אָבער דו דערמאָנסט זיך, וואָס איך האָב אייך אַנוסטן איבערגעגעבן פון מיינעם אַ געשפרעך מיט צוויי יונגע מענטשן, בעת ביי דעם יונגן־מאַן האָט זיך אַרויסגעריסן: „אַז מיר וואָלטן געווען חתונה געהאַט, וואָלטן מיר גאָרניט באַדאַרפט קומען אַהער"...

— יאָ, דאָס יאָ. אָבער...

— נו, קענסט זיך דערקלערן, פאַרוואָס וואָלטן די ביידע יונגע מענטשן גאָרניט באַדאַרפט קומען צו מיר? לאָמיר זאָגן,

ס'וואָלט טאַקע געווען אַ שוואַנגערשאַפט. און ווי דו זאָגסט און ווי אין דעם אָרט וואָלט זיך דאָס אַריינגעפּאַסט — „מוטער־שאַפט איז דאָך מוטערשאַפט". ניט אמת?

. . . .

— הייסט עס, עס איז געווען נאָך אַ וויכטיקער יסוד פאַר די שרעק וואָס זיי ביידע האָבן געהאַט און באַזונדערש דאָס מיידל. ס'האָט זיי געקימערט נ י ט נ אָ ר די זאָרג, פון וואַנעט וועלן זיי נעמען מיטלען אויפצוהאָדעווען דאָס קינד. פאַרשטייט איר שוין; וואָס איך מיין.

— יאָ, דערקלערט איינער, דאָס קינד וואָלט דאָך געווען אַן אומגעזעצלעך קינד און אַ סך מענטשן האַלטן דאָס פאַר אַ גרויסע חרפּה.

— גאַנץ ריכטיק. דאָס איז נאָך דערוויַיל די הערשנדיקע מיינונג. און דאָס איז אַזוי פעסט איינגעוואָרצלט, כאָטש אויף פּאַ־פּיר — אין דער דייטשישער קאָנסטיטוציע פון 1919 — איז עס גאָר אַנדערש. דאָרטן זאָגט זיך בפירוש:

„די מוטערשאַפט האָט רעכט אויף דעם, אַז די מלוכה זאָל זי שיצן און פאַרזאָרגן".

און נאָך זאָגט זיך דאָרטן:

„די געזעצגעבונג דאַרף איינשטעלן ג ל י י כ ע באַדינגונגען פאַר דער קערפּערלעכער, גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג פון אַלע קינדער — הן פון חתונה־געהאַטע, הן פון ניט חתונה־געהאַטע מוטערס".

— איז עס געוואָרן אַזוי?

— דערוויַיל ניט. דערוויַיל באַטראַכט מען, אַז דאָס קינד פון דער ניט־חתונה־געהאַטער מוטער האָט נאָר אַ שייכות צו זיין מוטער, און מיטן פ אָ ט ע ר א י ז ע ס ג אָ ר ק יי ן ק ר ו ב נ י ט. מען דריקט זיך אויס (און אפילו אין געזעץ איז דער אויסדרוק פאַראַן), אַז דאָס „אומגעזעצלעכע" קינד איז פון דער נאַטור אויס אָנפאַרטרויט דער מוטער.

— ווי אַזוי „פון דער נאַטור אויס"?

— דאָס וואָלט איך אויך זיין א בעלן צו פרעגן. אָדער דער כלל ביז חל אַף אַלע קינדער — אָדער מיר האָבן דאָ ווידער צו טאָן מיט אַ געמיינקייט פון אונדזער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס פאַרדעקט אירע פירעכצן לשם געלט־אינטערעסן מיט געהויבענע ווערטער — „פון דער נאַטור אויס", אָדער מען דערגייט אַזש ביז „פון גאָט איינגעשטעלט". אין עצם האָט מען איינגעשטעלט אַ ספּעציעלן סדר פאַר די אומגעזעצלעכע קינדער, כּדי זיי זאָלן ניט קענען קריגן קיין טייל ירושה, וואָס ווערט צוגעשאַרט נאָר פאַר די אָנשטענדיקע געזעצלעכע קינדער. דאָס „אומגעזעצלעכע" קינד, וואָס ס'רוב האָט אַן אָרעמע מוטער אים געבאָרן, האָט ניט קיין חלק ונחלה אין פאָטערס האָב און גוטס. דאָס דאָזיקע קינד קען נאָר פּרעטענדירן אַף אַזוי גערופענע אַלימענטן, ד. ה. אַף געלט וואָס זיין מוטער קריגט אויסצוהאַלטן דאָס קינד. און קריגן די אַלימענטן איז אויך ניט אַזוי פּשוט: מען קען דעם פאָטער אָנקלאָגן אין געריכט. און ס'איז כּדאי זיך אָנצוטערקן, אַז ס'רוב פאָטערס צאָלן ניט מיטן איינגענעם ווילן. מען מוז זיך פריער פּראָצעסירן מיט זיי, מיט די „אומגעזעצלעכע פאָטערס"! און ס'איז אפשר נאָך כּדאיער זיך אָנצומערקן — ווייל דאָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזער קלאַסנגעזעלשאַפט — אַז אין דייטשלאַנד איז די גרייס פון די אַלימענטן אָפּהענגיק פון דעם, וואָסער מין אַנטוויקלונג עס פאַסט פאַרן קינד, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם שטאַנד פון דער מוטער!

ווי איר זעט, גייט דאָ דער פאָטער אַרויס אַ טרוקענער פון וואַסער. ער דאַרף נאָר צוּוואַרפן די עטלעכע גראָשנס אַלימענטן — און יוצא. די גאַנצע לאַסט אופצוהאָדעווען דאָס קינד וואַרפט מען אַרוף אַף דער „אומגעזעצלעכער" מוטער. און דאָך גיט איר דער געזעץ גיט קיין פולע רעכט אַפילו דאָ. ווען איר קינד האָט אַ פאַרמעגן, טראָץ מען איר ניט אָן צו פאַרוואַלטן מיט איר קינדס פאַרמעגן. מען האַלט זי פאַר „ניט קיין מאָראַלישע". זי איז אַ לייכטזיניקע און זי קען פאַרשווענדן דעם קינדס פאַרמעגן. דעריבער מוז אַזאַ קינד האָבן אַן אַפּיטראָפּוס.

וואָס ער קוקט אויך אויף, ווי די מוטער זאָרגט פאַרן קינד. אמת, מען דאַרף נים לייקענען, אַז ביי די געפאַרן, וואָס אַן „אומגעזועצלעך" קינד האָט אויסצושטיין אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איז אַן אפיטרופּום נים איבעריק.

אָבער די כּוונה פון דעם געזעץ איז דאָ געווען נים צו שיצן דאָס קינד פון די בייזע געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן. דער געזעץ שפּיגלט נאָר אָפּ דעם משונהדיקן קוק אַף דער „אומגעזעצלעכער" מוטער, וואָס איז אוממאָראַליש און איז אַן אויסבּרענגערקע. אָבער אַ פאָטער, וואָס זאָל פאַרשווענדן דאָס געלט פון זיינע קינדער, איז גאָר פאַרן געזעץ נים בּנימצא.

הכּלל, ווי ווייט זיינען מיר געקומען ביים באַטראַכטן דעם ענין „אומגעזעצלעכע מוטערשאַפט"?

— מיר האָבּן שוין אַרומגערעדט, ווי די מענטשן שאַצן דאָס אָפּ און ווי עס איז די רעכטלעכע לאַגע פון דעם „אומגעזעצלעכן" קינד.

— לאָמיר זיך גענויער אויסדריקן, ווי די מענטשן שאַצן אָפּ די „אומגעזעצלעכע" מוטער — איז איינגעטלעך דאָס, וואָס מיר זעען און הערן בּנוגע דעם, אַף יעדן טריט און שריט שטויסט איר זיך צונויף מיט די געוויינלעכע מיינונגען אין דער פראַגע. לאָמיר אָבער זען פאַרשטיין דעם יסוד, דעם טעם פון דעם געזעגעם און דעם געהערטן. און דאָ איז גלייכער נים זאָגן גלאַט אַזוי „די מענטשן", נאָר איינזען, אַז די ערשטע פידל שפּילן דאָ באַשטימטע קרייזן פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיי בּינדן אָן זייער מיינונג דער גאָרער עפנטלעכקייט. זיי טוען עס דורך דער שול, דורך דער פּרעסע, דורך דער קירך. זיי העצן קעגן יעדן און פאַראַכטן יעדן וואָס טראַכט און טוט אַנדערש ווי זיי. זיי האָבּן די מאה און זיי האָבּן די דעה. זעט איר אַז ווי נאָר מיר שטויסן זיך צונויף מיט אַ געזעלשאַפטלעכער פראַגע, מוזן מיר ענדיקן מיט פּאָליטיק. אָבער נחזיר לעניננו, צוריק צו דער טעמע. לאָמיר אַ קוק טאָן, וואָסער איינהירקונג עס האָט אין לעבן גופא די דאָזיקע פאַראַכטנדיקע אָפּשאַצונג פון „אומגעזעצלעכע" מוטער און קינד.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז צו מיר געקומען אַן אָנפירערין פון אַ היים פון אַזוינע מוטערס פון קינדער און זיך מיישב געווען מיט מיר אין אַזאַ ענין:

געקומען אַ מוטער מיט איר קליין קינד און געבעטן, מען זאָל אופנעמען דאָס קינד אין היים. די מוטער וווינט ביי אירע עלטערן. זי איז סך הכל 21 יאָר אַלט. די עלטערן ווייסן נאָך קיין זאַך נישט וועגן דעם קינד. דעריבער האָט דאָס קינד נישט געקאָנט בלייבן ביי זיין מוטער. וואָס פאַר זיך גענומען, נאָך די מאַטעריעלע פערהעלטענישן נאָך, וואָלט עס יאָ געווען מיגלעך. איז אנטשטאַנען אַזאַ מין שוועריקייט: די פרוי האָט אַרבעט. איר פאַרדינסט אָבער קען נישט סטאַיען, אַז חוץ אירע אייגענע הוצאות זאָל זי נאָך זיין בכוח צו צאָלן פאַרן קינד. די פאַרוואַלטערין פון דער היים האָט אַ פרעג געטאָן וועגן פאָטער. דער ענטפער איז געווען דער געוויינטלעכער: ער צאָלט נישט. נו, אַז מען זאָל אים אָנקלאָגן, קען ער צאָלן? געקענט צאָלן וואָלט ער נעווים. אָבער דער אַפּיטרופּוס אין יוגנטאַמט האָט איר, דער מוטער, אָפּגעעצהט פון פּראָצעסירן זיך. פאַרוואָס? אָט דאָ קומט דאָס שווידערלעכסטע! די מוטער האָט אַ שטעל אין אַ מלוכה=אַנשטאַלט. ווען זי וועט אָנקלאָגן דעם פאָטער פון איר קינד, מוז דאָס געריכט זיך ווענדן צו דעם מלוכה=אַנשטאַלט, וווּ זי אַרבעט, כדי פעסטצושטעלן, וויפיל זי פאַרדינט. דערווייל וועט מען זיך אין איר אַנשטאַלט דערוויסן, אַז זי האָט אַן „אומגעזעצלעך“ קינד—און דער סוף קען זיין, אַז מען וועט זי אָפּזאָגן פון איר שטעל. אַף אַזאַ אופן קען זי פון איר קלאָגן זיך פיל מער פאַרלירן איידער געווינען.

— מעג דען אַ מלוכה=אַנשטאַלט אָפּזאָגן אַ פרוי, ווען זי ווערט אַ מוטער נישט=חתונה=געהאַטערהייט? דו האָסט דאָך אונדז פאָרגעלייענט אַ פונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אַז די מוטערשאַפט ווערט געשיצט דורכן געזעץ.

— ניין, אַזוי דירעקט טוט מען עס נישט. דער אַנשטאַלט גופא וועט זיך גאָר נישט דרייסטן דאָס צו טאָן. אין געזעץ וועגן באַאַמטע איז געווען אַ בפירושער פונקט: „ווען אַ נישט חתונה=געהאַטע באַאַמטע ווערט אַ מוטער, קען דאָס נאָך נישט זיין קיין

גרונד אָנצונעמען קעגן איר דיסציפּלינאַרע מיטלען״. ד. ה. זי אָפּ־צוזאָגן. אגב האָט זיך קעגן אָט דעם פּונקט אין געזעץ געפירט אַ ווילדע אַגיטאַציע גראָד מצד די פאַרבאַנדן פון פ ר ו י ע ן־באַאַמטע! די פּראָטעסטן זיינען געווען אזוי ענערגיש, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט זיך געמוזט רעכענען מיט זיי. אָט דאָ האָט איר, ווי די פרוי אליין האָט געשטערט איבערצובייטן דעם אַלטן קוק; ווי זי אליין איז גרייט צו זיין אַ קנעכט, אַן עבד כנעני אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אָבער מען וועט דאָך ניט אָפּזאָגן קיין באַאַמטע מחמת איר מוטערשאַפט. דערפון קען נאָך ווערן אַ סקאַנדאַל. די בייזע סאָציאַליסטישע פּרעסע קען דאָס נאָך אויפכאַפּן. צוואָס דאַרף מען עס? די ליבע קאָלעגינס וועלן שוין זאָרגן, אַז די מוטער נעבעך זאָל זיך ווי ניט איז אין עפּעס אַ קליינ־קייט פאַרזינדיקן (דאָס קען זיך דאָך טרעפן ביי יעדער אַרבעט), איר נאָמען וועט שוין קומען אפן שוואַרצן ליסט און אין אַ שיי־נעם טאָג וועט זי מיט איר קינד אַרויסגעוואָרפן ווערן אַפן גאַס.

קורץ און גוט, אזוי ווי דאָ איז פאַראַן א גרויסע סכנה, דאָט דער אפּיטרופּוס אָפּגערעדט יענע מוטער פון פּראָצעסירן זיך. דער פאָטער האָט בכן זיך געקענט ארויסדרייען אז קיין האָר זאָל אַף אים ניט פאַלן, און דאָס קינד וואָלט ניט געטאָרט אָנקו־מען אין יענער היים, אויב די פאַרוואלטערין וואָלט ניט געווען געהאַנדלט מענטשלעך, נאָר שטרענג על פּי אירע פאָרשריפטן. אמת, אין דעם פאַל האָט מען דאָס קינד פאַרזאָרגט. אָבער ווו איז דער גרונד פאַר די אַלע שוועריקייטן? פון וואַנעט נעמט זיך דאָס!

— פון דעם, וואָס די געזעלשאַפט שאַצט אזוי אָפּ די „אומגעזעצלעכע״ מוטער.

— איר זעט שוין, אין וואָס עס דריקט זיך אוים די ווירקונג פון דעם „קריסטלעכן פאַמיליען־אידעאַל״. אָבער לאָמיר נאָך ווי־טער זיך צוקוקן ווי עס לעבט זיך פאַקטיש די „אומגעזעצלעכע״ קינדער, וואָס דאַרפן על פּי קאָנסטיטוציע זיין גלייך מיט די גע־

זעצלעכע, אין זאַקסן פירט מען אַ גענויע סטאַטיסטיק פון די „אומגעזעצלעכע". שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ דריטל — אַזש אַ דריטל! — קינדער שטאַרבן אין משך פון די ערשטע דרײַ יאָר פון זייער לעבן. און נאָר צוויי דריטל דערלעבן צו ווערן פיר יאָר אַלט. און ס'איז קלאָר פאַרוואָס. זעלטן קען אַ נישט־חתונה־געהאַטע מוטער האַלטן איר קינד בײַ זיך. אַפילו ווען די עקאָנאָמישע לאַגע דערלויבט עס איר, קען זי דאָס נישט מחמת דער עפנטלעכער מיינונג. די קינדער נעבעך וואַנדערן אַריבער פון איין קינדערהיים אין דער צווייטער, און וואָס דאָס קינד ווערט עלטער, ווערט דאָס אַריבערוואַנדערן אָפטער. די פּאַטערס צאָלן בכלל נישט פּינקטלעך, און וואָס דאָס קינד ווערט עלטער, ווערן קלענער די אויסזיכטן צו קריגן די נייטיקע סומעס פון די פּאַטערס. אַט האָט איר סטאַטיסטישע ידיעות פון פראַנקפורט בײַם מאַין, פאַר וואָסער פּראָצענט „אומגעזעצלעכע" קינדער מען צאָלט אַלימענטן:

אין ערשטן לעבנסיאָר פון קינד	35	פּראָצענט
אין צווייטן, דריטן " " "	32,2	"
אין פערטן, פינפטן, זעקסטן לעבנסיאָר פון קינד	27.5	"
אין זיבעטן און אכטן " " "	19.5	"
אין נײַנטן, צענטן, עלפטן " " "	16	"
אין צוועלפטן, דרײַצנטן, פערצנטן " " "	15,2	"

ווי עס האַלט מיט דער גלײַכקייט פון „אומגעזעצלעכע" און „געזעצלעכע" קינדער גיבן אונדז אַ קליין בילדל אויך די ציפערן פאַרן יאָר 1920. אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען דאָס דערמאָנטע יאָר געשטאַרבן זייגקינדער:

23 פּראָצענט פון די „אומגעזעצלעכע"
און 11,9 " " " „געזעצלעכע".

אַזוי ווי מיר האַלטן שוין בײַ דער סטאַטיסטיק, וועל איך אײַך אַ ביסעלע נאָך מאַטערן מיט צאָלן. צוויי סטאַטיסטיקער

האָבן אויסגעפאָרשט 900 משפחות אין דייטשלאַנד, זיי איינגעטיילט לויט דער פּראָפעסיע, אויסגערעכנט די דורכשניטלעכע צאָל קינדער און די שטערבלעכקייט פון די קינדער אין די משפחות. עס האָט זיך באַקומען אַזאַ טאַבעלע:

די באַשעפטיגונג:	די צאָל קינדער אין דורכשנים:	דערפון שטאַרבן:
אַקאַדעמיקער	2,7	5,4 פּראָצענט
פרייע פּראָפעסיעס	3,04	8.1 "
באַאַמטע און לערערס	3,2	6,1 "
סוחרים	3,4	9,0 "
בעלי־מלאכות	3,4	15,6 "
אָנגעשטעלטע	3,4	16,3 "
אַרבעטער	6,0	20,7 "

איר זעט, ווי עס וואַקסט דאָ דער פּראָצענט פאַר שטערבלעכקייט און אין וואָסער לאַגע עס געפינען זיך קינדער פון בעלי־מלאכות, פון אָנגעשטעלטע און פון אַרבעטער. און מען טאָר אויך נים אויסטיימשן, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער נאָך־מלחמה־נויט אין דייטשלאַנד. אין דער „גלאַנץ“־תקופה בימי ווילהעלם II איז נים געווען בעסער. אויך יעמאָלט פלעגן (לויט ציפערן פון ברעמען) ביי חייניק פאַרמעגלעכע שטאַרבן אין פינף מאָל מער קינדער ווי ביי די פאַרמעגלעכע.

וואָס קענען מיר אָפּלערנען פון די ציפערן און דערעיקר פון אָט דער טאַבעלע?

— וואָס בעסער עס זיינען די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון די עלטערן, איז די צאָל קינדער רק קלענער.

— גוט. וואָס נאָך? באַטראַכט די צאָלן פאַר דער שטערבלעכקייט.

— ביי די אַרבעטער שטאַרבן קינדער מער ווי ביי אַנדערע.

— דאָס אויך. ווייטער?

— וואָס ווייניקער קינדער עס זיינען פאַראַן אין דער פאַמיליע, אַלץ קלענער איז דער פּראָצענט פאַר קינדער-שטערב-לעכקייט.

— ניט אמת? דאָס איז זייער וויכטיק. פון וואַנעט נעמט זיך דאָס?

— די רייכע האָבן ניט אַזוי פיל קינדער און קענען בעסער פאַרזאָרגן די וויניק קינדער וואָס זיי האָבן.

— און די אָרעמע?

— זיי קענען ניט ווי מען באַדאַרף האָדעווען זייערע קינדער.

— פאַרוואָס?

— ווייל אָפט מוזן אי טאַטע אי מאַמע אַרבעטן און זיי האָבן צו ווייניק געלט.

— נו, און וואָס נאָך שפּילט דאָ אַ ראָלע? באַקוקט נאָך אַמאָל די צאָלן-רייען.

— די אַרבעטער האָבן אַזוי פיל קינדער, כאָטש זיי האָבן ווייניקער געלט! סאַראַן אומזינען דאָס איז!

— זעט איר! וואָס מער עס שטייגט די קולטור און די וווילפאַרמעגלעכקייט פון מענטשן, ווערט רק קלענער די קינדער-צאָל, אָבער רק בעסער ווערט פאַרזאָרגט יעדער קינד באַ-זונדער. און ווען מען באַגרענעצט זיך די צאָל קינדער, טוט מען עס, ווייל אפילו ביי גוטע אומשטאַנדן קען מען אויך נאָר אַ באַגרענעצטע צאָל קינדער געבן די דערציונג, וואָס זי פאָ-דערט זיך.

און ווען מען פאַרגלייכט פעלקער צווישן אַנאַנד, קומט מען אויך צו אַן ענלעכן אַרויספיר: אין די לענדער, ווו די קולטור שטייט אף אַ נידעריקער מדרגה, האָבן מיר גרויסע צאָלן פאַר געבורטן און דערפאַר אויך גרויסע צאָלן פאַר דער שטערבלעכ-קייט און (דאָס איז אויך כדאי זיך צו מערקן) אַ נידעריקע דורכשניט-עלטער פאַר דער פרוי. די גרויסע צאָלן פאַר געבורטן זיינען אַן אויסדרוק פאַר דעם, אַז אומבאַרחמנותדיק ווערט דאָרטן

די פרוי געשלעכטלעך אויסגענוצט. און ביי אונדז אויך איז דאָך די לאַגע פון דער פרוי ערגער, וואָס ווינציקער קולטור עס איז פאַראַן אין די באַטרעפנדיקע קרייזן. אונדזערע פּראָלעטאַריער האָבן זיך דאָ נאָך אַ סך צו לערנען!

איר זעט, ווי די פּראָבלעם פון געבורטן־צאָל, אָדער פון אַן אַנדער צוגאַנג — די פּראָבלעם פון אויסמיידן די באַפרוכ־פּערונג, איז פאַרבונדן מיטן גאַנצן שטייגער לעבן. און פאַר אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט דאַרף גילטן ניט קיין „געבורטן״־שטרייק און ניט קיין פּרו־ורבו, אַ מערן זיך אָן זינען און אָן אַ ציל, נאָר דאָס רעגולירן געבורטן. דאָס דאָזיקע רע־גולירן וואַקסט אַרויס פון געפיל פאַר אחריות לגבי אונדזערע קינדער, לגבי אונדזער אַרבייט, אונדזער צוקונפט. מען טאָר אָבער ניט מאַכן קיין ברעקעלע אונטערשייד, צי די ליבע־בינדונג האָט אויף זיך אַ שטעמפּל פון שטאַנדאַמט אָדער ניט. דרך־ארץ פאַר יעדער מוטערשאַפט! די מוטער מיט איר קינד אויף די הענט איז אַ מאַדאָנע, אַ הייליקע. די פרוי טאָר ניט דערנידעריקט ווערן ביז דער מדרגה פון אַ מין געשלעכט־מאַשין צו פּראָדוצירן קינדער. צווישן איין האָבן אַ קינד און דעם צווייטן מאָל האָבן איז פאַר דער פרוי נייטיק אַ הפסקה זיך צו פאַררוען און זיך צו שטאַרקן, אַ הפסקה פון ווייניקסטנס צוויי און נאָך בע־סער פון דריי יאָר. דוכט זיך, אַז מיט דער פראַגע זיינען מיר שוין פאַרטיק, האָט נאָך עמעצער וואָס צו פרעגן?

— יאָ, אין דעם פאַל, וואָס דו האָסט אונדז דערציילט, אַז עס וואָלט יאָ געווען אַ שוואַנגערשאַפט, וואָס וואָלט מען באַדאַרפט טאָן?

— איצט קענט איר אפשר שוין אליין פאַרענטפערן די שאלה?

— דו וואָלסט געדאַרפט נאָך אַמאָל קלאָר מאַכן ביידן, אַז מיר שרעקן זיך ניט און שעמען זיך ניט פאַר „אומגעזעצ־לעכער״ מוטערשאַפט.

— אוודאי: איך וואָלט אויך דעם מאַן גוט אריינגעחזרט, אַז זיין אַחריות לגבי זיין פרוי און זיין קינד ווערט דערפון ניט

קלענער. איך וואָלט אַפילו זאָגן, אַז די דאָזיקע אחריות איז אַ גרעסערע דווקא ווייל די אויסווייניקסטע פאָרם פון זייער בינדונג איז פאַר אַנדערע לײַט ניט געגוג פעסט.

— אָבער זיי האָבן דאָך קיין געלט ניט!

— אפשר וואָלט מען זיך געקענט אײַניקן מיט די עלטערן, מיינט האַנס.

— איז בכן?

— דו וואָלסט אפשר גערעדט מיט דעם מאַנס עלטערן.

— דאָס וואָלט איך געטאָן. כאָטש איך רעכן, אַז מען קען ניט סתם אַרופלייגן אַף עלטערן די אחריות פאַר די מעשים פון זייערע קינדער. בכל אופן בין איך איבערגעצייגט, אַז אין דעם גרעסטן טייל פאַלן קען מען סוף־כל־סוף געפינען אַזאַ אויסוועג, אַז מען זאָל ניט דאַרפן העלפן די מענטשן מיט אַ געפערלעכן אַריינמיש. ביי אַזוינע פאַלן איז מיר אויסגעקומען ניט איין מאָל צו זיין אין אַ שווערער לאַגע. אָבער דערווייל האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו העלפן, ניט שטעלנדיק אין אַ סכנה לייב אָדער זייל. אָבער ווען איך רייד איצט מיט אייך וועגן דעם, קען איך ניט ניט אונטערשטרייכן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ווי גרויס עס זיינען די שוועריקייטן און ווי דריקנדיק עס איז די אחריות, ווען יונגע מענטשן פאַרבינדן זיך אַף אַזאַ אופן. דעריבער — זעט צו זיין פריי. כל זמן איר זייט ניט אין גאַנצן צייטיק, כל זמן עס ווערט ניט צייטיק גוף און נשמה. צייטיקע און דערוואַקסענע, ווען איר האָבן כוח און מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם לעבן, פנים אל פנים זיך ווענדן צום לעבן: „לעבן, מיר ווילן דיך באַצווינגען!"

VIII.

עטלעכע ספקות.

בערלין, דעם 4-טן דעצעמבער 1923.

ליבער הער דאָקטאָר!

איך מוז נאָך אמאָל שרייבן צו אייך. רודאָלף האָט מיר דערציילט וועגן אייער געשפּרעך מיט אים. איך קען דאָס אָבער ניט. איך האָב שטענדיק געקלערט, אַז דער פאַרקער מיט אַ מענטשן וואס מען ליבט אים האָט נאָר יעמאָלט אַ באַרעכטיגונג, א הכשר, ווען ער פירט צו האָבן קינדער. ווען איך בין געווען ביי אייך; ווען איך האָב געמיינט, אַז איך באַקום אַ קינד, האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז איך האָב אַפריער, בעת איך האָב זיך פאַרבונדן מיט רודאָלפן, דאָס אַלץ ניט גענוג באַטראַכט. יעמאָלט זיינען דאָך פאַר מיינע אויגן קלאָר אופגעשטאַנען אַלע שוועריקייטן, וואָס קומען ארויס פון אַ שוואַנגערשאַפט.

און איצט, ווען איך האָב דאָס אַלץ דורכגעלעבט, עצהט איר אונדז צו פאַרהיטן די מיגלעכקייט פון אַ באַפרוכפּערונג. בין איך אין הוילע ספקות. עס ציט מיך צו רודין — איך האָב אים דאָך אזוי ליב און ער פאַרלאַנגט נאָך מיר — און עפּעס וואַקסט אין מיר אַ ווידערווילן קעגן דעם אַריינמישן זיך אין דעם גאַנג פון דער נאַטור, — דאָס איז דאָך אזוי ניט שיין. איך קען עס ניט. זאָל איך זיך צעשיידן מיט רודין? גיט מיר נאָך אַמאָל אַן עצה, כ׳בעט אייך זייער, וויל איך בין אין גאַנצן צעטומלט.

און נאָך א זאַך. איך רעכן, איך מוז דאָס אייך דערציילן. מיין מוטער וויים פון גאָרנישט נים. פריער פלעג איך איר פון אלץ אויסדערציילן. און איצט שטיים צווישן אונדז דאָס, וואָס איז מיין גרעסטע איבערלעבונג, וואָס איך האָב ביז אַהער געהאַט. איך שרעק זיך אָבער צו גיין צו איר. איך דערמאָן זיך גלייך, וואָס פאַר אַ גוואַלד עס איז געוואָרן אין שטוב ביי מיינער א חברטע, ווען אירע על־טערן האָבן זיך דערוווסט. אַז זי איז געגאַנגען מיט איר פריינט. איך מיין, אז מען קען וועגן דעם גאָרנים ריידן מיט אַלטע לייט. קענט איר מיר נים זאגן, וואָס איך זאָל טאָן?

אייער שטענדיק דאַנקבאַרע

לענע.

רודאָלף וויים פון דעם בריוו גאָרנישט. כ׳בעט אייך, אָגט אים נים וועגן דעם.

בערלין, דעם 6-טן דעצעמבער 1923.

ליבע לענע

צוערשט קלאָר מאַכן איינס. אזוינע בריוו דאַרפט איר נים שרייבן אָן דעם וויסן פון אייער פריינט. איך האָב דאָס געפיל, אַז צווישן מענטשן, וואָס שטייען אין אזוינע נאָענטע באַציונגען ווי איר ביידע, דאַרף נים בלייבן נים דערערעדם אַן ענין, וואָס באַרירם אזוי שטאַרק אייך ביידן ווי אָט דער בריוו. איך וועל אוודאי מים רודאָלפן נים ריידן, נאָך אייער ווונטש נאָך. אייך בעט איך אָבער זייער — איר זאָלט דאָס אליין טאָן.

איצט וועגן אייער מוטער. עס דוכט זיך באמת אוים ליידער באמת אוים, אַז מיר, יונגע, קענען מיט די אַלטע נים ריידן וועגן דעם, וואָס אונדז באַרירט עס אַזוי טיף

אינעווייניק, ווייל די אַלטע פֿאַרשטייען עס ניט מער. איך דערמאָן זיך דעם אינטערעס, וואָס האָט בשעתו, פּונקט מיט צען יאָר צוריק, אין דעצעמבער 1913, ארויסגערופן צו זיך אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „אָנהייב", אַ צייטשריפט פון דער יוגנט. דער אַרטיקל האָט געהייסן „גרענעצלאָזע ערלעכקייט". אין דעם אופֿן האָט מען פֿאָרגעשטעלט, ווי עס ווירקט אין דער פֿאַמיליע, ווען אַ מיידל האָט דערקלערט, אַז זי רעכנט זיך צו טרעפֿן אין אַ קאָנדיטעריי מיט איר פֿריינט, און אומגעקערט — ווען אַ בחור האָט געמאָלדן, אַז ער האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן מיט אַ מיידל. אונדז אַלעמען, וואָס מיר האָבן געשטעקט אין מיטן פֿון דעם דעמאָלדיקן קאַמף פֿון דער יוגנט פֿאַר נייע לעבנספֿאָרמען, אונדז האָבן זיך די פֿאַרעפֿנטלעכטע געשפּרעכן אויסגעדוכט ווי אַ גרויסע אילוזיע, ווי עפּעס אומדער־גרייכלעכס. ווייל די דאָזיקע געשפּרעכן זיינען געווען צוגע־שפּיצט צו דעם, אַז די עלטערן, שטאַרק פֿאַרוואונדערטע, ממש דערשראָקענע, רעכענען זיך סוף־כל־סוף מיט די פֿאַקטן און זיינען מסכּים דעם פֿריינט אָדער די פֿריינדין אופּצונעמען בעסער ביי זיך אין שטוב, כּדי זיך צו באַקע־נען מיט זיי, איידער צו דערלאָזן, אַז זייערע קינדער זאָלן אין גאַנצן אָן שום קאָנטראָל מאַכן זייערע דערפֿאַרונגען. איך האָב שפּעטער איינגעזען, אַז דאָס וואָס איז געווען פֿאָרויסגעזאָגט אָט אין יענעם געשפּרעך, איז נישט גאָר אוממיגלעך.

דער שרעק, וואָס האלט אָפּ די יינגערע, באַזונדערש אין אייער עלטער, צו ריידן מיט די עלטערן וועגן פּער־זענלעכע איבערלעבונגען, נעמט זיך אין אַ גרויסער מאָס פֿון דער אומזיכערער און אומקלאָרער לאַגע לגבּי די על־טערן. ביז צו פֿערצן יאָר אַן ערך זייט איר געווען „אַ קינד". שפּעטער באַקומט איר ווי אַן אַרבעטער אָדער ווי אַן אַרבעטערין אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט אין דעם עפֿנט־לעכן לעבן, און דאָך איז אייער שטעלונג אין דער היים

ניט קיין קלאָרע, עס איז זייער גרינג צו פאַרשטיין, למאי די עלטערן שפּירן ניט, באַנעמען ניט דעם גרויסן שינוי וואָס איז פאָרגעקומען אין אייער לעבן. פאַר זיי האָט זיך דאָך קיין זאַך ניט געביטן, פאַר זיי בלייבט איר אַ קינד, דאָס זעלביקע קינד זייערס. אין דעם פאַקט, אַז באַוווּס־טערהייט הייבט איר אָן צו פורעמען אַן אייגן לעבן, שטעקט פאַר די עלטערן אַפילו עפּעס אָפּשר־עקנדיקס. די עלטערן האָבן בשעת מעשה מורא עפּעס צו פאַרלירן, וואָס זיי האָבן ביז יעמאָלט פאַרמאָגט. און זיי מאַכן זיך לײַדער ניט קלאָר, אַז זיי וועלן עס נאָך גיכער פאַרלירן, וואָס ווייניקער פרייהייט זיי וועלן געבן זייערע קינדער זיך אַליין צו אַנטוויקלען, — זיי וועלן פאַרלירן דאָס פאַרטרויען פון די קינדער צו זיי. און וואָס אָנבאַלאַנגט פרייהייט — נע־מען זיך געזונטע קינדער אַליין די פרייהייט. ווי אַלע וואָס זיינען אין אַ גלייכער לאַגע שפּירט איר אויך, פאַרשטייט זיך, בײַ אייער מוטער אַזאַ ניט־אַרויסגערעדטן, אָן אינעווייי־ניקסטן ווידערשטאַנד.

און דאָך איז פאַראַן בלויז איין וועג, זאָל זיין די סכנה צו פאַרשאַפן אייער מוטער מאָמענטאַנעם ווייטאָג און צער, מוזט איר דאָך אין אַ פּאַסיקער רגע איר אויסדער־ציילן אייער הארץ. יעמאָלט ווערט איר פריי — אייער מוטער וועט אייך פאַרשטיין אָדער זיך צופּאַסן צו אייך, זי וועט אייך אַפילו זיין דאַנקבאַר, וואָס איר האָט געהאַט צו איר מער צופאַרטרוי, ווי זי צו איר אייגן קינד, כאָטש זי וועט דאָס אייך ניט אַרויסזאָגן. און איר האָט מיט אַזאַ אויס־דערציילן אַלץ—געשאַפן דעם יסוד פאַר אַ פיל שטאַרקערן צופאַרטרוי. עס וועט אייך און די מוטער פאַרבינדן ניט דאָס פאַרטרויען פון דעם גלויביקן און אָפּהענגיקן קינד, נאָר דאָס פאַרטרויען פון פריינטשאַפט, וואָס איז פריי און וואָס שענקט, וואָס באַרוט אַף קעגנזייטיקן אַכטן און שאַצן. איר דאַרפט דאָך אויך פאַרשטיין די שוועריקייט בײַ דעם „צד שכנגד", בײַ אייער מוטער. עס קומט גאָרניט

גרינג אָן, ווען מען מוז זיך מודה זײַן, אַז פּלוצלונג זאָל מען נעמען טײלן מיט אַ פרעמדן די ליבע פון אַ מענטשן, נאָך דעם ווי מען האָט פאַרמאָגט אַזוי לאַנג די דאָזיקע ליבע אין גאַנצן אַלײן. אָבער אַלע עלטערן מוזן דאָך אַמאָל דורכמאַכן די דאָזיקע איבערלעבונג — און מיר וועלן נאָר האָפן, אַז בעת מיר אַלײן וועלן זײַן אָט אין דער לאַגע, וועלן מיר האָבן אופגעהיט גענוג פרישקײט און אָפנקײט, אַז מיר וועלן דאָ ניט זײַן אַ שטער פאַר אונדזערע קינדער, אַן אבן נגף אַף דעם וועג.

לסוף, דאָס וויכטיקסטע פאַר אײַך גופא. איך פאַר־שטײ אײַערע ספקות, אײַערע אינעווײניקסטע אײַנווענדונגען קעגן מיר, אָבער דאָך בין איך ניט מסכים. באַקלערט זיך אָט וואָס: בעת איר זאָגט, אַז די געשלעכטלעכע פאַרבינ־דונגען מיט אַ מענטשן קען מען כשרן נאָר יעמאָלט, ווען זײ מאַכן מיגלעך דאָס אַרויסוואַקסן פון אַ נײַער באַשעפע־ניש, און נאָר דורך דעם — דאָס שטעקט אײַגנטלעך אין אײַערע רייד — קענען די פאַרבינדונגען באַקומען אַ העכערע חשיבות, באַטײַט עס, אַז איר אַסרט, איר פאַר־ווערט פאַר ווײניקסטנס דרײַ פערטל מיטלאײַראָפּעיִשע מענטשן יעדן געשלעכטלעכן פאַרקער. איר וואונדערט זיך? ווער קען דען בײַ די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן וואָס הערשן איצט, נעמען אַף זיך מיט אַ רײנעם געוויסן די גוואַלדיקע אחריות צו ברענגען קינדער אַף דער וועלט? איר האָט מסתמא געהערט דאָס ווערטעלע, אַז צוואַנציק מיליאָן דײַטשן זײַנען צו פיל דאָ. איך נעם אָן אָט דעם שפּרוך, הגם מיט אַ הנחהלע: בײַ די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. איך בין אָבער איבערגעצײַגט, אַז בײַ אַנדערע פאַרהעלטענישן, בײַ אַ ניט קאַפּיטאַליסטישער פּלאַנווירטשאַפט, וועלן זיך די דאָזיקע איבעריקע צוואַנציק מיליאָן און נאָך און נאָך זיך דערנערן גוט און ווויל. אָבער איצט? און ווילט איר דאָך עקשנות־דיק בלײַבן בײַ אײַער אויסגעהאַלטנקײט?

ניין. די געשלעכטלעכע פארבינדונג וואָס קומט פון דער ליבע האָט פאר די צוויי מענטשן, וואָס זיינען דורכגענומען מיט אָט דעם געפיל, נאָך אַ באַטייט, נאָך א פשט, חוץ דער כוונה אופצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין. איר דאַרפט דאָ באַשליסן, ווו עס איז דאָס קלענערע בייז. ווילט איר בכלל זיך צוריקהאַלטן אָדער ווילט איר גיין דעם לעבן אַנטקעגן און דערביי זיך מודה זיין אין דער מאַכט פון דעם ארום?

בכל אופן: אויב איר, אויב איר ביידע גלויבט, אַז איר האָט אַין זיך גענוג כוחות זיך צייטווייליק צוריקצוהאַלטן, וועט עס אייך, ביי אייערע יונגע יארן, אף א האָר ניט שאַטן. איך האָב בשעתו אויך דאָס געזאָגט רודאָלפן. אמת, דאָס איז שווער, זייער שווער, עס קאָסט כוחות. אָבער מען דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר אָ דעם וועג. פאר קיין מענטשן קען עס ניט שאטן צו גיין אפן וועג פון צוריקהאלטן זיך א געוויסע צייט. מיט אַ פאַרשטאַרקטן ווילן וועט ער קומען צום ציל. אמת ניט יעדערן וועל איך עצהן אָנצונעמען דווקא דעם אנטשייד. איך קען אייך צו ווינציק אַף צו זאָגן אייך — דאָס איז אייער וועג. איך פארטרוי זיך דאָך אַף אייערע כוחות. איר זייט ביידע יונג. פרוווט — וואָס איר קענט.

איר ווייסט שוין, ווי מען קען צו מיר קומען מיט פראגעס. אויב איר וועט זיי נאָך האָבן. איך בין שטענדיק גרייט מיט אייך ביידן צו שמועסן.

מיט פריינטשאַפטלעכן גרוס

אייער ד״ר ה.

IX.

„געשלעכטלעכע ריינקייט" און די לאגע פון דער פרוי.

ווען איך בין דעם מאָל אַריין אין יוגנטהיים, האָב איך געפונען דריי יינגלעך וואָס האָבן זיך שטאַרק מתווכח געווען, אויפגערעגט זיך געאַמפּערט. ווי נאָר איינער פון זיי האָט מיך דערזען, האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו מיר און מיך גענומען פאַר אַ בורר.

— דו, אָט האָט דאָ האַנס גראָד עפּעס דערציילט, און מיר קענען אין דעם ענין ניט מרוצה ווערן. דו מוזט אונדז זאָגן, ווי דו פאַרהאַלטסט זיך צו דעם.

— לאָמיר אקאַרשט זען, אפשר קען איך דאָ אויך קנאַפּ העלפן. אָבער האַנס מוז מיר איבערהזרן זיין מעשה, כאָטש איר האָט זי שוין געהערט.

— ס'איז אַ קורצע מעשה. מיינער אַ חבר פון וואַרשטאַט האָט זיך באַפריינדט מיט אַ מיידל. ער האָט זייער האָלט דאָס מיידל, אָבער זיי קענען ניט חתונה האָבן, ווייל זיי ביידע האָבן גאָרנישט. האָט ער אַזוי געוועלט זיין מיט איר צוזאַמען. איז זי פון אים אוועק, ווייל זי האָט געוואָלט בלייבן ריין. וואָס זאָגסטו דערצו?

— ראשית כל, וואָס מיינסטו — אָדער וואָס האָט גע-מיינט דאָס מיידל—מיט דעם „בלייבן ריין"?

— זי האָט ניט געוועלט זיך אָפּגעבן אים, אַזוי, ניט-חתונה-געהאַטערהייט.

— יע, איך פאַרשטיי שוין. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט ריינקייט אָדער אומריינקייט?

. . . .

די יונגען האָבן געשוויגן. די ענטפער־שאלה איז געווען אומגעריכט. צום סוף איז אַרויס אַטאָ: „מע זאָגט דאָך אַזוי".

— איך קלער — ענטפער איך — מיר מעגן זיך בים־לעכוויז צוגעוויינען נישט פשוט נאָכצוזאָגן, וואָס „מע" זאָגט. לאָ־מיר פריער אַ זוך טאָן, צי עס איז דאָ אַ באַרעכטיקטער יסוד פאַר אָט דער מיינונג.

— אך דו מיט דיינע אייביקע יסודות! וואָס הייסט דען „אַ יסוד פאַר אָט דער מיינונג"? דו קענסט קיינמאָל ניט קורץ און שאַרף זאָגן, ווי דו קלערסט ווען עפּעס אַ פראַגע.

— איך קום דאָך ניט אַהער כדי אייך צו באַפרייען פון קלערן, אָדער קוקט איר אויף מיר ווי אויף אַן אויסקונפטשטעל — און דיינו? און וואָס שייך „באַרעכטיקטער יסוד פאַר אָט דער מיינונג" — האָט איר דען גאָרנישט באַמערקט, אַז די ווערטער פון דעם מיידל דריקן אויס אַ באַשטימטע מיינונג. אָבער דאָך?

— דו רעכנסט, אַז די ריינקייט פון דער פרוי גייט פאַר־לאָרן דורך דעם געשלעכטלעכן פאַרקער?

— איז דאָס די מיינונג. וואָס „מען" האָט?

— ניין, זאָגט האַנס, אויב אַזוי, וואָלט יעדער פרוי וואָס האָט חתונה געהאַט געוואָרן אומריין.

— נו, זעסט בכן, מיינען דאָס די מענטשן — אָדער לאָמיר בעסער גענויער זיך אויסדריקן: די מענטשן, וואָס באַשטימען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג?

— ניי—ן... דאָס דאַרף בכלל באַטייטן, אַז די פרוי דאַרף אַ ריינע חתונה האָבן.

— ריין — הייסט עס געשלעכטלעך אומבאַרירט. און די געשלעכטלעכע באַרירונג, דער געשלעכטפאַרקער איז...

— אפנים אומריין, פאַראומרייניקנדיק.

— עס קומט אויס אַזוי. און ווי איז עס איבעריקס ביים מאַן?

— אויך אַזוי.

— טאַקע? ניכּר, איך קענט ניט געוווּג די געזעלשאַפט־לעבּע מיינונג, זעט, דאָס, איז דווקא דאָס אייגנאַרטיקע, פון דער פרוי פאַרלאַנגט מען, אַז זי זאָל בּלייבּן אומבּאַרירט בּיז צו דער חתונה, ווען מען שטעלט אַזוי אָפן און קלאָר די פראַגע, וועט אויך זעלטן ווער מתּיר מאַכן, געבּן דעם הכשר דעם מאַן צו זיין פריי, אָבער ווען אַ בּחור האָט חתונה ניט קיין אומבּאַריר־טער — ווער פרעגט וועגן דעם? מען קומט נאָך תּיכּף מיט בּלערליי ווערטלעך: „עס איז שוין אַזוי". „אַ בּלאָטער יאַט". און דאָס ערגסטע דוכט זיך מיר איז—וואָס די פרויען גופא זיינען צו מילד צו די „בּלאַטע יאַטן", וואָס האָבּן דאָך „לעבּנס־דערפאַרונג" וואָס עס פעלט זיי, די פרויען. און סוף כּל סוף — ווער קען דען בּנוגע דעם מאַן בּאַווייזן?

— הער אַקאָרשט. איז דען דאָס ניט אומגערעכט? אין שידוך נעמען דאָך בּיידע אַ גלייכן אָנטייל. קען מען דאָך ניט קומען מיט פאַרשיידענע מאָסן און מיט פאַרשיידענע פאָדערונגען צום מאַן און צו דער פרוי!

— מען קען ניט? מען טוט עס. די דאָזיקע מיינונג ווערט בּאַצייכנט מיטן פּאַסיקן וואָרט — „די דאָפּלטע מאָראַל". איך בּין אין גאַנצן מסכּים מיט דיר, אַז די דאָזיקע דאָפּלטע מאָראַל איז אַן אומגערעכטיקייט פון דעם ערגסטן מין, און אָן שום נאָכ־קלערן, אַזוי ווי ס'רוב מענטשן זיינען אין זייער גאַנצן לעבּן, נעמט מען אויך אָן די מיינונג. בּיים מאַן ווייס מען ניט — בּיי דער פרוי קען מען דאָך דערוויזן.

— ווי זשע דערווייזן?

— ווייסט איר ניט, אַז דער ערשטער געשלעכט־פאַרקער לאָזט איבּער בּיי דער פרוי קערפּערלעכע סימנים, שפּורן?

— ניין, ווי אַזוי?

— דער אַריינגאַנג אין דעם מוטערמויל איז בּיי אַ בּתולה פאַרשלאָסן מיט אַ דינעם הייטל, מיט אַ צניעות־הייטל אָדער בּתולים. אין אַלגעמיין צערייסט זיך דאָס הייטל בּיים

ערשטן געשלעכטספאַרקער און דערביי בלוטיקט עס א קאָפּ. פאַר־שטייט זיך, אַז פאַר דער פרוי איז דאָס אַ ביסל ווייטאָגדיק. און וואָס מער דער מאַן איז שטורמיש, אַלץ ווייטאָגדיקער קען עס זיין. דאָס דאַרף איינגעטלעך יעדער מענטש וויסן, ווייל גאַנץ אָפט איז דער ווייטאָג פאַר דער פרוי אַזוי אומדערוואַרט, אַז זי דער־שרעקט זיך שטאַרק און דאָס קען האָבן אַ שלעכטע נאָכווירקונג אַף איר גאַנצן נשמה־צושטאַנד. ביים מאַן ווידער איז ניטאָ קיין שום קערפּערלעכע פאַרענדערונג, וואָס זאָל זאָגן עדות אַף דעם פאַרגעקומענעם פאַרקער, אָדער ווי מען זאָגט — מען קען דאָ גאָרניט דערוויזן. נו, מיר האָבן זיך מיט אייך פאַרשטענדיקט, אַז מיר טיילן־צו דער פרוי פונקט די זעלביקע רעכט וואָס דעם מאַן. נאָכמער — מיר יוילן דערציען אונדזערע מיידלעך ווי קעמפערקערס פאַר זייערע רעכט. איז קלאָר, אַז ביי אונדז און פאַר אונדז איז ניט שייך קיין דאָפּלטע מאָראַל. אָבער דאָך זיינען מיר נאָך רק ניט געקומען צום פאַרענטפערן אונדזער לכתחילה־דיקע שאלה.

— דו מיינסט דאָס וועגן דער ריינקייט?

— יע, פון וואַנעט נעמט זיך די דאָזיקע פאָרשטעלונג?

— דו האָסט אונדז דאָ ניט לאַנג פאָרגעלייענט, אַז די ניט־חתונה־געהאַטע מוטער ווערט באַטראַכט ווי אַן אוממאָראַ־לישע, האָט עס אויך אפשר צו טאָן מיט דער פראַגע מכוח אומריינקייט?

— טיילווייז יאָ. מיר זיינען שוין אַפן ריכטיקן וועג. דער־מאָנט איר זיך נאָך, פון וואַנעט מיר האָבן פאָרגעלייענט וועגן דער דאָזיקער בלומרשטער אוממאָראַלישקייט?

— עפּעס פון אַ קאַטוילישן זשורנאַל. אַיאָ?

— ריכטיק, האָט עס אפשר אַ טיפערן באַטייט?

— ווי זשע? מיינסטו, אַז דער קאַטוילישער גלויבן פאַר־שפּרייט די פאָרשטעלונג וועגן דער אומריינקייט? אומעטום איז

דאָך אַזוי — און דאָ בײַ אונדז זײַנען דאָך װײניק קאַטױליקן פֿאַראַן.

— פֿאַרװאָס דװקא קאַטױלישער גלױבן, אָבער...

— דאָס קריסטנטום?

— לאָמיר אַ קלער טאָן, צו װאָס שטרעבן די פּאַרטרע־טער פֿון קריסטנטום?

— ניטאָ װאָס צו קלערן װעגן זײ — זײ מאַכן דעם ע׳ן נאַריש.

— װי אַזױ?

— יאָ, זײ רײדן װעגן גאָט און לױטער װעגן זאַכן, װאָס זײַנען גאָר ניטאָ.

— פֿון װאַנעט װײסטו עס?

— איך האָב געהערט די פּאַסטאָרס רײדן.

— נײן, פֿון װאַנעט װײסטו, אַז עס איז קײן גאָט ניטאָ?

— װי זשע זאָל ער יאָ זײַן? מיר האָט ער נאָך ניט געהאָלפֿן.

— הער זשע, מען טאָר אַזױ איבערפּלעפּלעך ניט רײדן װעגן ענינים, װאָס פֿאַר מיליאָנען מענטשן זײַנען זײ הײליק. לײדער האָט זיך אין דער אַרבעטערבאַװעגונג געשאַפֿן אַ געװױנהײט, אָפּצופּטרן די פֿראַגעס װעגן רעליגיע מיט אַ קװעטש מיט די פּלײצעס אָדער מיט אַ פּוסטער באַמערקונג. אויף אַזאַ אופֿן באַנעמט מען װײניק װאָס. די דאָזיקע פֿראַגע מוז מען ערנסט און װערדיק באַהאַנדלען און פֿרײער פֿון אַלץ מוז מען זיך היטן פֿאַר אַ שלאָגװאָרט װאָס זאָגט גאָרניט, פֿאַר אַ פּוסטער פֿראַזע. דײַן באַמערקונג, אַז רעליגיע מאַכט נאָר דעם דעם מענטשן נאַריש, האָסטו װי אונטערגעהערט, אַרױסגעפּישט פֿון ערגעץ, און דו כאַפּסט עס גלײַך אויף און רעדסט אַזױ נאָך, װײַל דאָס איז אַזױ די מאָדע. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז דערװײַל זײַנען מיליאָנען — מיליאָנען מענטשן רעליגיעז און אַז אין קריסטנטום אַלײן גלײבן מער מענטשן װי אין סאָציאַליזם. און

לאָמיר אויך נים פאַרגעסן, אַז די ערלעך־רעליגיעזע מענטשן זיינען ווייט נים די ערגסטע מענטשן. נים געקוקט אָבער אויף דעם אַלעם, דאַרף מען נים שאַנעווען די מחנה כּלומרשט־פרומע, די פרומע מיט זייער מויל און נים מיטן האַרצן, וואָס האָבן קיין שייכות נים צו דעם, וואָס עס לערנט די רעליגיע. און וואָס זיינען אייגנטלעך די לעבנס־עיקרים פון דער רעליגיע?

— ואהבת לרעך כּמוך. ליב דיין פריינט ווי זיך אַליין.

— נים אמת? דאָס איז דאָך סוף־כּל־סוף אויך אַ טייל פון אונדזער גלויבן. און ווייטער?

— מען זאָל גיין אין גאָטס דרכים כּדי אַריינצוקומען אין הימל אַריין, צו האָבן עולם הבא.

— אָ דו געדענקסט אויסגעצייכנט וואָס מען האָט מיט דיר אַריינגעקנעלט אויף די שעהן פון רעליגיע־לימוד אין שול. וואָס זשע זאָגן מיר צו דעם?

— מען קען דאָך נים קומען אין הימל אַריין. נאַטור־וויסנשאַפטלעך איז עס דאָך נים מעגלעך.

— דו מיינסט עפּעס ריכטיקס, אָבער איצט לאָז עס אָפּ. מיר הייסט עס, זאָגן צו דעם, אַז מען דאַרף ליבן דעם פריינט, דעם נאָנטסטן, ווייל דאָס געבוט אונדז אונדזער געוויסן, נים כּדי צו קריגן אַ לוין דערפאַר. און ווייטער זאָגן מיר, אַז מיר ווילן — אַף דער ערד זאָל בעסער ווערן. און דאָ שיידן זיך די וועגן. ווייל וויפיל דאָס קריסטנטום האָט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר נים געווענדט די בליקן פון די מענטשן צו „יענער וועלט" צו, איז דערפון פונדעסטוועגן נאָך גאָרנים בעסער גע־וואָרן אַף דער וועלט. וואָס רעכנט איר?

— ווען מען קלערט רק וועגן „יענער וועלט", פאַרלירט מען ביסלעכווייז דעם אינטערעס פאַר דער וועלט.

— נאָכמער: וואָס איז פאַרן פרומען דאָס העכסטע צו וואָס ער שטרעבט?

— חלק לעולם הבא. עולם הבא צו האָבן.

— אוודאי. און אין פאַרגלייך מיט דעם...

— האָט קיין זאַך ניט קיין ווערט.

— אָדער ווייניקסטנס — איז ניט אַזוי ווערטיק. אַל דאָס ערדישע איז שוין לכתחילה, אין שיין פון אַזאַ באַנעמען, ניט ווערטיק; לגבי עולם הבא איז עולם הזה אייטל און נישטיק, הבל הבלים. וואס זשע האָט עס פאַר אַ שייכות צו אונדז?

— אויך דאָס מענטשלעכע באַגערן, די באַדערפענישן די ערדישע ווערן אָפּגעוואָרפן.

— ניט אמת? די נאַטירלעכע גלוסטונגען, די געשלעכט־לעכע תאווהדיקייט און אַלדאָס קערפּערלעכע אָדער די גשמיות ווערט באַטראַכט ווי זינדיקס, ווי אומרייִנס. ניט אומזיסט האָבן די קאַטוילוקן דורכגעפירט, אַז זייערע גלחים טאָרן ניט חתונה האָבן. אמת, דאָ האָבן געשפּילט אַ ראָלע אָרגאַניזאַטאָרישע טעמים — צו האָבן דעם מענטשן, אַ פרייען פון פאַמיליע, אין גאַנצן פאַר דער דינסט פון דער קאַטוילישער קירך — אָבער דאָ שטעקט אויך אין עצם דער געדאַנק, אַז דער גלח, דער פאַרמיטלער צווישן מענטשן און גאָט, זאָל ניט באַשמוצט ווערן דורך דער נידעריקער תאווה. שוין אין אַ שפּרוך, וואָס שטאַמט פון דעם אַפּאָסטל פּאַולוס האָבן מיר שוין דעם קוק אַף געשלעכטלעכקייט, כאָטש ער אָנערקענט די נויטווענדיקייט צו האָבן קינדער אַף אויפצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין. און אָט איז דער שפּרוך: „חתונה האָבן איז גוט, ניט חתונה־האָבן איז בעסער".

בכן, געשלעכטלעכע באַרירונג באַשמוציקט, לערנט די רע־ליגיע. דאָ דערקלערט זיך אונדז, למאי מען האָט פאַרשטופּט אין דער פינצטער אַלע ענינים פון געשלעכטלעבן, צווישן די זאַכן, וואָס „מען רעדט ניט וועגן זיי". און דאָ געפינען מיר אויך די טיפסטע סיבה, למאי מען שאַצט אַזוי נידעריק די פרוי אין אונד־זער געזעלשאַפט. ווייל די געזעלשאַפט איז דאָך על פי איר קול־טורעלן מהות אַ קריסטלעכע געזעלשאַפט. חווה האָט פאַרפירט אדמען, די פרוי איז די פאַרקערפּערונג פון זינד. זי איז דער געפערלעכער, אַראָפּציענדיקער כוח, דער יצר־הרע. זי האָט ניט

קיין שייכות צום געטלעכן, צום איבער־נאַטירלעכן. און אַזוי ווי קריסטן האָבן דאָך שוין מאַקע ניט געקענט גלויבן, אַז אַ מאַן זאָל האָבן געבוירן יעזוסן, אַזוי ווי מען האָט דאָך געמוזט אָנ־קומען צו דער פרוי, האָט די לעגענדע אויסדריקלעך אָפּגעהיט, אַז כאָטש אַ „יונגפרוי“ האָט אים געהאַט, דער „הייליקער גייסט“ האָט „כאַשאַטנט“ די יונגפרוי מאַריע, וואָס איז געבליבן אַ בתולה. געשלעכטפאַרקער איז אַ פלעק לויט דעם גייסט פון קריסטנטום. די פרוי איז מינדערווערטיק לגבי דעם מאַן, וואָס ער איז באַ־שאַפן געוואָרן בצלם אלוקים.

אַלע קריסטלעכע קירכן האָבן מיטגעהאָלפן נידעריקער צו שטעלן די פרוי. דאַ האָבן מיר ווידער אַ שפּיגלבילד פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, ווו עס רעגירט דער מאַן, וואָס שטעקט דאָ, אויב ניט דער געדאַנק וועגן דער פרויס מינדער־ווערט, בעת מען טענהט (און דאָס טוען אויך אָפט זאָגן אַזוי גערופענע „קלאַסן־באַוווסטזיניקע“ אַרבעטער), אַז די פרוי מוז זיך פאַרנעמען נאָר מיט שטובּיקע זאַכן; בעת די פרוי קריגט פאַר איר גלייכער אַרבעט אין פאַבריק און אין וואַרשטאַט קלע־נערע לוין (על פּי דעם טאַריף פון בערלינער מעטאַלאַרבעטער־פאַרבאַנד פון 31־טן דעצעמבער 1923 באַקומט אַ פרוי 65 פּראָצענט פון מענערלוין), אָדער בעת מען לייגט פיל ווייניקער אַכט אַף איר דערציונג! האָט איר קיין איין מאָל ניט געהערט אַ מיידל זיפצן: „אַז איך וואָלט געווען אַ מאַן!“, „אַז איך וואָלט זיין אַ יינגל!“? און האָט איר שוין געטראָפן אַ מאַנסביל, אַ דערוואַקסענעם צי כאָטש אַ בחורל, וואָס זאָלן גריילעך וועלן זיין אַ מיידל?

— ניין, פאַרוואָס מאַקע?

— איר, יינגלעך, האָט ניט־געדאַנקטערהייט מיטבאַקומען ביים געבוירן ווערן אַלע פאָררעכט, וואָס דער מאַן האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן זיך געקליגט אַריינצובאַקומען פאַר זיך אַפן חשבון פון דער פרוי.

— אָבער מאַן און פרוי זיינען דאָך איצט אין דייטשלאַנד גלייכבאַרעכטיקט.

— געווים, נאָך דער קאָנסטיטוציע נאָך, דער ארטיקל 109 זאָגט בפירוש: „מענער און פרויען האָבן אין אַלע פּרטים די זעלביקע רעכט." אָבער זייער אָפט איז קאָנסטיטוציע—איינס און דאָס לעבן—צוויי. איר האָט געזען, וואָסער פּנים עס האָבן ס׳רוב פרויען, בעת זיי גייען צו דער וואַלאורנע? סטאַטעסשנע גייט מען זיך הינטער דעם יוסטן מאַנסביל און מען ווילט — ווי די מאַנען ווילן, אזוי פירט זיך — ניט אמת?

— מיין מאַמע גייט גאָרניט ווילן, זי זאָגט. „אין תוך איז עס ניט פּאַר ווייבער."

— נו, זעסטו! אפילו אין אַן אַרבעטער-משפּחה. דיין פאָטער איז אין דער פּאַרטיי, א פּאַק מיט יאָרן אַן אָרגאַניזירטער, און ער האָט דאָך ניט אַף אַזוי פיל געווירקט אַף זיין אייגענער ווייב, זי זאָל איינזען, ווי אַזוי און פאַרוואָס זי האָט איצט וואַלרעכט.

נאָר לאָמיר שוין קומען צו דער אונטערשטער שורה. ווען מיר ווילן אַראָפּראַמען די דאָפּלטע מאָראַל, הייסט עס אויך גיין קעגן געוויסע איינגעוואָרצלטע אַנערציעס פון קריסטן, הייסט עס אויך אוועקראַמען דאָס לעסטערן ערדישע ענינים; הייסט עס געבן איבער די הענט יענע גאַטס סטריאַפּטשעס, וואָס קריכן אַלץ אויסצושמעקן, בעת צוויי מענטשן ליבן זיך. און סוף-כל-סוף — זעט איר דאָך איין, אַז עס שטימט ניט מיט אונדזער גאַנצן וועלטבאַנעם, אַז מען זאָל ריידן וועגן אומריינקייט בנוגע אַ פרוי צי בנוגע דעם נאַטירלעכן פּאָרגאַנג פון ליבע-פאַרבינדונג צווישן מענטשן.

— אָבער וואָס זאָגסטו צו יענעם מיידל, וואָס איך האָב דערציילט וועגן איר? שטייט האַנס ניט אָפּ.

— עס ווענדט זיך וואָס פאַרא מענטשן דאָס זיינען. זיינען זיי נאָך אזוי יונג ווי אָט די ביידע, וואָס איך האָב אַנוסטן וועגן זיי אייך דערציילט, וואָלט זיך זאָגן: „איר זייט גערעכט. אָבער אייער באַגרינדונג איז פאַלש. זי איז א באַווייז, אַז מיט הויט און ביין שטעקט איר נאָך אין די קריסטלעכע און בורזשוי-

אַזוֹע טראַדיציעס.״ זיינען זיי עלטערע, אין גאַנצן צייטיקע מענטשן, וואָלט איך זיי מוסרן: „איר דאַרפט נעמען אַף זיך די אַחריות פאַר א פרייער בינדונג. אפשר איז זי ר ײ נ ע ר ווי אַנדערע חתונות. וואָס האָבן דעם שטעמפל פון חופּה וקדושין און פאררע־גיסטרירט אין שטאַנדאַמט.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— אָ ווענן דעם לאָמיר שוין שמועסן אַן אַנדער מאָל.

X.

פאַרמען פון שידוכים בײם קאַפּיטאַליזם און פּראָסטיטוציע.

— וואָס האָב איך געמיינט מיט דעם, ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז אַ פרייע בינדונג קען זיין „ריינער" ווי אַנדערע חתונות, וואָס האָבן דעם שטעמפּל פון חופה וקדושין און זיינען פאַרעגיסטרירט אין שטאַנדאַמט? מירן זען. איך האָב היינט מיטגעבראַכט צוויי נומערן פון זייער אַן אָנשטענדיקן בורזשואַזן בלאַט. ס'איז זיכער די בעסטע און אָנשטענדיקסטע בורזשואַזע צייטונג, וואָס מיר האָבן אין דייטשלאַנד (די „פראַנקפורטער צייטונג") לייען.

— „וואַקס. 10,000 קילאָגראַם, גאַראַנטירט ריינע"...

— אַ ביסל נידעריקער.

— „תּיכּף צו קויפן ווערט געזוכט פון 4 ביז 5"...

— ניין, נאָך נידעריקער.

— „שידוך."?

— יאָ, לייען זשע.

— „פאַר אַ 20-יאָריקער שיינער בלאָנדינקע, אַ געשיקטע און שטראַמע, מוזיקאַליש מיט אַ פריילעכן געמיט, אין יעדער באַציונג געבילדעטע, פון אַן ערשטקלאַסיקער פאַמיליע — זוך אַ *זעלבשטענדיקן סוחר*, ניט איבער 30, אין אַ גרעסערער שטאָט אין דרום-דייטשלאַנד. דערווייל, חוץ גרעסערע ווערטזאַכן, 10 מיליאָן. די שטרענגסטע דיסקרעציאָן"...

— וואָס באַטייט עס?

— פאַרטרוילעכקייט, בסוד זאָלן זיין. אָבער ווייטער.

— „דיסקרעציאָן ווערט פאַרשפּראָכן און ווערט פאַרלאַנגט. אָפּערטן אונטער"..

— גוט, אין צינד די צווייטע מורעה.

— „ערנסט געמיינט! זוך זיך באַקענען מיט יונגער שיי־נער דאַמע, ניט עלטער פון 28 יאָר, פון א גוטער פאַמיליע, די כּוונה — שידוך. כ'בין באַלעבאָס פון א גרויסער באַקאַנטער אונטערנעמונג אין דער מעטאַלבראַנזשע. וויל זיך באַקענען מיט אַ גלייכגעשטעלטער דאַמע. דיסקרעציאָן פאַרלאַנגט און פאַר־שפּראָכן. אָפּערטן מיט בילד אונטער"...

— איר ווונדערט זיך? וואָס? גיט אַכט: עס גייט דאָ שטענדיק אין דעם „גלייכגעשטעלט". אפשר וועט א יידנפּראָפעסער (צווישן אונדז גלויב איך זיינען ניטאָ אַזוינע) א מאָל טאָן: קלאָר, אַן אָנבאָט פון יידישע ספּעקולאַנטן. טאָ לייען זשע אין צווייטן נומער, דאָ — צווישן מורעות וועגן קעז, וועגן בילדער פון ערשטקלאַסיקע מאָלער, וועגן א וועלטערעקטיק און וועגן דער פראַנקפורטער מעסע. געפונען? לייען.

— „שידוך. פאַר א באַקאַנטער, דאָ פרעמדע, קאַטוילישע, שיין, מיט שיק, א בריה, מיט אַן אומבאַפלעקטער פאַרגאַנגענהייט, אַלט — אָנהייב פערציקער, זעט דאָך אויס פיל יינגער — זוך פאַסיקן שידוך. פאַרמאָגט איבער 400 מיליאָן מאַרק, אין נדן דריי ווערטפולע גרויסע גוטן. געווונטשן ענערגישער הער מיט ריינער פאַרגאַנגענהייט. נאָר פון אַ יחוסדיקער פאַמיליע, מיט לאַנווירטשאַפטלעכע אָדער מיט יורידישע קענטענישן, ליבער — אין א גלייכער עלטער און פון דער זעלביקער רעליגיע. אָנבאָטן מיט בילד אונטער"...

— ווי איר זעט, איז דאָס אַן טענות און מענות — א קריסטליך־קאַטוילישער האַנדל. אַזוי קומען צום כּסא הכּבוד, צו גאָטס טראָן, די פון אויבן געבענטשטע זיווגים. דער כּשוף פון שידוך און חתונה אַנטפּלויזט זיך גראָד אין יענע קרייזן, וווּ מען האַלט פון זיך, און עס שטאַרצט ארויס דער נאַקעטער שאַכער־מאַכער, איז עס אַזוי גרויס דער אונטערשייד, ווען מען פאַרקויפט א

פרוי כדין וכדת, זי ווערט פארשאַכערט שטאַנדאַמטלעך אָדער ווען מען קויפט א מיידל פון דער גאס? זעט איר דאָ איין א נפקא־מינה?

. . . .

— איין חילוק איז דאָך גלייך קאָנטיק. קען קיינער פון אייך ניט באַמערקן?

— דאָס מיידל איז ער גלייך משלה.

— אוודאי. נאָך דעם ווי ער האָט זי „געבראויכט" און זיין פאַרפליכטונג קעגן אזא מין "ווייבספארשוין" איז ער אָפּגע־קומען מיט א געוויינלעכן טרינקגעלט. די זאַך איז קלאָר, דער האַנדל — ראַיעל. דאָרטן גייט עס אין גרעסערע סומעס, בכן איז מען זאָרגעוודיקער. ס'איז אין גאַנצן מעשה סוחר. וואָס די ליבע האַרן וועלן טאָן נאָכן אָפּמאַכן דאָס געשעפטל — דאָס איז זייער זאַך. זיי זיינען דאָך התונה־געהאַטע. אָבער ווי איז צו דער לערערין, צו דער באַאמטער, צו דער אָנגעשטעלטער, וואָס לאָזט זיך אריין אין אַ „פאַרהעלטעניש", מעג אפילו די דאָזיקע פאַרהעלטעניש ארויסשפּראָצן פון דער סאַמע הייסער ליבע, אָט די יונגע אַרבעט־פרויען שטעלט מען גלייך אין איין מדרגה מיט אַ „גאַסנמיידל." ווי קען מען אָנקוקן „אַזאַ איינע"! „אַזאַ איינע" איז ניט מער ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס מען קויפט, מען דינגט ציטווייליק, און דערנאָך וואַרפט מען עס אָפּ פון זיך. אָטאָ־עריך האַרטלעבן האָט אָנגעשריבן אַ פיינע פּיעסע: „די דער־ציונג צום שידוך." איז דאָרטן דריקט ער בולט אוים דעם דאָזיקן איידעלן באַנעם. א גוטער אָנקל טרעט דאָרטן אוף, וואָס לייענט זיין ליבן פלעמעניק אַ גאַנצענע מגילה, האָרכט, איך לייע פאָר: [illegible]

„אַ מיידל אַזעטיקע — דאָס הייסט בכן איינע פון אייערע פראָלעטאַרישע שוועסטער אָדער די גאַנצע צוויי מיליאָן פרויען, וואָס זיינען אין דייטשלאַנד מער ווי מענער — נו דאָס איז פאַר אַ פאָר שעה, אַ פאָר טעג, נו, א פאָר וואָכן לאָמיר זאָגן. יע,

נו, מען שענקט איר נאָך דעם אָן אַלבום פאַר פאָטאָגראַפיעס, נאָטן, כ׳וויים... פאַרשטייט זיך מען טענהט: „אַך, מיין גאָט. ווי דאָס וואָלט שיין געווען” אָדער: „דאָס האָט בעסער ניט געזאָלט זיין, רבונו של עולם.” אָבער זיך מער נאָך ליבן — דאָס איז אַ ווילדע נאַרישקייט. אָט וואָס איך וויל דיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן: ענטוועדער דער מענטש איז פון אַ גוטער פאַמיליע, אָדער ער איז עס ניט. דו — דו ביסט יאָ פון אַ גוטער פאַמיליע און דיין פאָטער דיר צו לענגערע יאָר האָט דערצו נאָך פאַרדינט אַזאַ הויפן געלט. נו, זעסטו איצט? ווילסטו ניט פאַרשוואַרצן דעם פאָטער עליו השלום און דיין מוטער די אלמנה, ביסטו מחויב — הערסט, ביסט מחויב — זיך נעמען אין די הענט אַריין און זיך אַוועקשטעלן אַזוי אין לעבן, ווי עס פאַסט, ווי עס פירט זיך ביי אָנשטענדיקע מענטשן. דו האָסט, מיין ליבער יונג, פליכטן, דו האָסט אַ משפחה, אַ לייטישע משפחה, פאַרשטייסטו? און אָט די משפחה איז נאָר אַ טיילכל פון אַ גרעסערער משפחה — פון דער פיינער געזעלשאַפט. זעסט, מיין ליבער זון, אַזוי איז עס, הײנט גיי מאַכ׳ס! דו וואָלסט אָסור ניט ווערט זיין די שמיץ, וואָס מען באַדאַרף דיר געבן, אויב דו זאָלסט זיך ניט אָפּטשעפּען פון אַזאַ מין מיידל. פונקט ווי עס וואָלטן קיין אַנדערע ניט געווען! ס׳איז דאָך לעכערלעך! אַך, דו האָסט גאָר געמיינט, אַז איך וועל גיין דיר זאָגן מוסר? ניין, מיין ליבער, איך בין ניט קיין מגיד און קיין גאָטס גנב אויך ניט. און זאָל נאָר זיין די געלעגנהייט, בין איך אליין קאַפּאַל זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַזאַ איינע. אָבער טאַקע דערפאַר מוז מען זיין אַ קאַפּעלע קליגער און זיך האַלטן פעסט ביי דעם, וואָס דו פאַרמאָגסט מער איידער דער צווייטער. אָט דאָס, זעסט, איז דער אמתער עיקר”!

— זיינען טאַקע דאָ מענטשן וואָס קלערן אַזוי?

— יאָ, ס׳זיינען טאַקע דאָ מענטשן וואָס קלערן אַזוי. אַלע „לייטישע מענטשן”, די גאַנצע „פיינע געזעלשאַפט” קלערט אַזוי. די גוטע בורזשואַזע געזעלשאַפט וואַרפט אָפּ יעדער אַחריות פאַר דעם קרבן פון געשלעכטלעכן אויסנוצן. און די בורזשואַזע

ווילטעטיקייט דערגייט אַזש ביז צביעותדיקן רחמנות. פּרומקעציש וואַרפט מען צו ברעקלעך רחמנות אנשטאָט אויסצופּיילן אַ שטיק רעכט וואָס קומט, וואָס איז אַליין פון זיך פאַרשטענדלעך. און די קרבנות — זיי געפינען ניט קיין שוץ, מען לאַכט זיי אויס, מען פאַראַכט זיי, זיי געהערן צו דער גאַס. און ווי אָפט טרעפט זיך, אַז אזא ניט־חתונה־געהאַטע מוטער ווערט ארויסגעשטויסן פון איר שטעל, פון איר סביבה און זי מוז זיך אַראָפּגליטשן ביז צו פּראָסטיטוציע. און די וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם האָט מען אוועקגעשטעלט מחוץ פון דער געזעלשאַפט. און נאָר מיט איין זאַך אינטערעסירט מען זיך בנוגע צו איר: זי זאָל ניט זיין געפערלעך מיט דעם, וואָס זי וועט אָנשטעקן מיט אַ געשלעכט־קראַנקייט. עס איז ווערט צו הערן, עס איז כאַראַקטעריסטיש, אין וואָס פאַר אַ טאָן און מיט וואָס פאַר אַ לשון עס האָט גערעדט דאָס דייטשישע שטראָפגעזעץ וועגן די דאָזיקע פרויען:

„אַ ווייבספּאַרשוין, וואָס זנות איז איר פּרנסה און וואָס געפינט זיך דעריבער אונטער דער פּאָליציישער השגחה, ווערט באַשטראָפט מיט טורמע, אויב זי טוט צווידער די פאָרשריפטן פון דער פּאָליציי, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן צו זיכערן די געזונט, די עפנטלעכע אָרדענונג און די עפנטלעכע אָנשטענדיקייט. מיט טורמע ווערט אויך באַשטראָפט אַזאַ איינע, וואָס כאָטש זי געפינט זיך ניט אונטער דער פּאָליציישער השגחה, איז טרייבן זנות איר פּרנסה.“ (361§, פּונקט 6 פון שטראָפגעזעצבוך).

ווי איר זעט, געפינען זיך די פרויען אונטער אַ פּאָליציישן קאָנטראָל, וואָס גיט אכט, צי זיי זיינען ניט קראַנק אַף אַ געשלעכטקראַנקייט: סיפילים (פראַנצן), טריפּער אָדער ווייכער שאַנקער. דעם 1־טן אָקטאָבער 1927 דאַרף דער נייער געזעץ וועגן באַקעמפן געשלעכטקראַנקייטן אָפּשאַפן אין דייטשלאַנד די זונדערלעכע שטעלונג פון די פּראָסטיטוירנדיקע.*) דערווייל אָבער גילט דאָ מיאוס און גראָב צו פאַרפירן די עפנטלעכקייט. ערשטנס איז די קאָנטראָל אזוי איבערפלעכלעך און האַסטיק, דערביי אַגב

*) איצט איז עס אין דייטשלאַנד אָפּגעשאַפט (דער איבערזעצער)

ווערט זי דורכגעפירט אין אַ מיאוס־באַליידיקנדיקער פאָרם, אַז מען קען קיין מאָל ניט אַף זיכער אויסגעפינען, צי די פרוי איז טאַקע געזונט. און צווייטנס, אויב זי איז אפילו בשעתן קאָנטראָל געזונט, קען זי אין דער צווישנצייט זיך אָננעמען אַ קראַנקייט ביים ערשטן פאַרקער אין ווייניקסטנס ביזן צווייטן קאָנטראָל אָנ־שטעקן מיט דער קראַנקייט אַ גאַנצע ריי פּערזאָנען. און די מע־נער נעמען אָן פאַר גוט געלט, ווען די פרוי ווייזט זיי איר געשטעמפּלט קאָנטראָל־ביכעלע, און זיי מיינען, זיי זיינען זיכער. ניט איינער האָט שוין דערביי געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

— זאָג אקאָרשט, וואָס הייסט עס: „גיין אַפן שטריך"? האָט דאָס אויך אַ שייכות צו פּראָסטיטוציע?

יע, געוויס. דאָס ווערטל נעמט זיך פון דעם, אַז אפילו היינטיקע צייטן זיינען דאָ אין אַנדערע שטעט באַשטימטע גאַסן אָדער טיילן פון גאַסן, וו די פּאָליציי דערלויבט די פרויען ארומצוגיין, ביז אַ געוויסן גרענעץ, ס'איז דערביי וויכטיק זיך אָנ־צומערקן, אַז דאָס דאָזיקע געשעפט איז אין תוך פאַרווערט, אָבער די פּאָליציי פון דער איצטיקער קלאַסן־מדינה קען געבן איר הכשר און איר ברכה דערצו.

— ווען אָבער, ווי דו זאָגסט, אַז דער גאַנצער פּאָליציי־ישער קאָנטראָל קען קיין זאַך ניט אופּטאָן און ברענגט ניט קיין שום נוצן, פאַרוואָס שאַפט מען ניט אָפּ די דאָזיקע אָרדענונג?

— אפנים אַז זי איז באַקוועם פאַר די דעה־זאָגערס. שוין לאַנג איז פאַראַן אַ באַוועגונג, וואָס זוכט צו באַפרייען די אומגליקלעכע פרויען פון דער פּאָליציישער שקלאַפעריי און וואָס וויל דערביי גלייכצייטיק אַזוי איבעראַנדערשן דעם געזונט־קאָנטראָל, ער זאָל האָבן אַ זינען. די דאָזיקע באַוועגונג איז באַקאַנט מיטן נאָמען אַבאָליציאָניזם. אַבאָליציע — איז פּשוט גערעדט — אָפּשאַפונג. געמיינט איז דאָ דאָס אָפּשאַפן דעם פּאָליציישן קאָנטראָל. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אַ סך גרויסע אַוטאָריטעטן פון דער מעדיצינישער וועלט און פיל יוריסטן זיינען אָנהענגער פון דעם אַבאָליציאָניזם, איז אין אַ גרויסן טייל איראָפּעישע מדינות נאָך אַלץ געבליבן ביים אַלטן. אין תוך האַנדלט זיך דאָך „בלויז"

וועגן פראָלעטאַרישע מיידלעך! אַפילו דאָ האָט איר אפשר אַ גאַנץ פאַרבאַהאַלטענע פאָרם פון קלאַסנקאַמף. און איצט לאָמיר זיך דערגרונטעווען צו אַן אַנדער ענין. קלערט אַ ביסל דורך: ווו הייבט זיך אָן די פּראָסטיטוציע און ווו אייגנטלעך ענדיקט זי זיך.

— דיין קשיא איז גאָר קיין קשיא ניט. מיר האָבן שוין אַ קיימאָ־לן, אַז פּראָסטיטוציע הייסט אויספירן דעם געשלעכט־פאַרקער פאַר באַצאָלונג.

— פרעגט זיך טאַקע — וואָס הייסט באַצאָלונג?

— נו, ווען מען גיט געלט דעם מיידל.

— דווקא געלט?

— אַך אַזוי! מע קען זי אויך אַנדערש אויסהאַלטן.

— ניט אמת? מיר קענען גרינג איינזען, אַז ס'זיינען פאַראַן אַזוינע פאָרמען פון פאַרבינדונגען צווישן מאַן און פרוי, ווען פון אויבן־אויף איז שווער צו זאָגן, צי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פּראָסטיטוציע צי ניין.

— מיינסטו, אַזוי אַ „פאַרהעלטעניש“?

— ווען מען זאָגט „פאַרהעלטעניש“, מיינט מען געוויינלעך אַ פרייע ליבעפאַרבינדונג אָן חופה וקדושין. דערביי הערט זיך דאָ אָפט אַרויס דער בייטעם, אַז דער מאַן איז אַ „הער“ און די פרוי „נאָר סתם אַ מיידל“, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען. אָבער ניט ביי אַלע „פאַרהעלטענישן“ מוז די פרוי דווקא פון פאַרדינסט וועגן צי פון נוצן וועגן איינגיין אַף דעם. און דאָס איז דאָך מכריע. געשלעכטפאַרקער ווי אַ מקור צו לעבן פון דעם — דאָס איז דער סימן פאַר פּראָסטיטוציע.

— אויב אַזוי, איז אין די מודעות וועגן שידוכים, וואָס מיר האָבן זיי אָקאָרשט געלייענט, רעדט זיך דאָך אויך וועגן געלט, וועגן אויסהאַלטן זיך, מיינט איינער.

— די פרוי וויל זיך פאַרזאָרגן. זי האָט חתונה מיט אַ מאַן, וואָס האָט גענוג געלט, און גאָר, כאַפּט אונטער אַן אַנדערער.

— איר זייט נים אין גאַנצן אומגערעכט. געלט=שידוכים טרעפן זיך געוויינג אָפט. און ווען מען פאַרקויפט זיך אַפן גאַנצן לעבן פאַר געלט, זאָל דאָס אַפילו געכשרט ווערן דורך אַ חתונה, שטייט עס פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט אפשר נים קיין סך העכער פאַר אַ מאָמענט=פאַרבינדונג מיט אַ מיידל, וואָס ציילט זיך צווישן די אַרויסגעשטויסענע פון דער איצטיקער געזעלשאַפט. בכן, זעט איר: עס איז נים אַזוי פשוט זיך אָפּצוזאָגן — דאָ הייבט זיך אָן די פּראָסטיטוציע און אָט דאָ ענדיקט זי זיך. אַן אַנדער ענין איז אָבער יאָ פּשוט און איז יאָ קלאָר. ווען מיר טרעפן להבא איינע פון די אומגליקלעכע, אַן אויסגענוצטן קרבן פון דעם הערשנדיקן קלאַס, אַ קרבן וואָס מען האָט אים אין גאַס אַרויסגעוואָרפן, זאָלן מיר נים פאַראַכטלעך אַראָפּקוקן אַף איינעם פון די מענטשנקינדער, וואָס זיינען פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט. און דער געזעלשאַפט, וואָס האַלט זיך פאַר קריסטלעך און לעסטערט מיט דעם דעם נאָמען פון איר רעליגיע=גרינדער; דער געזעלשאַפט, וואָס העצט אונדז צו טייטן מיט די פינגער אַף אַ געפאַלענער און אומגליקלעכער, לאָמיר דערמאָנען די רייד פון קריסטוס גופא: „ווער עס איז פון אייך ריין פון אַיעדן חטא — זאָל ער דער ערשטער וואַרפן דעם שטיין". איך בין איבערגעצייגט, אז געוויינג לייט וועלן האָבן א גרונט אַראָפּצולאָזן די אויגן. און אַ טייל וועלן עס אויך טאָן.

.XI

די יאָרן פֿון בחורן־זיך.

— דו האָסט אונדז דאָך געזאָגט, אַז מען זאָל זיך אָפּ־האַלטן פֿון אַ געשלעכטלעכער פאַרבינדונג, כּל זמן מען איז נים באמת צייטיק. וואָס הייסט דאָס אָבער: באמת צייטיק? איך האָב נעכטן אין פאַבריק גערעדט וועגן דעם מיט מיינעם אַ חבר. ער איז שוין 23 יאָר אַלט און מיר ריידן אַמאָל וועגן אַזוינע זאַכן. ער האָט מיר געזאָגט: צייטיק איז דער מענטש יעמאָלט, ווען ער האָט שוין דורכגעמאַכט זיינע אַנטוויקל־יאָרן. אָבער ווען דאָס איז אייגנטלעך, האָט ער אויך נים געוווסט.

— נו, און ווען הייבן זיך אָן די „אַנטוויקל־יאָרן"?

— ווען מען נעמט זיך בחורן.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט, בפרט די מיידלעך.

— זיך בחורן? וואָס הייסט עס?

— אַז מען נעמט זיך בחורן, איז פריער פון אַלץ פאָלגט מען נים, יינגלעך ווערן דוויקאַניקעס.

— יינגלעך נאָר? און די מיידלעך? וואָס מיינט איר וועגן דעם?

די מיידלעך האָבן אָבער גאָרנים געמיינט. זיי האָבן זיך נאָר געשטיקט מיטן לאַכן.

איך האָב אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע.

— די מיידלעך זיינען שטענדיק נאַרישע, -האָט זיך באַ־קלאָגט האַנס.

— אפשר האָט עס אויך אַ סיבה, אַ שטיקל יסוד. אָט זיינען מיר ווידער ביי דער באַליבטער פראַגע וועגן יסוד. פאַר־וואָס פאָלגן טאַקע נים די יינגלעך?

— איר האָט דאָך אַלע דאָס דורכגעמאַכט. און מיגלעך, אַז דער איינער אָדער דער צווייטער איז נאָך גאָרניט פאַרטיק געוואָרן מיט די יאָרן פון זיך בחורן און פון דוקאַוועןֿ.

עטלעכע פּנימער רייטלען זיך, ס'איז שטיל געוואָרן. עס האָט געטראָפן אין פּינטל אַריין.

— הם? פאַרוואָס פאָלגן זיי ניט?

— זיי ווילן ווייזן, וואָס זיי קענען, ווער זיי זיינען.

— מען וויל זיך אַרויסווייזן.

— מען וויל זיין ווי די עלטערע.

— האָבן מיר אפשר אַ ביישפּיל? לאָטע, זאָגט ניט עפּעס דיין קוקן און צושמייכלען אָטאָן? ביסט אים אפשר חושד אין „זיך בחורן"?

אָטאָ פּראָטעסטירט.

— וואָס זשע ביסטו אַזוי אַרופגעפאַלן אַף מיר, ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז אין שטוב נעמט מען אַראָפּ דאָס היטל! — ווענדט זיך לאָטע צו אָטאָן.

— זעסטו, אָטאָ, אָט האָסטו דיר! פיין און איידל שטענ-דיק זיין!

— נאָט, לאָטע האָט מיר ניט וואָס צו זאָגן דערייִן.

— כאָפּט ניט. מיר האָבן כּסדר וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, אויב מיר געפינען אין עפּעס ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך רעכן, אַז ניט נאָר מיר האָבן רעכט אָנצווייזן אַף עפּעס ניט-שיינס, נייערט דאָס איז אונדזער חוב. נאָר דו האָסט אָפּנים געוועלט באַווייזן לאָטען, אַז דו ביסט ניט מחויב צו „טאַנצן נאָך איר דודקע". ניט אמת?

— אַף צו להכעיס האָט ער ס'היטל ניט אַראָפּגענומען, באַקלאָגט זיך לאָטע.

דער טאָן, מיט וועלכן זי זאָגט עס, גיט אַרויס, אַז זי פילט זיך אַ ביסל געקרענקט, למאי גראָד מיט אָטאָן איז דאָס פאָרגעקומען. ס'איז פאַרדעכטיק איר טאָן און ס'איז מיר פאַר-

שטענדלעך איר געמיט. איך נעם זיך אונטער צו זיין אויסגע־רעכנט—פאַרזיכטיק און ניט אַרויסצוגעבן, אַז איך האָב דאָ עפּעס געמערקט.

— פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? איר זייט דאָך געווען דערבײַ, אַיאָ?

— ער האָט געוועלט אַרויסווייזן זיין ווילן. — ער האָט זיך דערמיט געפּראָלט, סאַראַ יאַט ער איז, האָבן חברה געהאַקט איינער נאָכן אַנדערן.

— און איר? מיט איך האָט אזוינס גאָרניט געטראָפן? זיי זיצן זיך דאָ ווי כשרע שעפּעלעך! הכלל: וואָס איז געווען מיט דיר, אָטאָ? דער שטייגער איז דאָך אַראָפּצונעמען דאָס היטל אין שטוב. און דאָ שטעלט ער זיך אַקעגן און דערקלערט: „דווקא ניט!״ צוואָס — אַ?

— מען קען דאָך אַמאָל האָבן אַליין די דעה איבער זיך, האָט אָטאָ שטילערהייט אַרויסגעזייט. ס'איז קענטיק אים זייער ניט־אָנגענעם געווען.

— אָבער וואָס זיינען מיר צוגעשטאַנען צו אָטאָן? יעדער איינער האָט שוין געווים דורכגעמאַכט אַזוינס. פון וואַנעט זשע נעמט זיך דאָס דאָזיקע פּלוצלונגדיקע צו־להכעיס־טאָן? ווען מען טוט רויקערהייט אַ קלער וועגן רגעס פון צו־להכעיס, מוז מען זיך אַליין מודה זיין, אַז מען דערגרייכט גאָרניט מיט דעם וואָס עס האָט זיך געוואָלט. וואָס זשע וויל מען דערבײַ?

— ווייזן, וואָס פאַר אַ חברה־מאַן מען איז.

— אַך, לאָזט געמאַך, וואַרפט אַריין קאַרל זיין וואָרט. אָטאָ האָט נאָר געוואָלט זיך אויספיינען פאַר די מיידלעך.

אָטאָ האָט זיך פאַרשעמט.

— הערט זשע, לאָמיר שוין טאַקע לאָזן צו רו אָטאָן. בכן, מען וויל ווייזן, וואָס פאַר אַ פיינער חברה־מאַן מען איז. און וואָס אָבער ווייזט זיך אַרויס די יאַטישקייט פון אַזאַ מין יאַט?

— אין דעם, אַז ער קען זיך אויפפירן אַזוי ווי די גרויסע.

— איך וויל נאָך צוגעבן: אַזאַ חברה־מאַן וויל דווקא זיין און זיך באַנעמען ווי אַ דערוואַקסענער און דערביי אָבער פילט ער, אַז ער איז נאָך אַזוי ווייט ניט געקומען, אָדער אפשר טייטש איך פאַלש אויס?

— די אַלטע מאַכן, מיר זאָלן דאָס פילן יעדער רגע.

— וואָס ווילסטו זאָגן?

— דאָס הייסט, אין דער היים. דאָרטן האַקט מען גלייך אָפּ: דאָס איז ניט דיין עסק, יענס איז ניט דיין עסק!

— כל זמן איך האָב זיך נאָך געלערנט אין שול, האָט מיין פאָטער געהאַט פאַר מיר איין פיזמון: דו ביסט נאָך צו קליין — אַזאַ קליינער האַלט ס׳מויל!

— און דאָס האָט פאַרדראָסן? ביסט גערעכט. און איצט מענהט ער אויך אַזוי?

— נו, ס׳טרעפט זיך. איצט זאָגט מען עס ניט אַזוי גלייך אין פנים אַריין, אָבער שטענדיק פיל איך — האָט מיין יונג ארויסגעשאָסן, — אַז מען קוקט נאָך אויף מיר ווי אויף אַ קינד.

— אַזוי איז עס אויך ביי אונדז אין דער היים, האָבן צוגעשטימט די אנדערע יינגלעך.

— מיידלעך, פאַרוואָס לאָזט איר ריידן די יינגלעך אַליין? וואָס שושקעט איר זיך צווישן אַנאַנד און מיר הערן גאָרניט אייערע באַמערקונגען? מאַרטע, וואָס האָסטו דאָ געזאָגט?

— מען מוז דאָך ניט אין דער היים שטענדיק ריידן אַקעגן!

— ווי אַזוי קומסטו צו דעם? פון אַקעגנריידן איז דאָך גאָר קיין רייד ניט געווען.

— ניין, אָבער מיין ברודער איז אַ „פּיוועלע פאַרקערט”. און דער פאָטער ווערט אין כעס, און עס טומלט זיך שוין.

— אַזוי. און ביי אַנדערן?

— ביי אונדז אין שטוב הערט זיך אָפט אַ „ויצעקו”.

— ווער זשע איז שולדיק?

— מען מוז דאָך פאָלגן אַ טאַטן, מיינט איינער.
— פאַרוואָס? שטעלט אַ צווייטער אַ קלאָץ־קשיא.
— כל זמן אַ טאַטע גיט עסן...
— אַזוי, מיינסטו, הייסט עס, אַז ווייל דו באַקומסט פון דיין טאַטן עסן, מוזטו אים פאָלגן? אַ געשעפט אַזאַ. וואָס? אַ בייט? האָט זיך צעהיצט דער פרעגער.
אַ טייל האָבן זיך צעלאַכט.
— ער באַצאָלט זיין טאַטן פאַר דעם עסן מיטן פאָלגן, ווײַלט זיך נאָך איינער.
— אויב דאָס איז אַזוי, האָב איך שוין גענומען דאָס וואָרט, דאַרף אויסקומען, אַז בשעת דו פאָלגסט ניט, קריגסטו ניט קיין עסן. איז עס אַזוי?
— אָבער דאָ—אָך...
— זעסט? קענסט עס ניט זאָגן אַזוי פשוט. דער חשבון וועט דאָך ניט שטענדיק שטימען.
— אָבער די עלטערן מוזן דאָך אויסהאַלטן זייערע קינ־דער, רייסט זיך ווידער איינער אַריין.
— ווער זאָגט עס?
— ווער? די מדינה, דאָס געזעץ.
— אָבער מען פאָלגט די עלטערן ניט דערפאַר ווייל זיי גיבן עסן, נאָר ווייל...?
— זיי האָבן די דעה איבער אונדז, ביז מען ווערט 21 יאָר.
— ווייל מיין טאַטע קען טאָן מיט מיר וואָס ער וויל.
— „וואָס ער וויל"? רעדסט מאָדנע.
— קום צו אונדז אין שטוב אַריין, וועסט זען שיינס.
— אַפילו איצט באַקום איך אַמאָל אַ קלאַפּ, באַקלאָגט זיך איינער פון אונדזערע יינגערע.
— און דו אויך, אָטאָ?

— ער איז דאָך אַ גוטינקער, אַ פאָלגעדיקער, ער האָט דאָך דאָס אַליין אָקאָרשט געזאָגט, נעמען אַנדערע אָפּיעקן פון אים.

— מילא, יאָ פאָלגן, ניט פאָלגן, אָבער קיין קלעפּ קריג איך ניט.

— פאַרוואָס ?

— ער איז אַפּנים שוין צו גרויס, ווינקט האַנס ממזירש צו.

אָטאָ איז טאַקע אַ געזונטער בחורעץ.

— איר ווייסט, ער איז גערעכט! עלטערן, וואָס שלאָגן זייערע קינדער, קענען דאָס נאָר טאָן, כּל זמן זיי זיינען שטאַרקער פאַר זייערע יורשים.

— זעט, מען זאָגט טאַקע: אַרונטערלאָזן אַ פּאַטש, ווייל פּאַטשן און שלאָגן קען מען נאָר, ווען מען איז גרעסער פאַרן צווייטן.

— נאָר לאָמיר קומען צום ארויספיר: אין דעם לעבן פון דער משפּחה שפּיגלען זיך אָפּ פאַרהעלטעניש פון דער געזעל־שאַפט. און אויך די מאַכט־פאַרהעלטעניש און דאָס שטיצן זיך אויף כּוח געפינט מען אין דעם משפּחה־שטייגער. אין אַ סך היי־זער מערקט מען בולט דאָס אונטערדריקן דעם שוואַכערן מצד דעם שטאַרקערן, די דעה וואָס די עלטערן האָבן איבער די קינ־דער, דער חוב און דאָס רעכט צו דערציען די קינדער — באַ־טראַכטן אַ טייל עלטערן ווי אַ מין „פּריוואַט־אייגנטום”. פאַרשטייט זיך, אַז ניט די עלטערן, ניט די קינדער באַנעמען דאָ דעם ווי־דעראַנאַנד, כּל זמן אַלץ גייט טאָג־טעגלעך און גלאַטיק. אָבער ווי נאָר עס קומט צו אַ צונויפשטויס, שווימט ארויס די דאָזיקע פאַרבאָרגענע פאַרהעלטעניש און עס ווערט אויך בולט די „אונ־טערדריקונג פון דעם שוואַכערן”. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ווערט געזאָגט ניט וועגן אַלע משפּחות. פאַרשטייט זיך, אַז אַחוץ דער דערמאָנטער פאַרהעלטעניש האָבן מיר נאָך אַנדערע באַציונגען צווישן עלטערן און קינדער, באַציונגען גאָר פון אַן אַנדער מין. אָבער דאָס פאַרמינערט ניט די ריכטיקייט פון דעם געדאַנק: נאָר

דער היינטיקער געזעלשאַפט איז כאַראַקטעריסטיש די הערשער־פאַרהעלטעניש פון עלטערן בנוגע צו זייערע קינדער. אמת, אַמאָליקע צייטן איז דער פאָטער נעווען מער הערשער ווי איצט. ער האָט אַפילו געהאַט צו זאָגן איבער לעבן און טויט פון די זייניקע. איצט איז די דאָזיקע הערשאַפט שטאַרק ג ע מ י ל ד ע ר ט געוואָרן, זי איז אָבער ניט פאַרשוווּנדן.

— אַוודאַי. ווען מען איז אַ קינד — ווי קען מען זיך ווערן? ס'איז ווי דער קלאַסנקאַמף אין פאַבריק.

— טאַקע, טאַקע. דער אונטערנעמער אין פאַבריק וויל זיין דער איינציקער און דער גאַנצער באַלעבאָס, ווי דער פאָטער אין דער משפחה, אַפילו דער פאָטער — וואָס מחוץ די ווענט פון זיין שטוב איז ער גוואַלדיק רעוואָלוציאָנער. און פונקט אַזוי ווי דער באַלעבאָס ווערט אופגעבראכט, ווען זיינע אַרבעטער אונטערשטייען זיך צו האָבן אַן אייגענע מיינונג און צו זאָגן אַן אייגן וואָרט, אַזוי ווערט...

— דער פאָטער אַן אָנגעצונדענער, ווען די קינדער גע־האָרכן אים ניט.

— די קינדער? אָט האָט איר דאָך געזאָגט אַז זיי קענען זיך ניט ווערן.

— נו, די עלטערע קינדער, האָב איך געמיינט.

— די עלטערע? פון ווען אָן?

— נו, פון 13, פון 14 יאָר אָן. יעמאָלט וויל מען שוין ניט אַלץ זיך לאָזן געפאַלן.

— באַטראַכט זשע, יעמאָלט הייבן זיך אָן צונויפשטויסן. די עלטערן נעמען פילן, אַז זייער דעה איבער די קינדער, וואָס איז פריער געווען אַזאַ זיכערע און אַ פעסטע, ווערט וואַקלדיקער, זייער פריער אומבאַגרענעצטע הערשאַפט ווערט באַגרענעצט. דאָס קינד האָט זיך כסדר געביטן, ביז עס קומט איין שיינער טאָג און פון דער שול קומט אהיים ניט קיין קינד. נייערט אַ...

— אַ י ו נ ג ט ל ע כ ע ר.

— אָדער אַ...

— י ו נ ג ט ל ע כ ע.

— פאַרוואָס ניט אַ יונגנטלעכס?

— אַזוי רעדט קיינער ניט.

— פאַרוואָס ניט?

— דאָס איז דאָך אַן אומזינען.

— אפשר האָט עס דאָך אַ זינען, וואָס איז זאָג: דאָס קינד, אָבער דער יוגנטלעכער אָדער די יוגנטלעכע.

— וואָס זאָל דאָס האָבן פאַר אַ באַזונדערן זינען? אַזוי זאָגט מען דאָך.

— אָבער וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטעלעך: דער, די, דאָס?

— זיי ווייזן אָן דעם מין.

— אָדער דעם געשלעכט, און —

— יוגנטלעכע שיידט מען אונטער נאָך דעם געשלעכט נאָך.

— און קינדער?

— קינדער אויך.

— און פאַרוואָס זאָגט מען דאָך: דאָס קינד?

— אפשר האָט פאַר דעם קינד ניט אַזאַ גרויסן באַטייט די צוגעהעריקייט צו אַ געשלעכט?

— אפשר? קענט איר ניט ענטפערן גענויער און זיכערער?

— אַוודאַי איז עס אַזוי. דער יוגנטלעכער לעבט דאָך דורך די צייט פון דעם מענטשנס געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג.

— האָבן מיר אַף אַזאַ אופן פאַרענטפערט די פראַגע, וואָס מיר האָבן זיך לכתחילה געשטעלט?

— ווען עס הייבן זיך אָן די אַנטוויקל־יאָרן?

— קלאָר. וואָס ווען מיר איצט זאָגן וועגן דעם?

— אַז מען איז שוין אוים קינד. אַן ערך אין די לעצטע קלאַסן גרונטשול.*)

*) בר־מצווה־צייט אַן ערך. (איבערזעצער).

— און איצט לאָמיר זיך גענויער אָפּשטעלן אַף דעם. אין וואָס מערקט זיך, אַז די נייע תּקופה אין דעם מענטשנס לעבן האָט זיך שוין אָנגעהויבן? זיינען פאַראַן דאָ אויסנווייניקסטע סימנים? איך מיין דאָ ניט, וואָס אַ סך פאַרענדיקן יעמאָלט זייער לערנען, מען נעמט זיך צו דער אַרבעט. איך רייד דאָ וועגן אויסנווייניקסטע סימנים אין דעם מענטשן גופא.

— די שטים בייט זיך.

— אָט זעט איר. און ביי מיידלעך?

. . . .

— ווייסט איר ניט? אָדער איר ווייסט שוין ווידער ניט? מיר האָבן שוין וועגן דעם גערעדט.

— די מאָנאַטלעכע.

— ריכטיק, אַז די מאָנאַטלעכע האָבן צו טאָן מיטן אַנט־וויקלען־זיך פון די געשלעכטלעכע אָרגאַנען איז קלאָר פון זיך. אָבער, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ שייכות קען דאָס זיין צווישן שינויים אין קעלקאָפּ און געשלעכטאָרגאַנען?

— קיין שייכות ניטאָ.

— אַזוי דוכט זיך טאַקע. און דאָך איז אַ שייכות פאַראַן. דערמאָנט זיך, אַז זייער אַ וויכטיקער טייל פון געשלעכטאָרגאַן איז די געשלעכטדריז, דער האָדן ביי יינגלעך, דער איי־ערשטאָק ביי מיידלעך. די דאָזיקע דריזן האָבן אַזאַ אייגנשאַפט: זיי פאַרטיקן אויס ניט נאָר די שטאָפן, וואָס קומען אַרויס מחוץ דעם קערפּער. זיי גיבן אַרויס ניט נאָר די פאַרמערונג־צעלטלעך, ד. ה. די זוימען אין די אייער, נאָר זיי שטעלן אחוץ דעם צו דעם קערפּער אַזעלכע זאַפטן, וואָס בלייבן אין דעם קערפּער. פאַ־ראַן אַ סך אַזעלכע דריזן, וואָס זייערע אויסאַרבעטונגען בלייבן אי־נעווייניק אין דעם קערפּער און קומען ניט אַרויס צו־דרויסן־צו, ווי למשל ביי די שפּייעכץ־דריזן. איין דריז אַזאַ ווייסט איר זי־כער — דאָס איז די אַזוי גערופענע שילד־דריז, ווייסט איר ווו זי געפינט זיך?

— אין האַלדז.

— גוט, פון פאַרנט, אונטער דעם קעלקאָפּ. ס'איז דאָ אַ קראַנקייט אזא, ווען די שילד־דריז פאַרגרעסערט זיך, באַקומט זיך דער קראָפּ. די אויסטיילעכצן, די סעקרעציע פון דער שילד־דריז גייט ניט ארויס נאָך אויסן נאָך, נאָר בלייבט אין בלוט. דערפאַר רופט מען אזוינע דריזן, וואָס טיילן אויס שטאָפן אין בלוט אריין — בלוט־דריזן. מען רופט זיי אויך אָן — דריזן מיט אינעווייניקסטער סעקרעציע. וויל זייערע שטאָפן, זייער סעקרעציע גיבן זיי אָפּ אינעווייניק אין דעם קערפּער. אָט די אינעווייניקסטע סעקרעציע ווירקט אף דעם שטאָפן־צונויפזאַץ פון אונדזער קערפּער און באַשטימט א סך דערשיינונגען אין אונדזער לעבן, ווי למשל דאָס וואַקסן און נאָך א ריי אַנדערע. ווי די געשלעכטדריזן נעמען ווערן פעיק ארויסצוגעבן שטאָפן אף אויסן־צו, הייבן זיי אָן אויסצופאַרטיקן זאַפטן פאַר דעם אינעווייניק, אין בלוט אריין, נו, און ווו בלייבן אָט די שטאָפן, וואָס קומען אין בלוט אריין?

— זיי קומען אין די לונגען.

— נאָר אַהין קומען זיי?

— אומעטום קענען זיי קומען.

— פארשטייט זיך. דאָס בלוט פירט אומעטום מיט זיינע באַשטאַנדטיילן, אַלע צעלטעלעך פון אונדזער קערפּער דערנערן זיך דאָך פון דעם בלוטשטראָם. בכן, איז וואָס קען דאָ קלאָר ווערן?

— אַז אזוינע טיילן קערפּער, וואָס האָבן דירעקט גאָר קיין צוזאַמענהאַנג ניט מיט די געשלעכט־אָרגאַנען, קענען באַאיינפלוסט ווערן פון די געשלעכט־דריזן.

— צום ביישפּיל?

— אָט דער קעלקאָפּ, בעת די שטים בייט זיך.

— גוט, און וואָס קומט נאָך צו אין די יאָרן פון צייטיק־ווערן?

— די באָרד נעמט וואַקסן, כאַפּט זיך איינער.

— ריכטיק. דער מענטש ווערט מער באַהאָרט. עס וואַקסט אויס האָר אונטער די פּאַכווּעס, ביי די דרויסנדיקע געשלעכט־

טיילן, און טאַקע איבערן גאַנצן קערפּער נעמט וואַקסן מער האָר. וואָס נאָך קען באַאײַנפלוסן דער נייער צוזאַמענשטעל פון אונדזער בלוט?

. . . .

— מיר האָבן דאָך דאָ אָקאָרשט גערעדט וועגן אַזוינע דערשײַנונ־גען, וואָס געוויינטלעך ווײַזן זיי זיך אַרויס אין אַט דער זעלבי־קער צײַט.

— דער שטימבײַט.

— יאָ, דאָס איז שוין אויפגעקלערט. און וואָס נאָך? פון אַן אַנדער מין.

— דאָס בחורן זיך!

— אַזוי גאָר?

— איז דאָס אויך אָפּהענגיק פון די געשלעכטס־אָר־גאַנען?

— אַף געוויס. די זאַפטן, וואָס פון די געשלעכטדריזן פליסן זיי אַרײַן אין בלוט, באַאײַנפלוסן אויך דעם מאַרך און דאָס גאָרע גייסטיקע און נשמהדיקע לעבן פון דעם מענטשן. דער מענטש אַנטפּלעקט אין זיך נײַע אינטערעסן, ער פילט אין זיך נײַע בוחות. הכלל, ער ווערט אין גאַנצן אַן אַנדערער, ער בײַט זיך לגמרי. האָט איר דען עפּעס פון דעם בײַ זיך קיין מאָל ניט באַמערקט?

— מען פילט אָפטמאָל, ווי עפּעס קומט מיט דיר פאָר. אָבער איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דאָס האָט אַ צוזאַמענ־האַנג מיט דער געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג. האָט האַנס אין דער הייך געקלערט.

— בּיסט גערעכט ביז גאָר. און ווען מען פילט אַרויס, אַז עפּעס קומט אין דיר פאָר; ווען מען שפּירט ווי פאַרטעמפּט. אַז עס עפּעס יוירט אינעווייניק, עפּעס פאַראַנדערשט זיך, און מען ווייס ניט וואָס און, מען ווייס ניט וואָס דאָס זאָל באַטײַטן, איז יעמאָלט —

— קען ווערן שרעקלעך צו מוט.

— בכל אופן, איז מען יעמאָלט ניט זיכער מיט זיך, ניט פעסט אין זיך. ניט אמת? און אָט דאָ געפינען מיר דעם יסוד, למאי מיר נעמען אויף דאָס דאָזיקע געפיל אַזוי פיינלעך. און וואָס טוען מיר בכלל מיט געפילן וואָס פייניקן?

— וואָס זאָל מען טאָן מיט זיי?

— ווען דיך פייניקט עפּעס און די סיבּה פון דעם קענסטו ניט אָפּשאַפן אָדער דו ווייסט אַפילו ניט די סיבּה, וואָס זשע ועסטו פרווון טאָן?

— ווי ניט איז פּטור צו ווערן פון דעם, עס צו פאַרגעסן.

— הם, און ווי איז עס אָט מיט דעם געפיל פון אומזיכערקייט? אז דאָס איז ניט אָנגענעם — ווייסן מיר שוין אַלע. ווי זאָל מען זיך דאָ העלפן? אדרבּא?

. . . .

— נו, ווער פון אייך האָט זיך דאָ ניט לאַנג עקזאַמענירט? דו גערדע, ווו?

— ביים אָנקומען אין דער האַנדלשול.

— גוט, זיינען דיר אַלע לימודים אָנגעקומען גלייך גרינג?

— ניין.

— איז וואָס זשע פּלעגסטו טאָן ביים עקזאַמען מיט אַזאַ לימוד, וואָס דו האָסט זיך אין אים געפילט שוואַכער?

— איך האָב זיך געמיט ניט צו באַמערקן דאָס, ניט צו מאַכן פון דעם קיין וועזן.

— אַהאַ! איז עס דען ניט אַ גאַנץ געשייטער וועג אָף בּייצוקומען אין זיך דאָס קוועלנדיקע געפיל פון אומזיכערקייט? מען מאַכט ניט פון דעם קיין וועזן! נאָר פאַרקערט, מען...

— מען רעדט זיך נאָך איין מי יודע וואָס.

— ריכטיק באַמערקט. ווי מאַכט מען עס?

— מען שפּילט די ראָלע פון א זיכערן, אַ פעסטן.

— מען שפּילט די ראָלע? ווילסטו זאָגן, אַז מען פּראוועט דאָ טעאַטער?

— יע, מען טעאַטרעוועט.

— האָסטו שוין אַמאָל געזען אַ באַרימטן ארטיסט, וואָס האָט דיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט?

— יע, אין שילערס „רויבער", דעם וואָס האָט געשפּילט קאַרל מאָר.

— האָט דער באַרימטער ארטיסט געטעאַטרעוועט?

— ניין, ניין. יענער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין ראָלע.

— און דערפאַר טאַקע האָט ער איבערגעלאָזן אַף דיר אַ שטאַרקן רושם. הייסט עס, אַז ווען עמעצער לעבט איבער זיין ראָלע, מערקט מען אַמאָל אַפילו ניט, אַז ער שפּילט טעאַטער, אז ער איז אין־דער־אמתן גאָר אַן אַנדערער ווי ער שטעלט פאָר. ער „מאַכט דעם אָנשטעל", אַז ער איז דער אַנדערער און נאָר פאַר די צוקוקערס מאַכט ער דעם אָנשטעל?

— ניין, פאַר זיך גופא.

— אוודאי. איז וואָס קענען מיר אָפּלערנען?

— אז דאָס געפיל פון אומזיכערקייט טרייבט דעם מענטשן צו מאַכן פאַר אנדערע און אפילו פאַר זיך דעם אָנשטעל, אַז אין־דער־אמתן איז ער ביי זיך גאַנץ זיכער.

— און ווי מאַכט מען דעם אָנשטעל?

— מען וויל זיך ארויסווייזן.

— מען ווערט אַ צו־להכעיסניק.

— מען נעמט נישט אראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ!

דער עולם לאַכט, חוץ אַטאָן.

— וואַרט נאָר, דו זשוליק, נעם איך אָן ערווינען פאַרן קראָגן: אָבער דו ביסט גערעכט. צווישן זיך וועט דאָך קיינער ניט האָבן פאַראיבל — דאָס האָבן מיר שוין פון לאַנג אָן אָפּגעמאַכט, צי ניין?

— מילא, מוחל, ווערגט אַטאָ אַרויס.

צינד איז לאָטע אין אַ פאַרלעגן.

— בכן, קומען מיר צו אן ארויספיר: דאָס געפיל פון אומ־זיכערקייט, וואָס נעמט ארום דעם יונגן מענטשן אן ערך צו 12—13 יאָר, איינעם פריער, דעם אַנדערן שפּעטער, נעמט זיך מחמת דער אינעווייניקסטער סעקרעציע פון די בלוטדריזן אין די געשלעכטס־אָרגאַנען. דאָס דאָזיקער געפיל איז אומפארמיטלט גע־קניפּט און געבונדן מיט די פאָרקומען פון אָנהייבן צייטיקן. דער יונגנטלעכער זוכט פּטור צו ווערן פון דעם פּיינלעכן געפיל און דער אויסוועג פירט צום —

בחורן זיך, לאַכט מאַרטע.

— און איר, מיידלעך? איר מיינט נאָך רק אפנים, אַז וויבאלד מיר רופן עס „בחורן־זיך", באַלאַנגט עס נאָר צו יינג־לעך? האָט איר טאַקע דעם גרויסן טעות. און וואָס באַטייט, ווען אַ כאַפּטע מיידלעך נעמען זיך אָרעם אין אָרעם און פאַרשטעלן די גאַנצע גאַס אין דער ברייט? און אָט דאָ אין אַ פאַרלעגן — ווען איר פרווט מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער פון אויסגעמאכ־טע קעפּ אָדער אַמאָל טאַקע גאָר המעוואַטע באַהאַלטן אייער פאַרלעגן — וואָס וועט דאָס זיין?

איצט האָבן יינגלעך געהאַט צו לאַכן.

— נעמט ניט פאר אומגוט. דאָס זיינען לגמרי נאַטירלע־כע פאָרקומען, וואָס יעדער איינער האָט זיי דורכגעלעבט, מוז זיי דורכמאַכן. ווי מען מאַכט עס דורך — וועגן דעם נאָך אַ וואָרט. אומזיכערקייט איז פון אייביק אָן אַ סימן פון שוואַכקייט. און ווען עמעצער פילט זיך שוואַך, יעמאָלט —

— זוכט ער הילף.

— און דער ייגנטלעכער, ווו זוכט ער הילף?

. . . .

— איר האָט דאָס מסתּמא שוין פאַרגעסן. איר זייט שוין אַריבערגעוואַקסן די צייט, ווען מען איז גוואַלדיק הילפבאַדערפ־טיק. מען זוכט הילף — פילט מען די באַדערפעניש זיך אָנצו־שפּאַרן אָן עפּעס, אָן עמעצן, נעמען זיך יינגלעך צונויף אין אַ גאַנצער כאַליאַסטרע, מיידלעך — אין גרויסע כאַפּטעס

פון גלייכארטיקע. דאָס איז איינמאָל אַוועק. און צווייטנס, זוכט דער יונגנטלעכער דעם מענטשן, וואָס זאָל אים פאַרשטיין, דעם עלטערן מענטשן, וואָס ער זאָל קענען פאַר אים אויסגיסן זיין האַרץ. דער יונגנטלעכער פילט די נויטווענדיקייט זיך אויסצו-רײדן. און אַ מאָדנע זאַך: צו וועמען ווענדט מען זיך נישט בשעת מעשה?

— צו די עלטערן.

— אמת. און די עלטערן קענען עס בשום אופן נישט פאַרשטיין. און ווו ליגט דאָ דער הונט באַגראָבן. למאי מען איז גראָד אין יענער צייט אַזוי צעקריגט מיט דער אייגענער היים?

— ווייל מען נעמט פאָדערן פאַר זיך אייגענע רעכט און ווייל מען באַגערט. מען זוכט נייע מענטשן. זאָגט האַנס.

— און מיר האָבן שוין געזען, אַז דער באַוווסט פון איי-גענע רעכט ברענגט צו קאָנפליקטן מיט די עלטערן. און דאָס זוכן נייע מענטשן ווידער פירט שוין גאָר צו דעם וועג, וואָס מיר אַלע מוזן אים באַטרעטן און וואָס צום טייל גייען מיר שוין מיט אים. דאָס איז דער וועג פון אַ צונויפשטויס מיט די כוחות פון אונדזער גאַנצן אַרום. אָבער מיר האָבן זיך היפּש פאַרהאַלטן ביים שמועס וועגן די דערשיינונגען אין די יאָרן פון בחורן-זיך. איך וויל גלויבן, אַז יעדערער פון אייך וועט פון דאַנעט קענען עפּעס אויסנוצן אַף אַריינצוקוקן אין זיך, אַף אַריינצולייכטן אין דער אייגענער נשמה. וועגן דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון די אַנטוויקל-יאָרן, וואָס איר האָט דאָס נאָך צום גרעסטן טייל פאַר זיך, וועגן דעם לאָמיר שמועסן דעם קומענדיקן מאָל. פאַר היינט איז דיינו.

XIII.

דאס ענדגילטיקע צייטיק - ווערן.

— מיר האבן ברייט ארומגערעדט דעם אָנהייב צייטיק־ווערן. לאָמיר אפשר איצט נאָך אמאָל איבערחזרן די לעצטע שורה, צו וואָס מיר זיינען געקומען. ווילסט א פרווו טאָן, ערווין?

— מיר האָבן אופגעקלערט דעם צוזאמענהאַנג, וואָס איז פֿאַראַן צווישן דעם צייטיק־ווערן פון געשלעכטסדריזן און צווישן די פאראנדערשונגען אין דעם יונגן מענטשן, דו האָסט געזאָגט, אַז בעת עס קומען אריין אין בלוט די אויסאַרבעטונגען פון די געשלעכטדריזן, קומט פאָר אין דעם מענטשן אַזוי צו זאָגן א גאַנצע רעוואָלוציע.

— גוט געזאָגט. און דער פועל־יוצא פון דער רעוואָלוציע איז אויך ענלעך ווי ביי רעוואָלוציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און ברענגט צו א...

— צו א מצב פון צייטווייליקער אומזיכערקייט.

— דער דאָזיקער מצב לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם געפיל, אז עפּעס אַזוינס קומט פאָר, וואָס זיין באַטייט אָבער און זיין ציל איז נאָך פרעמד.

דער וויטערדיקער פועל־יוצא איז דער פּרווו אַף פאַרשיי־דענע אופנים צו פאַרבאַהאַלטן פון אַנדערע מענטשן און אפילו פון זיך גופא אָט די פלאָגנדיקע אומזיכערקייט. אין דער אייגע־נער צייט וויל מען זיך אָפּגעבן א חשבון און פאַרטיק ווערן מיט דעם וואקסנדיקן באַוואוסט פון אייגענער פערזענלעכקייט. קומט מען צו מאַכן אָנשטעלן.

—נו, גוט, דערמיט האָבן מיר געפּרוווט דערקלערן די דער־שיינונגען אין יאָרן פון יונגאַטשעריי, ווען מען בחורט־זיך און מען

פרייליגט זיך, ווען מען האָט ליב קונדייסקע שטיק. וואָס זיינען
ניט מער און ניט ווייניקער ווי א געוויסע פאָרם פאַר פאָליטיק
פון געפילן פון פאַלעגן. דערצו קומט נאָך צו דער אויפגעוואַכטער
חוש פאַר דעם „איך". דאָס שטאַרקע און כסדרדיקע באַוווּסט=
ווערן פון דער אייגענער פערזענלעכקייט ווי פון אַ פאַרזיכדיקער
באַשעפעניש, וואָס זוכט צו געפינען אַן אָרט אין לעבן — לעבן
די אַנדערע, שוין פאַראַנענע עלטערע „דערוואַקסענע". מיר האָבן
אויך שוין געזען, אַז דאָס שטרעבן עפּעס צו זיין, צו האָבן א
ווערט צווישן לייטן ווייזט זיך אָפט אַרויס אַף וואונדערלעכע אופנים.
אָט ניט ווייטער ווי נעכטן האָב איך געפונען נאָך א קליינעם,
שיינעם ביישפיל דערפאַר. גיט א קוק אָט אַף דער וויזיטקאַרטע=
לע, ס'אַרא שיינס, מיט אַ גאָלדענעם רעמל. טו א לייען.
— „אַלפרעד ווערנער, סוחר".
— ווייסט איר ווער דאָס איז?
— גאָר אפשר דער אַלפרעד, וואָס אַרבעט ביי „שוואַרצע
עט קאָמפּ."
— געטראָפן.
— ער איז דאָך אָט איצט אַהין אָנגעקומען פאַר א לער=
לינג, האָט מען געלאַכט.
— דערפאַר טאַקע איז עס אַזאַ גוטער ביישפיל פאַר דעם
יונגן מענטשן צו האָבן א ווערט, א חשיבות. דאָס איז נאָך
מוחל צו זיין. אָבער דער באַגער זיך אַרויסצוהייבן פירט אָפט
צו פראָלעריי, צו גרויסהאַלטעריי, און דאָס קען שוין ווערן א
לאַסט.
— וואָס קען זאָגן צו דעם ווערנערס פאָטער?
— דאָס ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז פון דעם יאָגן=
זיך נאָך אָנזען נעמט זיך א סך מאַטעריאַל פאַר קאָנפליקטן אין
דער משפחה. און וואָס אָנגעשטרענגטער עס ווערט די באַציונג
צווישן די עלטערן, וואָס ווילן אַליין האָבן די דעה איבער זיי=
ערע ק י נ ד ע ר, און זייערע יינגלעך און מיידלעך, וואָס פילן
זיך מער=ווייניק זעלבשטענדיק, אַלץ מער וואַקסט ביי דעם יוגנט=
לעבן דער פאַרלאַנג —

— פון דער היים אוועק.

— געוויס, ס'איז דאָך בּמילא פאַראַן אין דעם יוגנטלעבן אַ כּוח, וואָס טרייבּט אים איינצושטעלן פאַרבּינדונגען מיט מענטשן מחוץ פון דער משפּחה, אַפילו מחוץ דעם קרייז פון שול־חברים, אַף וויפיל ער איז נאָך אַ שילער און אַף וויפיל דער קלאַסצוזאַמענהאַנג האָט געהאַט פאַר אים אַזאַ גרויסן באַטייט. דער באַדאַרף אין אַ דערגאַנצונג שטויסט אים זיך באַהעפטן אָן אַ כאַפּטע פון אַזוינע חברה־לייט ווי ער איז און ווו ער. דער יוגנטלעכער מיט זיין זוכן אַן אָנשפּאַר, וואַרפט זיך אונטער דעם פּירער צי דעם אָנפירער, צי דעם רעדלפירער אַפילו. דער נעמלעכער באַדאַרף ברענגט אים צו אַן ע ר אָ ט י ש ע ר ליבּעבּינדונג מיט אַן עלטערן מענטשן. דער יוגנטלעכער באַנעמט די דאָזיקע באַציונג ווי אַ פאַרערונג און דעם עלטערן מענטשן ווי אַ פאַרהערלעכטן פריינט, וואָס מען חלומט וועגן אים. כ'שטרייך אונטער, אַז דער דאָזיקער מין ע ר אָ ט י ש ע באַציונגען האָט צו טאָן מיט „עראָס", דעם גריכישן גאָט פון ליבּע, אָבּער איז ניט סעקסועל געפאָרבּן, ווייל ס ע ק ס ו ע ל ע באַשטרעבּונגען הייסן יענע, וואָס צילן אַף אַ געשלעכטלעכער פאַרבּינדונג צווישן צוויי מענטשן (סעקסוס באַטייט געשלעכט). בּיי אַזאַ מין פאַרערן קען אָבּער פאָרקומען דאָס פאַרקערטע: דער וואָס ווערט פאַרהערלעכט, דער „חלום" אַזוי צו זאָגן — בּפרט קען דאָס זיין ווען עס רעדט זיך וועגן אַ דערוואַקסענעם מאַן און אַ יונגן מיידל, וואָס האַלט ערשט אין זיך צייטיקן — נעמט שפּירן צום צווייטן צד, צו דעם מיידל לאָמיר זאָגן, אַ סעקסועל געפאָרבּענע נייגונג. דער יוגנטלעכער אָדער די יוגנטלעכע פאַרשטייען עס ניט. האָט מיר אַנומאָלט אַ פרוי דערציילט, אַז זי, אַ פערצניאָריקע, האָט פאַרהערלעכט און מיט חלומות אַרומגעשפּונען אירן אַ לערער. זי האָט אים „געליבּט פלאַם־פייער". איין מאָל קומט זי צו איר לערער, ווי איר שטייגער איז געווען, צו נעמען בּיכער בּיי אים און צו פלאַפּלען מיט אים. פאַרווערט איר איר לערער ווייטער צו קומען צו אים. ווי דער הימל וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן איבּער איר! זי האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. אַ געפּלעפּטע איז זי געשטאַ־

נען אָפּהענטיק קענן אַזאַ מין אומדערוואַרטער האַרטקייט. אין זעקס יאָר אַרום האָט זי געטראָפן איר לערער און יענער האָט זי געפרעגט, צי זי האָט יעמאָלט באמת געפילט נאָר די קינדערשע פאַרהערלעכונג. ביי אים איז דאָס אַנדערש געווען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ניט קענען ביישטיין דעם ניסיון און זיך נעענטערן צו איר מיט אַזוינע געדאַנקען, וואָס ער איז ניט געווען אין שטאַנד די אחריות פאַר זיי צו נעמען אף זיין געוויסן. דערפאַר האָט ער בעסער ראַדיקאַל איבערגעריסן יעדער באַציונג.

מיר זעען דערפון, אין וואָס פאַר א געפאַר עס קען זיך גרינג איינגעפינען אַזאַ מיידל, ווען זי שטויסט זיך אָן ניט אַף אַ געניג געוויסנדיקן מענטשן. די געפאַר שטייגט באַזונדערש יעמאָלט, ווען דאָס מיידל לעבט דורך דאָס געפיל פון אומזיכערקייט, בעת די ערשטע יאָרן פון זיך־צייטיקן און ווען זי פאלט גרינג אַרונטער אונטער פרעמדע השפעות. אין אַזאַ סכנה געפינען זיך די יונגע מיידלעך, וואָס פון נייגעריקייט וועגן אָדער פון חשק דורכצושפרינגען זיך, גייען זיי טאַנצן אין די בלערליי טאַנצלאָקאַלן. עס ציט אַהין אין פובערטעט־עלטער ניט ווייל מען יאָגט זיך נאָך סעקסועלע איבערלעבונגען, נייערט עס טרייבט דער אומקלאָרער און אומפאַרשטאַנענער כוח פון דער אַנטוויקל־צייט. עס רייצט דעם יוגנטלעכן זיך צו דרייען אין אַזאַ געזעלשאַפט און אין אַזוינע ערטער, ווו עס שטייט פון פאָרנט אָנגעשריבן: „פאר יוגנטלעכע אונטער 16 יאָר איז דער אריינגאַנג פאַרווערט". דווקא דאָרטן געפינט מען גענוג יונגע מיידלעך, וואָס קומען אַהין, ווייל זיי ווילן זיך אַרומדרייען מיט א חברטע. עס קומט זיי גאָרניט אַרויף אַפן זינען זיך דאָרטן צו טרעפן מיט אַ מאַנסביל.

אָבער די דאָזיקע מיידלעך, וואָס זיינען אומשולדיק אַפילו אין זייער זינען, זיינען קערפערלעך אָבער שוין גענוג אַנטוויקלט, אַז עלטערע בחורים זאָלן ווענדן זייער סעקסועלע אויפמערקזאַמקייט אף זיי. קען עס געשען, אז אן עלטערער נענטערט זיך צו

אַזאַ מיידל מיט סעקסועלע כּוונות, און ווייל דאָס מיידל איז אומוויסנדיק און תּמימותדיק, געלינגט עס אים. בפרט ווען אַלקאָהאָל פאַרשיכּורט שׂכל און ווילן. עס איז קלאָר אַז יעמאָלט רייסט זיך אַריין אין דעם מיידלס לעבן די סעקסועלע איבערלעבונג אין אַזאַ מאָמענט און אין אַזאַ עלטער, ווען זי איז צוגעפּאַסט און געוואַקסן פאַר אַלץ וואָס איר ווילט. אָבער נאָר ניט פאַר אָט דעם. ס'איז אויך קלאָר, אַז דאָס איז אַן אומגליק. מיר דוכט זיך, ס'איז וויכטיק, דווקא די מיידלעך אָנצוווייזן אַף אַזעלכע מעגלעכקייטן, כּל זמן עס איז ניט שפּעט. ווען איר, די וואָס איר זייט דאָ צווישן אונדז, האָט ניט אויסצושטיין אַליין אַזאַ מין געפאַר, דאַרפט איר דאָך וואָרענען די איינע אָדער די אַנדערע פון אייערע חברטעס אין געשעפט אָדער אין וואַרשטאַט.

אַנדערע צווישן אייך וועלן איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן די אַלע פּראָבלעמען צונויפגעבונדן און באַשמועסט, וועלן איצט זיך אפשר דערמאָנען אָן אַזוינע איבערלעבונגען, וואָס זייער אמתן באַטייט און זייער וואָרט וועט האָט איר גאָרניט באַנומען, בשעת איר האָט זיי דורכגעלעבט. איז עס ניט אַזוי?

— איך האָב נאָכן פאַרענדיקן די שול, און אַפילו שוין פריער, זיך געפילט מוראַדיק איינזאַם. דאָס איז ערשט אַנדערש געוואָרן, זינט איך בין אַריין אין אונדזער יוגנטגרופּע.

— יע, האַנס. און אפשר איז דאָס דווקא פאַרקערט. דו ביסט אַריין אין דער יוגנטגרופּע, ווייל דו ביסט אַנדערש געוואָרן. אָבער דו ביסט אָט אין וואָס גערעכט: דאָס געפיל, אַז מען ווערט אָן די פאַרבינדונג מיט די מענטשן, וואָס מען איז פריער געווען נאָענט צו זיי, דאָס געפיל, אַז קיינער פאַרשטייט דיך ניט — קען קוועלן און פייניקן ממש. עס וואַקסט פון דעם אַרויס אַן אָפּאָזיציע צו דער גאָרער וועלט, אַ פיינטשאַפטלעכקייט צו דער מערהייט מענטשן. מען קען זיך ניט פאַרטראָגן מיט קיינעם ניט. ווייל עמעצער צוקומען צו דיר נענטער, דוכט זיך אויס, אַז ער קריכט מיט די שטיוול אין דער נשמה אַריין.

מען ווערט אַזוי שטעכיק, אָט דערמאָן איך זיך פון מײַנע אײגענע אַנטוויקל־יאָרן, אַז אַ לאַנגע צײַט איז מיר געווען דערווידער זיך אונטערצושרײַבן אין אַ בריוו „מיט אַ האַרציקן גרוס". ווײַל דאָס וואָרט „האַרציק" האָב איך ניט געקענט אויסשטײן. די דאָזיקע האַרבקייט פון דעם שטיקל מענטש באַנעמען די עלטערן און די לערערס ווי עפּעס אומדאַנקבאַרקייט, ווי אָפּגעפרעמדטקייט און זײַנען קעגן דעם גוואַלדיק אופגעבראַכט — מיט אַ צײַט צוריק האָט אַ מאַמע פון אײנעם פון מײַנע ייִנגערע פרײַנט זיך געקלאָגט פאַר מיר: איר זון איז געוואָרן אַזאַ שווײַגנדיקער, אַזאַ קורץ־ און שאַרף־רײדנדיקער נפש, אַזש ניט צו דערהאַלטן פון אים. קיין וואָרט קריגט מען פון אים ניט אַרויס. אין דער הײם דערציילט ער קיין זאַך ניט. ער רעדט גאָרניט אומגעפרעגטערהייט. פרעגט מען אים — ענטפערט ער מיט אײן וואָרט, אָפּצופּטרן. מען קען ניט צוטרעטן צו אים. ער האָט זיך געביטן אויף אַ זײער אומגינסטיקן אופן. איך האָב זיך געמיט דער מאַמען צו דערקלערן, אַז דאָס אַלץ איז אַ דערשײַנונג פון איבערגאַנגצײַט. עס האָט ניט געהאָלפן. די אומצופרידענע מאַמע איז געבליבן בײַ אירס: עס איז אַ באַווײַז, ווי גרענעצלאָז אומדאַנקבאַר עס איז איר זון. און ווען דער יוגנטלעכער פילט אין דער משפחה אַזאַ אָנגעשטרענגטע באַציִונג צו אים, ליגט דאָס ווי אַן אומגעהײַערע לאַסט אויף אים, מאַכט דאָס אים נאָך האַרבער און שטעכיקער.

מען מוז איטלעך מאָל פונדאַסניי אופציטערן און נשתומם ווערן, ווען מען דערגייט, ווי ווײַט די דערוואַקסענע הײבן ניט אָן צו פאַרשטיין דעם יוגנטלעכן מענטשן אין דער אַנטוויקל־עלטער. דער יוגנטלעכער בלאָנדזשעט אַלײן אין דער וועלט ווי אין עפּעס אַ מדבר. ער האָט ניט ווער עס זאָל אים פירן, ווער עס זאָל אים אַן עצה געבן. ער ווײס ניט ווו זיך אַהינצוטאָן, בעת ער איז פרײַ פון אַרבעט. ער האָט ניט גענוג שכל און דערפאַרונג אַלײן צו געפינען פאַר זיך די פּאַסיקע ביכער צום לײענען. און אויב ער האָט שוין אַ בוך, פעלט אים דער רויקער אָרט, ווו ער קען אומגעשטערט אַרבעטן. אין דער הײם איז אָפט אומגע־מיטלעך, טומלדיק, אַ הויפן ייִנגערע קינדערלעך, שטרײַטיקײטן

און אייביקע סימנים פון דחקות און נויט. פילט דער יוגנטלעכער — ער האָט ניט קיין היים, פילט ער — אים פעלט בכלל אַן אָרט אין דער וועלט. וואָס זשע זאָל מען זיך חידושן, ווען מען לייענט אין די בלעטער, אַז יוגנטלעכע נעמען זיך אַזוי אָפּט דאָס לעבן. אָדער וואָס איז דער וווּנדער, אַז דער יוגנטלעכער נעמט נאָכמאַכן די אומקולטור פון די דערוואַקסענע. מען רייכערט, מען טרינקט, מען שפּילט אין קאָרטן, מען דרייט זיך אין טאַנצ־לאָקאַלן, מען שטופּט זיך אַף טומלדיקע פּלעצער, מען פאַרבּרענגט זיך אין שלעכטע קינאָס פון די הינטערגעסלעך.

גלייכצייטיק איז די יוגנט גוואַלדיק להוט נאָך שטאַרקע איבערלעבונגען, נאָך סענסאַציע. כאַפּט מען זיך צו ביליקער און נישטיקער שונד־ליטעראַטור, צו מעשיות וואָס ניט־געשטויגן ניט־געפלויגן. און שונד און שוים פון לעבן נעמט מען אויף אָנשטאָט זיך צו באַקענען מיטן עצם לעבן.

אין דעם זיינען שולדיק אויך די, וואָס דערציען די יוגנט אין מורא פאַרן לעבן. ווען מען שפּאַרט אָפּ דעם יוגנטלעכן מיט אַ וואַנט פון דער וועלט, מאַכט מען אים קאַליע. די דערוואַק־סענע זאָלן בעסער זען שאַפן מער יוגנטהיימען, פּאַסיקע ביבליאָטעקן, באַקוועמע לאָקאַלן צו אַרבעטן און זיך צונויפצו־טרעפן. און די טאַטעס מיט די מאַמעס דאַרף מען אַריינקלאַפּן: לאָזט אייערע יינגלעך און אייערע מיידלעך גיין אין יוגנטפאַר־באַנד, לאָזט זיי נעמען אַן אָנטייל אין אַרויספאָרן, לאָזט זיי גיין צופוס אין דער פריי אַריין, גוואַלדעוועט ניט איבער צעריסענע הויזן אָדער שיך. דאָס איז בעסער איידער צעריסענע, צעשפּלי־טערטע נשמות. און מען טאָר זיך ניט אָנרופן דערציער, אויב מען פאַרשטייט ניט די יונגאַטשערייען, די קונדייסערייען פון די יונגע יווירנדיקע געמיטער. פאַרקערט, דער עכטער דערציער מוז מיטמאַכן מיט זיין כאַפּטע, צוזאַמען גראָבן הייַלן, אינאיינעם קלעטערן אַף ביימער און ביי אַ נאַכט־אַרויספאָר זיך אַריבער־גנבען איבער פאַרקאַנעס.

און איר, ווען איר ווערט עלטער, קלערט אָפּטערס, דער־

מאַנט זיך וועגן די בּרווזנדיקע איבּערלעבּונגען פון אַט די יונגע יאָרן. און נאָך איינס וויל איך אייך זאָגן: ערט און אכפּערט אייערע יוגנטלעכע איבּערלעבּונגען, האַלט זיי אויף אין כּבוד, די דאָזיקע זכרונות, פאַר דער צייט. ווען איר וועט אפשר אַליין האָבּן קינדער, זאָלן אייערע קינדער האָבּן אַ גרינגערן לעבּן איידער איר. איר זאָלט פאַר אייערע קינדער ניט זיין פאַרהאַרטעוועטע זויפּערס און פאַרוויינטע קלאָגמוטערס. דער יונגער מענטש געניייטיקט זיך אין פרייהייט, אָבּער ניט אין אָפּגעגרענעצטע, אָפּגעצירקלטע „פרייהייטן“, וואָס עלטערע מענטשן מיט אַן אויס־געלאָשענעם פייער ווילן זיי אַרומצוטמעסטן און אַרומצוצוימען.

מיר האָבּן זיך פאַררעדט, כּ'רעכן. אַז ס'איז שוין לאַנג צייט זיך צו דערמאָנען, פון וואָס מיר זיינען לכתחילה אַרויסגעגאַנגען. זינסט, האָבּ איך מורא, וועלן מיר היינט ניט קומען צום קיין סוף, וועלן מיר ניט באַוויזן היינט צו מאַכן אַ סיום.

— מיר האָבּן געוועלט ריידן וועגן דער צייט פון זיך־צייטיקן. און דאָס האָבּן מיר איינגנטלעך געטאָן!

— ניין, באַטראַכט זיך, וועגן וואָס האָבּן מיר סוף־כּל־סוף געשמועסט?

— וועגן די שוועריקייטן, וואָס דער יונגער מענטש האָט אויסצושטיין אין אָנהייבּ תּקופה פון זיך־צייטיקן.

— אַהאַ, אין אָ נ ה י י ב פון די אַנטוויקל־יאָרן, אין דער צייט, וואָס מיר רופן דאָס אָן פּ ו ב ע ר ט ע ט. איז דאָס שוין אַלץ?

— אַזוי. פעלן דאָך נאָך ידיעות וועגן דעם וויטערדיקן פאַרלויף פון דער אַנטוויקלונג.

— זעט איר! אין אונדזער יוגנטגרופּע האָבּן מיר דאָך אויך „עלטערע יוגנטלעכע“. זיי וועלן אונדז איצט אַרויסהעלפן מיט זייערע דערפאַרונגען. איר פאַרטראַגט זיך שטענדיק מיט די יינגערע?

— אַז די עלטערע זײַנען אַזױנע... אומשטענדלעכע, באַקלאָגט זיך דער פּופּצניאָריקער װאַלטער.

— אומשטענדלעכע? װאָס װילסטו זאָגן דערמיט?

— אַזױ למשל. מען רעדט װעגן װאָס, איז גאַנץ גלאַט. קומען זײ אַרײַן מיט זײערע מײנונגען און קעגן־מײנונגען, מיט דערװײַזעכצן און אָפּפרעגענישן, און עס ענדיקט זיך מיט דעם, אַז צום סוף װײס מען שױן גאָרניט, װעגן װאָס מען האָט דאָ גערעדט.

— זײ זעט מען נאָך אַמאָל אין אָװנט אַף צונױפקומען פון דער גרופּע, האָט אַ צװײטער געטענהט, אָבער זונטאָג איז פון זײ כמעט קײן זכר ניטאָ.

— אַזױ? װאָס זשע טוען זײ די זונטאָגס?

— אָט אָטאָ איז שױן דרײַ זונטאָגס כסדר ניט געװען מיט אונדז אַפן אַרױספאָר!

— מסתמא האָט ער געהאַט אַן אַנדער אַרבעט, ניט אמת, אָטאָ?

אָטאָ האָט ניט געװוסט װאָס צו זאָגן. לאָטע האָט זיך פאַרטיפט אין אַ פּריװאַטן שמועס מיט איר שכנטע, מען האָט געמוזט „ראַטעװען די סיטואַציע" (די לאַגע).

— װאָס איר טענהט דאָ, איז זײער װיכטיק. דאָס באַװײַזט, אַז די אינטערעסן פון די זעכצן און זיבעצן־יאָריקע זײַנען אין דורכשניט אַנדערע װי די אינטערעסן פון די ייִנגערע. די עלטערע האָבן, למשל, מער באַגער זיך טיפער פונאַנדערצוקלײַבן אין די ענינים. װאָס איר באַשמועסט און װען די עלטערע װילן זיך צו עפּעס דערגרונטעװען, האָבן די ייִנגערע דאָס געפיל, אַז מען פאַרנעמט זיך מיט פּילפּול גלאַט אין דער װעלט אַרײַן. דאָס נעמט זיך רק דערפון, װאָס די אינטערעסן זײַנען געװאָרן פאַרשײדן. דעריבער איז אױך פאַלש, װען איר פאַרזאָרגט זיך אַף אײַערע אונטערנעמונגען מיט אַזױנע רעפערענטן, װאָס דערצײלן אױס פון אַלע גוטיקײטן, אָבער װאָס לױט פ אָ ר ם אין אינהאַלט פּאַסן זײ אָדער ג אָ ר פאַר די עלטערע, אָדער נ אָ ר פאַר די

יינגערע, פאַר די עלטערע ווערט עס אָפּט לאַנגווייליק, ווייל אַ טייל פון דעם וואָס מען ברענגט זיי פאַר, ווייסן זיי שוין. די יינגערע ווידער הערן אויף צו הערן, ווייל זיי פאַרלירן דעם פאָדעם. ס'איז אַ כּלל גדול פאַר דער יוגנטבאַוועגונג — צו געבן פון פערצן־ביז זעכצניאָריקע איין מין שפּייז, און פון זעכצן ביז צוואַנציק־יאָריקע אַן אַנדער מין. ווען אונדזער טעמע האָבן מיר מיט נוצן געקענט שמועסן נאָר דערפאַר, ווייל יעדערער פון אייך איז אין דעם פּערזענלעך פאַראינטערעסירט. און דאָך האָב איך אַ שטיקל חשד, אַז פאַר די יינגערע האָט דער שמועס זיך צו שטאַרק פאַרצויגן, בפרט ווען מיר האָבן, למשל, גערעדט וועגן די אומגעזעצלעכע קינדער. ניט אמת? נאָר ערלעך!

הגם קיינער האָט מיט אַ פולן מויל ניט אָפּגעענטפערט „יאָ", האָבן דאָך די יינגערע צוגעשטימט. האָב איך זיך געווענדט צו די עלטערע: איר ווידער מוזט פאַרשטיין אָט וואָס: „בנוגע צו די יינגערע חברים האָט איר שוין אַליין אָפּ זיך דערציערישע אופגאַבעס. און אַנדערע פון אייך קענען דעם יינגערן געבן אַ גוטע עצה אָפּן סמך פון דעם וואָס מען האָט שוין אַליין דורכ־געלעבט, אַן עצה, ווי דער יינגערער זאָל זיך באַהילפיק זיין אין שעהן פון שווערן געמיט". און נאָכדעם צו די יינגערע: „איר, חברה, דאַרפט פאַרשטיין, וואָס עס צווינגט דעם עלטערן זיך אַזוי צו פאַרהאַלטן און ניט אַנדערש. איר דאַרפט אויך אָנער־קענען, אַז זיי האָבן און אַז זיי מעגן זיך האָבן זייערע אינטע־רעסן. און דו, אָטאָ — פאַרוואָס ביסטו טאַקע ניט מיטגעווען דעם זונטאָג?

— ווייל ער איז זיך אַוועק מיט לאָטען, האָט אַרויסגע־פּלאַצט ערווין.

אָטאָ האָט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן.

— גוט, גוט, מיין ליבער. ביסט אפשר גאַנץ גערעכט, אַז דו, ווען דו פילסט זיך באַזונדערש נאָנט צו איינעם פון אונד־זער געזעלשאַפט, אַז דו זוכסט פריער פון אַלץ ווערן מיט דעם שווה בשווה.

ערווין איז געוואָרן זייער פֿאַרוואונדערט.

— דערמאָנט זיך, אַז וועגן דעם ענין, צו וועלכן מיר זייַנען צינד דערגאַנגען, האָבן מיר שוין געשמועסט, בשעת מיר זייַנען זיך דאָ צום ערשטן מאָל צונויפֿגעקומען. און דוכט זיך, אַז שוין יעמאָלט האָבן מיר זיך פֿאַרשטענדיקט, אַז עס איז ניט אין אונדזער גייסט אויפֿצוהייבן אַף אַ הוראַ, צו שפּאָטן, צו חכמהן זיך אָדער קרום צו קוקן, בשעת צוויי יונגע מענטשן, בשעת אַ ייִנגל און אַ מיידל ווילן אַמאָל זייַן אַליין. מיר האָבן אָבער פֿון דער אַנדער זייט געזאָגט: די באַפֿרידיקונג פֿון אַזוינע פּערזענלעכע נייטיקונגען דאַרף אָבער ניט ווערן קיין שטער פֿאַר אונדזער שותּפֿותדיקער פֿרייַנטשאַפֿט, דאָס הייסט מען דאַרף דערבייַ ניט פֿאַרגעסן די התחייבֿותן בנוגע צו דער באַוועגונג. און דווקא אָטאָ און לאָטען קען מען דאָס ניט פֿאַרוואַרפֿן.

אָבער לאָמיר מער ניט זייַן פּערזענלעך. ווידער צו אַלגעמיינע ענינים: הכּלל, צו זעכצן, צו זיבעצן יאָר הייבט זיך אָן צו ק ל ע ר ן אין דער נשמה פֿון דעם יונגנטלעכן. דער פֿריערדיקער כאַאָס און תּוהו־ובֿהו שטילט זיך. דער יונגער מענטש נעמט פֿילן, נעמט באַמערקן, אַז אַל דאָס אומרויִקע, וואָס האָט געוועלטיקט אין אים און אים ארומגעשליידערט ווי אין כּף הקלע, איז בלויז געווען אַ צוגרייט פֿאַר דעם אינעווייניקסטן ט ר י ב, וואָס איצט ווערט ער אים שוין באַוווּסט, פֿאַר דעם טרייב־כּוח, וואָס ציט דעם ייִנגל צום מיידל און דאָס מיידל צום ייִנגל. גענוג סכּנות פֿאַר דעם מענטשן זייַנען פֿאַרבונדן מיט דעם באַגער צו ליבע. דאָס האָבן מיר שוין געזען אַף אַ סך בייַשפּילן. דאַרף בכן פֿיל גרעסער זייַן אונדזער חבֿרישע אויפֿגאַבע — אונדזערע פֿרייַנט צו העלפֿן, און דער וועג פֿאַר הילף — דאָס איז פֿריִער פֿון אַלץ דאָס קענגזייַטיקע זיך־פֿאַרשטיין. די דאָזיקע צווייטע תּקופֿה פֿון דער אַנטוויקלונג, וואָס מיר ריידן איצט וועגן איר, איז אויך אַ נויטווענדיקער שטאַפּל צום ווערן אין גאַנצן צייַטיק. דער וואָס מאַכט ניט דורך די דאָזיקע ערנסטישע איבערלעבונגען, דער בלייַבט קאַלט און נעבעכדיק, פֿאַראייִנזאַמט און פֿאַרעקשנט. מיט אַן אינעווייניקסטן ריס און ניט ארומגעהובלט. ס'איז אויך קיין שאלה ניט.

אַז אַנדערע מענטשן פאַרבלייבן אַף דעם לעבן לאַנג שטעקן אין די יאָרן פון זיך־בחורן. איר זייט דאָך שוין געוועזן אַמאָל אַף פאַרזאַמלונגען פון דערוואַקסענע? גיט אַכט, און איר וועט אַנדערע מאָל האָבן די געלעגנהייט זיך צו דערמאָנען אָן אונדזער געשפּרעך.

און צוליב וואָס זאָג איך דאָס? ווייל דאָס בלייבן שטעקן אין עפּעס איין איבערלעבונג איז אַ געפאַר פאַר דעם מענטשן אויך בנוגע דער צווייטער תקופה פון זיינע אַנטוויקל־יאָרן. פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַרלירן זיך אין זייערע פאַרליבענישן. באַזונדערש אָפט געשעעט עס מיט מיידלעך, ווייל די גאַנצע דערציונג, וואָס זיי באַקומען, ניגט זיי דערצו, זיי זאָלן זען אין דעם געפיל פון ליבע און אין דעם אויספירן די שליחות פון ליבע דעם איינציקן ציל פון זייער לעבן. אָבער אַזוינע פרויען, וואָס האָבן איין שטרעבן זיך צו פאַרזאָרגן מיט אַן אייגן נעסטעלע און אין דעם נעסטעלע צו זיין גליקלעך, אַזוינע פרויען זיינען נאָך אַ קנאַפּער מאַטעריאַל פאַר דער צוקונפט. אונדזער גליק זוכן מיר נאָך אַנדערשוו. ניט אמת?

— מיר האָבן נאָך וואָס אויפצוטאָן!

— און די מיידלעך? געוויינטלעך, אַזוינע שווייגעדיקע! יאַטן, זאָלן אייך ניט ליב זיין, פאַרטראַגט ניט אַזוינע פרויען! דערציט זיי אַז זיי זאָלן פאַרשטיין זיך דורכצוזעצן אין לעבן. אָט דער, איך וואָלט זאָגן אויסוואויניקסטער גלייכגילטיקער „לאָז־מיך־געמאַך“ פון דער דייטשישער פרוי איז באמת ניט קיין אויסדרוק פאַר דער נאַטירלעכער צוריקגעהאַלטנקייט פון דער פרוי. ווייל דאָס איז נאָך אונטער א פרעגצייכן בכלל, ווייל מען דאַרף נאָך אַ זוך טאָן, וואָס איז דאָ „נאַטירלעך“ און וואָס עס איז אַ רעזולטאַט פון דערציונג און געזעלשאַפטלעכער שטעלונג. און איר מיידלעך גופא! לאָזט ניט אַז די יינגלעך זאָלן זיין אייערע אפּיטרופּסים. אין אייער זינען געוועלטיקט נאָך דער אידעאַל פון דער געזעלשאַפט, וואָס מיר און איר אַלע האָבן זי אַזוי שאַרף קריטיקירט. האָט איר דען דערגרייכט אַלע אייערע צילן, ווען צו זיבעצן, צו אַכצן, צו צוואַנציק יאָר איז שוין געפונען די ליבע־בינדונג מיט אַ מענטשן?

זײט איר שױן טאַקע אין גאַנצן צײטיק? צײטיק אין פולן זינען פון װאָרט, ניט נאָר געשלעכטלעך, ניט נאָר פאַר דער חתונה (װאָס לױטן דײטשישן געזעץ איז פאַר דער חתונה אַ ייִנגל צײטיק צו 18 יאָר און אַ מײדל אַפילו צו 16).

— אַװדאי ניט. האָסטו דאָס געהאַט אין זינען, בעת דו האָסט געזאָגט, אַז דער יונגער מענטש זאָל זיך ניט בינדן, כּל זמן ער איז ניט באמת צײטיק?

— דאָס האָב איך אױך געמײנט. סוף־כּל־סוף האָבן מיר דאָך אױך אַנדערע גרױסע פּראָבלעם אין לעבן, װאָס מען מוז זיך פונאַנדערקלײַבן אין זײ און װאָס זײ קענען זײַן פאַרן מענטשן אַזױ באַשטימענדיק און אַנטשײדנדיק װי די פּראָבלעם פון געשלעכט־לעבן. די עלטערע צװישן אײַך האָבן דאָס שױן געפילט? לכתּחילה שטײט אין דעם מיטלפּונקט פון דענקען און פילן די געשלעכט־איבערלעבונג. און שפּעטער? און אַחוץ דעם?

— די פּאָליטיק.

— יאָ, דער מענטש מוז זיך פונאַנדערקלײַבן אין די צו־שטאַנדן פון דער געזעלשאַפט און ער מוז זיך דערשלאָגן צו אַן אײגענעם קוק. דאָס איז אָפּהענגיק פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. װעגן דעם ענין „געזעלשאַפטלעכע לאַגע" האָבן מיר שױן געשמועסט.

— יאָ, מיר געדענקען.

— און מיר האָבן די גאַנצע צײט פון אַ געװיסן שטאַנד־פּונקט באַטראַכט אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמס. מיר האָבן זיך געשטיצט אַף דער לערע, װאָס האָט אַן אומגעהײַער־גרױסן באַ־טײַט פאַר דער פּאָליטיק פון דער אַרבעטערשאַפט. די לערע זאָגט אונדז אָבער, אַז די מײנונגען און די טענדענצן פון מענטשן זײַנען אָפּהענגיק אין דער ערשטער רײ פון זײער געזעלשאַפטלע־כער לאַגע. די דאָזיקע לערע שטאַמט פון קאַרל מאַרקס, װאָס זײַן נאָמען האָט איר זיכער שױן געהערט. מיר האָבן גע־מאַכט אַ רײ אַרױספירן װאָס שטימען מיט קאַרל מאַרקס' לערע. און אונדזער אײגענע געזעלשאַפטלעכע לאַגע װערט באַשטימט...

— דורך דער פּראָפּעסיע.

— אמת. און דאָס איז דאָס ערגסטע, אַז אַ סך יונגע מענטשן, צו אכצן און צו ניינצן יאָר, געפינען שוין אַרויס, אַז זייער באַשעפטיגונג, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן ס׳רוב צו פערצן יאָר, אָדער בעסער געזאָגט — וואָס די עלטערן האָבן פאַר זיי אויסגעקליבן — אַז צו זייער באַשעפטיגונג האָבן זיי ניט קיין אינעווייניקסטן באַרוף. דער באַרוף וואָלט זיי טרייבן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. עס קומט אויס יעמאָלט זיך איבערצובויען, אָפּט זיך איבערצוברעכן, צו קעמפן — אַמאָל אפילו שווער צו קעמפן! — און ווי קען מען דאָס אַלצדינג דורכפירן, ווען מען האָט שוין זיך פאַרבונדן מיט אַ צווייטן מענטשן? און סתם לייבטזיניקע בינדונגען פון היינט אַף מאָרגן — אַזוינע פאַרבינדונגען ווילן מיר דאָך אויסמיידן. בכן: ווי איר רופט עס אָן פּאָליטיק, אַ פּראָפּעסיע וואָס דרינגט אַרויס פון אייגענעם באַרוף — און וואָס נאָך געהער זיך נאָך אָן צום שאַפן זיך אַ וועלטבאַנעם?

— אַ וועלטבאַנעם? מיינסטו אפשר די רעליגיע?

— געוויס. וואָס ענטפערסטו אזוי אומזיכער? הגם מיר זאָגן, אַז די קירך איז אַן אינסטרומענט פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, האָבן מיר נאָך גאָרניט געזאָגט מיט דעם שלעכטס וועגן דער רעליגיע. און אָן דעם פונאַנדערקלייבן זיך אין פראַגעס פון רעליגיע קענען מיר ניט קומען צו דער מדרגה — אָפּגעשלאָסענע, פּאַרטיקע פּערזענלעכקייט. ווען מיר האָבן אַ פעסטע און א ליבע פּראָפּעסיע, ווען מיר האָבן שכלדיק און ערנסט איינגענומען אַן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, ווען מיר האָבן געפונען א פאַרענטפער פאַר זיך אַף עיקרדיקע פראַגעס פון וועלטבאַנעם און רעליגיע — יעמאָלט קענען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן אונדזער לעבן אויסגעפורעמט, געמאָסטן און געוויגן נאָך אונדזער גייסט נאָך, אַז מיר האָבן אונדזער לעבן איינגעשטעלט אַף אַ לענגערער צייט. יעמאָלט זיינען מיר „געזעצטע“ — ביז די קרומע ליניע פון לעבן נעמט זיך נייגן, נעמט פאַלן, ביז עס קומען ווידער איבערגאַנג־יאָרן, וואָס קינדיקן

אָן, אַז די געשלעכט־קראַפט זינקט, אַז די עלטער נעענטערט זיך. אָבער ביז דעמאָלט, ביז פינף־און־פערציק, ביז פופציק יאָר איז אונדזער לעבן איינגעשטעלט, אונדזער שטעלונג איז באַשטימט און אונדזערע אופטוען זיינען אָנגעמערקט אין זייערע אַלגעמיינע שטריכן. אָבער ביז צום צוויי־און־צוואַנציקסטן אָדער אַפילו ביזן פינף־און־צוואַנציקסטן יאָר פון אונדזער לעבן האַלטן מיר נאָך אין זיך־ציטיקן. ביז יעמאָלט איז אַפילו דאָס וואַקסן פון אונדזער קערפּער נאָך ניט פאַרענדיקט. און אין דעם צענדלינג, צווישן צוואַנציק און דרייסיק יאָר, זאָל דער מענטש זוכן די בינדונג, וואָס זאָל באַשטימען זיין לעבן, פריער אָבער זאָל ער זיך האַלטן פריי.

און ווען ס׳איז דאָ די סכנה, אַז די ליידנשאַפט וועט איבערקאָכן, לאָמיר אַ קלער טאָן וועגן דעם, אַז מיר ווילן ניט טייטן די מענטשלעכע תאוות ווי קריסטלעכע מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, אונדזער אופגאַבע איז — צו באַהערשן אונדזערע תאוות מיט דער קראַפט פון אונדזער ווילן. דאָס דערציען און פאַרשטאַרקן דעם ווילן איז נייטיק, גראָד ווייל מיר רייסן אַרונטער די פייגנבלעטער פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און ווייל מיר פאָדערן פאַר זיך פרייערע פאַרמען פאַר פאַרקער.

איז אחרון אחרון חביב — צום סוף זאָלן אייך פאַרבלייבן ווי אַן אָנווייז די רייד, וואָס מען גיט איבער אין נאָמען פון דעם כינעזישן חכם און מלוכה־מאַן קונגפוצע (קאָנפוציוס):

דער רבי האָט געזאָגט:
„איך האָב נאָך ניט געזען אַ מענטשן מיט אַ
באמת שטאַרקן כאַראַקטער".
עמעצער האָט איינגעווענדט: „שען־טשאַנג".
דער רבי האָט געזאָגט:
„טשאַנג האָט דאָך מענטשלעכע תאוות! איז ווי
קען ער שטאַרק זיין?"

צוגאבן.

I.

די ערזיהונגס פראבלעם אין דער בירגערליכער יוגנטבאוועגונג*).

די היינטיקע יוגנטבאַוועגונג אין דײַטשלאַנד איז אזוי ניט איינהייטלעך, איז אזוי צעשפּליטערט און גרופּעס און גרופּקעלעך, אַז קיין איינער, וואָס שטייט ניט אין מיטן פון אירע קאַמפן, קען ניט האָבן קיין ברייטערן איבערבליק איבער איר. ווען איך זאָג „יוגנטבאַוועגונג", האָב איך אין זינען יענע פאַרבאַנדן, וואָס זיינען ארויסגעוואַקסן פון דער יוגנט גופא, פון אירע רייען, פון אירע אייגענע באַדערפענישן, אָבער ניט יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערוואַקסענע מאַכן פאַר דער יוגנט מיט בלערליי זייטיקע „גוטע כוונות": רעליגיעזע, פּאָליטישע אָדער אַנדערע. איך פאַרשטיי דאָ דאָס וואָרט „יוגנטבאַוועגונג" אזוי ענג, ניט דערפאַר ווייל די ערזיהונגס פראָבלעם שפּילט ניט קיין ראָלע אין די גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערוואַקסענע בויען אויס פאַר דער יוגנט, נאָר מחמת דעם, וואָס אין זייער ריינעם און בולטער געשטאַלט אַנטפּלעקן זיך די דערשיינונגען, וואָס איך האָב דאָ בדעה זיי קורץ צו באַטראַכטן, נאָר אין דער עכטער באַוועגונג פון דער יוגנט גופא. נאָר דאָרטן געפינען מיר א געמיינשאַפט־לעבן, וואָס מיר דאַרפן עס באַוואַר־טיקן, און נאָר דאָרטן שטעלט די יוגנט אַף זיך אַליין און ווערט ניט באַווירקט מצד אויסנווייניקסטע בינדונגען. פאַרקערט, זי פירט פּאַקטיש אַ קאַמף קעגן די בלערליי בינדונגען, קעגן טראַדיציעס,

*) אַן אַרטיקל, אָנגעשריבן אין 1916־טן יאָר.

קעגן דער אַלטער שול, און — צום גרעסטן באַדויערן מוז מען איינזען דעם פאַקט — קעגן דער אייגענער היים.

אין דער היינטיקער פרייער יוגנטבאַוועגונג פון דייטשלאַנד האָבן מיר אין אַלגעמיין צוויי הויפּטשטרעמונגען: די ראָמאַנטישע און די קריטישע. די ראָמאַנטישע ריכטונג דאָס איז פריער פון אַלץ דער וואַנדערפויגל. די יוגנט פאַרנעמט זיך דאָרטן נים מיט שטודירן, מיט דערקענען א וועלט, נאָר זי זעט פריי און פראַנק צו לעבן, זוכט אינסטינקטיוו נייע פרייערע פאָרמען, פרוווט אויספורעמען פאַר זיך א נייעם לעבנסטיל, וויל איינפלאַנצן לעבנספרייד, מוטיקייט, נאָענטקייט צו דער נאַטור. אזוי אַז די אַלע פראַגעס, וואָס דריקן ווי א משא, וואָס פאַרשאַפן קאָפּווייטאָג און עגמת־נפש, — די דאָזיקע פראַגעס זאָל מען נים דאַרפן דיסקוטירן, מען זאָל זיי גאָרנים באַמערקן. די צווייטע, די קריטישע ריכטונג האָט געהאַט איר צענטער אין דעם זשורנאַל „אָנהייב". די דאָזיקע יוגנט האָט פריער פון אַלץ זיך באַמיט פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דער דרויסנדיקער און אויך אין דער אינעווייניקסטער וועלט און אַף אַזאַ וועג קומען צום איבערפורעמען אונדזער לעבן. קלאָרקייט, זאַכלעכקייט, טיפער ערנסט און אופריכטיקייט — דאָס זיינען די יסודות פון אָט דער ריכטונג.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די ערנסטישע פראָבלעם איז שווערער און דריקנדיקער דווקא פאַר דער ראָמאַנטישער ריכטונג.

בעת מען גיים מיט דער שיטה פון דעם לעבנס זעלבפאַרשטענדלעכקייט, מוז אַנטשטיין אַ טראַגעדיע, ווי נאָר עס רייסן זיך אַריין אין דער געמיינשאַפט אזוינע פראַגעס, וואָס מען קען זיי נים אָפּפטרן בלויז מיט זעלבפאַרשטענדלעכקייט אליין. און טאָדנע איז עס, אַז די יוגנט, וואָס מיט אַלץ פאַרקערפערט זי דעם עכטן קעגנזאַץ צום פריערדיקן און געוועזענעם, איז אַוועק אַף אַלטע און אויסגעטראָטענע וועגן, בשעת זי האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט דער ערנטישער פראָבלעם, וואָס האָט אין דעם יוגנטלעכן לעבן אַזאַ אומגעהייערן באַטייט. אַף דעם געביט פון

ערטישן הערשט נאך היינט ביי דער יוגנט. פון וועלכער ריכ־טונג איר זאלט ניט נעמען, א גוואלדיקער מישמאש אין דער נשמה. עס איז צו פארשטיין, ווען א יוגנט, וואס וויל לעבן נשמהדיק־ריין, וואס וויל פארבלייבן קעגנזייטיק אין גאנצן אפנ־הארציק, האט מורא א סך צו ריידן וועגן יענע זאכן, וואס באַרירן די טיפסטע טיף פון דעם מענטשן. דאס איז ניט ווייל מען פילט יענע פענטעס, וואס דער עלטערער דור האט דא פארדרייט, נאר ווייל די מורא און די שעמעוודיקייט קוואלן ארויס פון דעם אומבאשטימטן געפיל: מיט הייליקע אמתן שטעלט מען זיך ניט אוועק אין מיטן מארק.

דער וואס קען כאטש א ביסל די פארהעלטענישן אין די איצטיקע יוגנטפארבאנדן, וועט ניט ניט דערזען, אז דא האבן זיך איינגעשטעלט אזוינע באציונגען צווישן די געשלעכטער, וואס מיט דרייסיק יאר צוריק וואלט מען עס סתם געהאלטן פאר א חלום. מעגן טעמפע אין אומוויסנדיקע מענטשן דא געפינען אן ארט פאר פיקאנטע השערות און וויצן, זיינען אבער דאך מעשים בכל יום. איז עס אלטעגלעך און געוויינטלעך געוואָרן, אז גרופעס יינגלעך מיט מיידלעך וואנדערן צוזאמען דורך פעלדער און וועלדער, באקוקן צוזאמען די שיינקייטן פון פארגאנגענע טעג, זינגען צוזאמען זייערע לידער אף זייערע שותפותע רו־ערטער אין די אוונטן ארבעטן צוזאמען—הכלל זיי לעבן צוזאמען. און דאס דאזיקע צוזאמענלעבן צייטיקט אזוינע ווערטן, וואס בייטן ביז גאר די אמאליקע טראדיציעס און זיינען גובר יענע צייטן, וואס האבן דאס צונויפטרעפן זיך פון פארשיידענע גע־שלעכטער באגרענעצט מיט אזוינע נארישע און אומקלאר־אפגערי־בענע פארמען, ווי מען קען זיי נאך איצט געפינען אין די „באקאנטשאפטן” פון אפיציעלע אוונטן און טאנץ־שעהן.

און דאך, ניט געקוקט אף די פרייקייטן, וואס די יוגנט האט זיך גענומען, איז זי אין דעם אונטערבאוווסט געבונדן און פארפענטעט, ווען עראטיק טרעט אריין אין איר לעבן. מען וואלט איינגטלעך געקענט מיינען, אז דאס שיינע און קלארע צוזאמענזיין

פון יינגלעך און מיידלעך פון די קינדעריאָרן אָן דאַרף אויך דעם פונקט מאַכן ליכטיק און זעלבפאַרשטענדלעך, פריי און ניי ווי דאָס איז ביי זיי אין הונדערטער אַנדערע פאַלן. אויב אַלץ זאָל זיין זעלבפאַרשטענדלעך, אויב מיט פרייד אָננעמען דאָס לעבן — דאַרף אייגנטלעך אַרויסוואַקסן אַ מין אימפעט פאַר יוגנטלעכער הייליקער ליבע.

דערווייל איז עס נישט אַזוי. אַ לאַנגע צייט האָט מען בכלל פאַרשוויגן די געשלעכטלעכע פּראָבלעם אין דער יוגנטבאַוועגונג. זי איז כּלומרשט ניט געווען. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז די פּראָבלעם ברייט און חייט אופגעשווומען אַדאַנק *האַנס בליערס* ביכער איבער דעם „וואַנדערפויגל“. אָט דער מאַן, וואָס קומט אַליין אַרויס פון דער יוגנטבאַוועגונג, האָט פאַרשטאַנען טיף אויסצופאָרשן די השפּעה פון דעם געשלעכטלעכן עלעמענט אַף דער יוגנטבאַוועגונג. נאָר בליער איז געקומען צו דעם אַרויספיר, אַז דער וויכטיקסטער טרייב־כּוח, וואָס האָט געבראַכט צו דער באַוועגונג פון וואַנדערפויגל איז *אינווערסיע*, דאָס הייסט דער „פאַרקערט“ פון דעם נאָרמאַלן געשלעכטלעכן טרייב, די ליבע־בינדונג צום מענטשן פון אייגענעם מין. דעריבער קומט ער צו דעם געדאַנק, אַז אופנעמען מיידלעך אין די זעלביקע קרייזלעך, ווו עס זיינען פאַראייניקט די יינגלעך, הייסט פעלשן אין דעם אמתן כאַראַקטער פון די יוגנטגרופּעס. אַזאַ מין צוגאַנג איז רעכן איך באַשטימט איינזייטיק און טעותדיק, כאָטש איך בין, פאַרשטייט זיך, ווייט פון יעדער כּוונה צו באַשטרייטן דעם גרויסן באַטייט פון דער אינווערסיע פאַר דעם וואַנדערפויגל. אָבער ווען מען וויל אַפּן סמך פון דעם *אין* פּרינציפּ דערקלערן די אינעווייניקסטע באַדינגען ביים קלייבן די פירער און ביים צונויפשטעלן גרופּעס, איז אַזאַ מין איינזייטיקייט פאַלש.

אין די קרייזן פון וואַנדערפויגל האָט מען מיט גרויס פאַרלעגן אופגענומען בליערס ביכער. די געזעלשאַפט איז שטענדיק אומפאַראַנטוואָרטלעך און האָט ניט קיין ברעקל פאַרשטענדעניש, ווען מען באַרירט די פּראָבלעם פון אינווערסיע. „האָמאָסעק־

סואַלישקייט" (גלייכגעשלעכטקייט) איז דאָך אַ שרעקלעך וואָרט. און דאָ שטעמפּלט מען אָפּ אזוי דעם וויכטיקסטן טרייב-כוח פון דער גאַנצער באַוועגונג. דאָך האָט מען גענומען קלערן וועגן אָפּטיילן יינגלעך און מיידלעך אין באַזונדערע גרופּעס. אמת דערביי האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין "וואַנדערפויגל" ניט נאָר געשלעכטלעכע, נאָר אויך ריין אָרגאַניזאַטאָרישע טעמים. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די יוגנט, וואָס האָט אַזוי מוטיק און פריי אַריינגעמאַרשירט אין דעם נייעם לעבן אַריין; וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אזוי פיל האָפענונגען, אז אונדזערע אומדערטרעגלעכע עפנטלעכע צושטאַנדן וועלן גענעזן ווערן!—אז די דאָזיקע יוגנט האָט ניט אין זיך קיין כוח ביישטיין די פּראָבלעם פון עראָטיק.

נאָר אַ קליינער טייל פון דער פריער דערמאָנטער קריטישער ריכטונג, בפרט דער לייענער-קרייז פון זשורנאַל "אָנהייב", האָט זיך זיכער און ערנסט פאַרנומען מיט דער פראַגע — פאַרהעלטענישן צווישן די געשלעכטער און באַציונג פון דער יוגנט צו עראָטיק. אָבער ביי דער מערהייט יוגנטלעכע האָט דאָס זיך אָנגעשטויסן אַף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. מען האָט ניט געוואָלט זען דאָס, וואָס עס איז אָפן און קלאָר, דאָס וואָס האָט געמוזט זיך ארויסווייזן דווקא, ווייל די יוגנטבאַוועגונג האָט פאַרמערט די שפּע געזונט פון גוף און נשמה. און פאַרוואָס האָט מען ניט געוואָלט זען? ווייל אין דעם אונטערבאַוווסט הערשט נאָך די געזעלשאַפטלעכע ליגנערישקייט פון 19-טן יאָרהונדערט. אַזאַ מין באַציונג צו עראָטיק פירט צו אַ ווידעראַנאַנד, וואָס פאַרשאַפט אזוי פיל ליידן, אזוי פיל אומנוציקע אויסבּרענגעריי פון דער נשמה-ענערגיע. אין זיין פּערזענלעכן לעבן פילט יעדער יוגנטלעכער די נויטווענדיקייט איינצוזען, אַז ער איז אַ מענטש פון פלייש און בלוט, אַ בשר ודם. אָבער ווען ער רעכנט זיך מיט דער באַוועגונג. . . ! אַזוי אַרום האָט די יוגנט גענומען זיך אָפּנאַרן, זיך אַליין פאַרבלענדן. (אמת די דאָזיקע פאַרפירעניש צעגייט זיך שוין ביסלעכווייז). מען האָט זיך איינגעשמועסט, אז מען מוז פאַרדעקן מיט עפּעס, ווען אין דער נשמה

צעגליט זיך דאס ליידנשאַפטלעכע. מיט די פּאַרעוווע ווערטער „חברשאַפט" און „פריינטשאַפט" האָט מען אין אַנגסטן זיך אַרומגעהאָלפן כּדי אויסצומיידן דאָס טרייפע וואָרט „ליבע". דער ווילדער חשק צו פאַרשטופן, פאַרפרעסן דאָס נאַטירלעכע איז אַזוי אויסטערליש און אַזוי פאַרשפּרייט, אַז איך וויל דא ברענגען א ריי ראיות פון בריוו, כּדי אופצוקלערן ווי אַזוי ער ווייזט זיך ארויס.

נאָך אמאל: עס רעדט זיך דאָ פון זעכצן-ביז אַכצן-יאָריקע מענטשן, ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס דאָס גאָרע נשמהדיקע לעבן זייערס איז פול מיט דער געמיינשאַפט פון זייער יוגנטגרופּע. צווישן באַזונדערע מענטשן גיבן אַ שפּראָץ אַזוינע ענגערע פּערזענלעכע בינדונגען, וואָס — צי מען וויל צי מען וויל ניט — מוזן זיי אריין אין דעם באַוווסט. איינער פון די ייִנגלעך, למשל, פילט אַ מין פוסטקייט אין דער נשמה און ווענדט זיך אין אַ בריוו צו איינער פון די מיידלעך. דאָס מיידל — עריקאַ זאָל זי הייסן — ענטפערט:

„ליבער פריץ, דו האָסט מיר ניט לאַנג געזאָגט, איך זאָל דיר העלפן, דאָס זעלביקע אָבער בעט ביי מיר ראָבערט. דאָס אייגענע פאַרלאַנגט פון מיר קעטע.*) אייך דרייען קען איך ניט העלפן, כאָטש איך וויל דאָס זייער שטאַרק. האָב איך ביי זיך אָנגענומען דעם באַשלוס צו העלפן ראָבערטן, ווייל ער איז מיר נענטער. פאַרשטייט זיך, אַז אויב איך קען דיר העלפן און ניט זיין דערביי דיין פריינט — וואָלט איך עס טאָן פון גאַנצן האַרצן. איך האַלט, אַז דו ביסט איינער פון די פיינסטע מענטשן, וואָס איך קען. אָבער מער ווי א גוטער חבר קענסטו מיר ניט זיין; איר רעכן, אַז דו פאַרשטייסט מיך"...

אין אַ געוויסער צייט ארום האָט אויך ראָבערט געשריבן:

„ליבער פריץ. היינט איז עריקאַ געקומען און ווייל זי איז מיין פריינדין, באַשמועסט זי אַלץ מיט מיר"......

*) אַ מיידל-נאָמען.

און דער זעלביקער ראָבערט האָט אַזוי אַרויסגעבראַכט אין אַ ליד זײַנע שטאַמלענדיקע ווערטער:

ווען איך וואָלט זען דיך געקאָנט,
ווען איך וואָלט קושן דיך געקאָנט,
אַ גליק וואָלט דאָס געווען.
איך וואָלט שוין מער דאָך קראַנק ניט זײַן,
און באַלד דאָס האַרץ און לעבן מײַן
געוואָרן וואָלט געזונט.

די חושים זײַנען דאָ צוגעשפּיצט, דאָס געפיל — פלאַם־פייער, און קיין איינער פון די אַלע יונגע מענטשן דערוועגט זיך ניט צו קומען צום צווייטן און מיט קלאָרע און אָפענע ווערטער צו זאָגן, אַז זיין „פרײַנטשאַפט" האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין אַ ליבע, און דערבײַ האַמערט עס אין דער טיף פון דער נשמה: „זאָג עס, זאָג עס! עס איז דאָך אַזוי שיין, און אַזוי ריין. צי מעגסטו אָבער דאָס זאָגן? קענסטו נעמען אַף זיך די אחריות? און פאַר די איבעריקע פרײַנט? און פון דער גרופּע וועגן?" אַזוי קומט אום די זיכערקייט אין זיך בײַ אָט די מענטשן, ווען עס דרינגט אַרײַן אין זייער לעבן דאָס טײַערע און אומקלאָרע, וואָס ווען זיי דערקענען עס נאָר, וואָלט עס זיי מזכּה זײַן מיט אַ שפע נשמהדיקן וואַקסן. דאָ זײַנען אָבער גובר די אַלע באַשטרע־בונגען צו דערשטיקן, צו פאַרבאַהאַלטן, וואָס מיר האָבן עס אײַ־בערגענומען בירושה און וואָס האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט אַפילו נאָך אין אונדזער דור.

איך קען געגנוג אַזעלכע מענטשן, וואָס ווען זיי האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם ברען פון זייער איבערלעבונג — האָבן זייערע חברים געגומען קוקן קרום אַף זיי. און אויך דאָ, צווישן אָט דער יוגנט, שושקעט מען זיך, ווען אַ יינגל מיט אַ מיידל גייען האַנט בײַ האַנט אין דעם מאַי־טאָג. אויך דאָ שוש־קעט מען זיך, ווען מען הערט קלינגען אין דער לופט אַן אַלט און היים ליד פון ליבע, אויך דאָ שושקעט מען זיך, ווען אַ צאַר־

טער בליק רייסט זיך אַרויס קעגן ווילן און ווערט אונטערוועגנס אופגעכאַפּט פון אַ זייטיקן. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער חברים־קרייז געוויזן דעם וועג אַ ליכטיקן פריידיקן יינגל: באַנאַכט אַף אַן ארויספאָר האָט ער אַן אופגערעגטער אַ קוש געטאָן אַ מיידל און אַף מאָרגן איז ער צו צו איר מיט גרויסע לייכטנדיקע אויגן און אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט אין כעס אף מיר? דאָס מעג מען דאָך!“ דאָס איז אַ הייליק און ערנסט לעבן פון מענטשן, וואָס אַזאַ מין באַגיין־זיך מצד „חברים“ קען זיי צעברעכן.

די טראַדיציאַנעלע מאָראַל זיצט נאָך טיף אין אונדזערע ביינער און נאָך טיף אין מוח איז פאַרוואָרצלט, אַז אַל דאָס קערפערלעכע, דאָס גשמיותדיקע איז ביין און נאָר דער „ריינער גייסט“ גיט צו אַ זינען דעם לעבן.

און אַ פאַרעלטערט מאָראַלגעפיל ווייט מיט דעם דערשראָקענעם ציטערן פון אַ מיידל, וואָס איז זיך מתוודה פאַר מיר אין אַ שטילער שעה: „ער האָט מיך — געקושט! אין מיינע אויגן זע איך איצט אויס עפּעס ווי אַן אַראָפּגעווישטע, ווי דאָס שענסטע וואָלט שוין זיין פאַרביי!“ איז אין דעם פאַראַן דער ווילן צום לעבן? דער ווילן צו פראַכט און גלאַנץ פון דעם לעבן? פון דעם לעבן, וואָס אַפילו אין די טיפסטע ווייטאָגן זיינע (קיינער קען זיך ניט אויסהיטן פון זיי!) פינקלען אוצרות, אוצרות. דער אמתער פירער פון דער יוגנט מוז די אוצרות באַלייכטן. דער עכטער, דער געטרייער דערציער מוז העלפן — עס זאָל ליכטיק ווערן אַף די וועגן צו די טויערן פון לעבן! מיט פריידגעשרייען, מיט הללויה'ס זאָל מען אָננעמען די הייליקייט פון עראָס. נאָר אין ב אַ י אָ ע ן דאָס לעבן מיט אַלע, אַ ל ע זיינע דערשיינונגען קען מען געפינען די דערלייזונג. און ס'איז טאַקע כדאַי צו לעבן, און עס מאַכט דאָס לעבן ווערטיק — די ליידנשאַפט, מיט וועלכער מיר קענען דאָס לעבן אַדורכלעבן, די שטאַרקייט פון געפיל מיט וועלכן מיר געניסן פון לעבן. איך ווייס, מען וועט מיך פאַלש פאַרשטיין. מען וועט אפשר ארויספשטלען, אַז דאָס שרייט אַ צעווילדעוועטער בעל־תאווה, אַז דאָס רופט אויס אַ דעגענערירטער, וואָס וויל „לעבן אַ טאָג“. נאַראָנים, וואָס איר זייט

און וואָס איר ווייסט אַזוי ווייניק פון דעם, וואָס קומט פאָר אין דער היינטיקער יוגנטן ווער עס שפירט נאָר די דערהויבענע מיגלעכקייטן, וואס רוען דערוויי׳ל אומגערירט, דער דאַרף נאָר ווינטשן, אַז אויך פון דער ערָאָטיק זאָל מען אראָפּנעמען דעם חרם, וואָס האָט זיך אריבערגעגנבעט צו אונדז פון פאַר־גאַנגענע צייטן. דאס לעבן זאָל געלעבט ווערן אָט ווי דאָס איז, אין גאַנצן, אָן איבערייסן, מיט הייכן און טיפן. און דער פּיקח (ווי אַ סטעפּאַן געאָרג אין אָט דעם ליד) קען נאָר שמייכלען, ווען ער זעט פאַר זיך אָן עדה, אָן אַנגסטיקע, וואָס האָט מורא זיך צוצורירן צו די אוצרות פון אייגענעם זיין:

אַלץ פאַרמאָגן זיי אין ווייסן — זיפצן זיי:
קאַרג דאָס לעבן! נויט און הונגער אומעטום.
שפּע פעלט!
שפּייכלערס הויכע איבער יעדן הויז,
פול מיט קאָרן, אָנגעהויפנט בערג —
קיינער נעמט.
קעלערס קאַלטע אונטער יעדן הויז,
און אין זאַמד פאַרזינקט דער איידלוויין —
קיינער טרינקט.
גלאַנציק גינגאָלד וואַלגערט זיך אין שטויב,
פאָלק און שמאַטעס שאַרט עס מיטן זוים —
קיינער זעט.

II.

וועגן שטערונגען פון נארמאלן געשלעכטטרייב.

איך נעם אריין אין מיין בוך אַט דעם קאַפּיטל דערפאַר, ווייל בשעתן שמועסן איבער סעקסועלע פּראָבלעמען האָט מען מיר ניט איין מאָל געשטעלט אַזוינע פראגעס: וואָס איז דאס האָמעסעקסואַלישקייט? וואָס הייסט סאַדיזם, מאַזאָכיזם?

דעם נאָרמאַלן געשלעכטלעכן טרייב, וואָס ציט צו אַנאַנד מענטשן פון פאַרשיידענעם געשלעכט, רופט די וויסנשאַפט אָן מיטן נאָמען העטעראָסעקסועל. דאָס איז א גריכיש=לאַטיינישע וואָרט און זיין גענויער טייטש איז „אַנדערש געשלעכטלעך”. און לגבי אָט דעם באַצייכנט מען אַזאַ טרייב=כוח, וואָס איז געווענדט צו דעם גלייכן געשלעכט מיט דעם אויסדרוק האָמאָסעקסועל (האָמאָס איז אף גריכיש דער זעלביקער). דער האָמאָסעקסועלער זוכט און געפינט זיין געשלעכטלעכע באַפרידיגונג אין אַ גייסטיקער און קערפּערלעכער געמיינשאַפט מיט אַ מענטשן פון זיין אייגענעם מין. ביי אַלע שטערונגען פון נאָרמאַלן געשלעכטטרייב שווימט אַרויף אַ האַרבע שאלה, צי מען זאָל אָט די מענטשן, וואָס נעמען אוף און פילן דורך דאָס געשלעכטלעכע אַנדערש ווי די מערהייט, צי מען זאָל אָט די מענטשן האַלטן פאר „קראַנקע”. די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז זיי גופא ס׳רוב פילן זיך ניט קראנק, ווייל מען טיפער אויספאָרשן פאַרשיידענע אָפּווייכונגען פון דעם נאָרמאַלן געשלעכטטרייב, מוז מען איינזען, אַז אין תוך געפינט מען אַן אָנדייט, אַ מין שפּראָץ פון יעדער אָפּנייגונג און פון יעדער קראנקייט אַף דעם געביט אפילו ביי דעם אַזוי=גערופענעם נאָרמאַלן מענטשן. בכלל דאַרף מען געדיינקען, אז אפילו אַזוינע באַציונגען צווישן מענטשן וואָס די באַטרעפנדיקע גופא זעען אין זיי ניט איין קיין שפּרענקעלע אויסגעשפּרא=

כענע געשלעכטלעכע באַפּאַרבונג, אַפילו אַזוינע באַציונגען ווערן נאָר מיגלעך ווי א פועל־יוצא פון דער אַזוי־ אָדער אנדערש־גע־ שלעכטלעכקייט און ווי א רעזולטאַט פון דעם געפיל־לעבן פון אָט די מענטשן, וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער געשלעכטלעכקייט. פאָרשט מען די פאַרהעלטעניש פון געהאָרכן, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אַ פירער אין אַ יוגנטבאַנדע און זיין סוויטע אָדער די חלומות־פולע און פאַנאַטיש־הייסע פריינטשאַפט צווישן מיידלעך ערב פובערטעט, קען מען ניט ניט איינגעפינען, אַז די דאָזיקע פאַרהעלטענישן און פריינטשאַפטן זיינען פאַרבונדן מיט דעם זיך אופכאַפנדיקן געשלעכט־לעבן. מען געפינט דאָ געפילן און טרייב־כוחות אין דער גלייכגעשלעכטלעכער ריכטונג. דערי־ בער מוז מען אָננעמען, אַז איידער עס וואַקסט אויף אין דעם מענטשן דער נאָרמאַלער געשלעכטלעכער טרייב, מאַכט ער דורך א מין פאָר־תקופה פון גלייכגעשלעכטלעכקייט. לעבט ער דורך אַ „האָמאָסעקסועלע פאַזע*)” די דאָזיקע פאַזע אין דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג מאַכט מיגלעך נאָכצופאָרשן די אייגנ־ אַרט פון האָמאָסעקסועלן פילן אָפן סמך פון איבערלעבונגען ביי נאָרמאַלע מענטשן. ביים האָמאָסעקסועלן ווערט די צייטווייליקע גלייכגעשלעכטלעכע נטיה אַ געדויערזאַך, ער בלייבט פאַרגליווערט אין איין תקופה פון דער געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי ביי דעם האָמאָסעקסואַליסט — דאָס קענען מיר דאָ ניט באַטראַכטן. אין עצם האָט מען דאָ צו טאָן מיט א לכתחילהדיקער איינגעבאָרענער נטיה צו אָט דעם אָפּנייג.

דער באַגרענעצטער דורכשניטמענטש פון דער איצטיקער געזעלשאַפט איז אָדער ער שפּאָט אָפּ אָדער ער פאַרהרמט יעדן איינציקן, וואָס איז ניט פונקט אַזוי ווי ער. איז שוין במילא קלאָר, ווי די היינטיקע געזעלשאַפט באַציט זיך צו אירע מיטמענטשן, וואָס האָבן א האָמאָסעקסועלע נטיה. מען באַטראַכט עס ווי אַ שרעקלעך־מיאוסע זאַך, נאָכמער — ווי אַ פאַרברעך. עס גילט נאָך אין דייטשלאַנד דער עכט־מיטלעלטערלעכער געזעץ, וואָס

*)פאַזע הייסט א תקופה אין דעם אנטוויקלען־זיך אדער אין בייטן זיך בכלל.

באַשטראָפֿט מיט טורמע פֿאַר באַציִונגען צווישן צוויי פּערזאָנען
פֿון מענלעכן געשלעכט. מען קען אויך דערפֿאַר פֿאַרלירן א ריי
רעכט. אַזאַ מין געזעץ איז באַשיימפּערלעך ווילד: 1) ער איז ניט
קאָנסעקווענט, ווייל ער באַשטראָפֿט נאָר מענער פֿאַר גלייכגע=
שלעכטלעכע באַציִונגען, כאָטש ער זעט אייגנטלעך אין יעדער
גלייכגעשלעכטלעכקייט אַ פֿאַרברעך; 2) ער איז עכט באַרבאַריש,
ווייל ער גייט קאָנטראָלירן דאָס טיף=פּערזענלעכע לעבן פֿון יחידים,
ווייל ער עפֿנט טיר און טויער פֿאַר כלערליי מסירות און רכילות,
פֿאַר שאַנטאַזש און אויסנאַרעריי. אַזאַ מין געזעץ איז א בזיון
פֿאַר א פֿאָלק, וואָס וויל זיך האַלטן פֿאַר א קולטורפֿאָלק.**)
סימנים פֿון אַנדערע אָפּווייכונגען בנוגע דעם נאָרמאלן
געשלעכטטרייב געפֿינט מען אויך ביים געשלעכטלעך=נאָרמאַלן,
פּונקט ווי מען געפֿינט ביי אים א קאָנט פֿון האָמאָסעקסועליש=
קייט. ביי אַ סך מענטשן איז אַ טייל געשלעכטלעכן פֿילן אַף א
געווייסן אופֿן צונויפֿגעבונדן מיט פֿילן ווייטאג. דער דאָזיקער צו=
זאַמענהאַנג קען זיין אַזאַ, אַז די געשלעכטלעכע תאווה און דאָס
געגלוסט זאָל ווערן שטאַרקער, אויב דאָס גייט האַנט ביי האַנט
מיטן דערשפּירן ווייטאגן. דאָס געפֿיל פֿון געשלעכטלעכן פֿאַרגע=
ניגן קען ביי אַנדערע דורך דעם פֿאַרשטאַרקט ווערן, וואָס זיי
פֿאַרשאַפֿן ווייטאָגן דעם צווייטן, זייער געשלעכט=פֿאַרטנער. ווי
שוין געזאָגט, קען מען געפֿינען אַ ניצוץ, א שפּראָץ פֿון אַזוינע
פֿאַרלאַנגען און רעגונגען ביי נאָרמאַלע מענטשן. עס קען אָבער
שטייגן די מיטשייכות צווישן ווייטאָג און געשלעכטטרייב, ביז עס
באַקומט זיך אַזוינס, וואָס מיר באַצייכענען עס ווי אומנאָרמאַל
אָדער קראַנק. ווען מיר האָבן פֿאַר זיך אַ קרענקלעך פֿאַרגרע=
סערטן באַגער צו פֿאַרשאַפֿן ווייטאָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט גע=
שלעכטלעכער אופֿרעגונג — רופֿן מיר דאָס אָן ס אַ ד י ז ם.
האָבן מיר צו טאָן מיט א קרענקלעכער נטיה זיך אַליין אנצוטאָן
ווייטאָגן ביי דער געשלעכטלעכער איבערלעבונג — ריידן מיר
יעמאָלט וועגן מ אַ ז אָ כ י ז ם. די נעמען פֿאַר אָט די אָפּווייכונ=

**) אין דייטשלאַנד האָט מען דעם געזעץ שוין אָפּגעשאַפֿט.
(איבערזעצער)

גען האט מען געגעבן נאָך צוויי באַזונדערש-בולטע פאָרשטייערס פון אָט די קרענקלעכע נטיות.

לסוף וועגן נאָך אַ אָפּווייכונג פון געשלעכטטרייב. די דאָזיקע אָפּווייכונג האָט אירע בולטע קערנער אין דעם נאָרמאַלן געשלעכטלעבן. ווען זי נעמט אָבער אָן קרענקלעך-פאַרגרעסערטע פאָרמען, באַקומען זיך די אויסטערלישסטע דערשיינונגען, וואָס קענען נאָר געמאָלט זיין אַפן געשלעכטלעכן געביט. ווער ווייס ניט פון דער נטיה צי פון דער געוווינהייט אופצוהיטן, צו האַלטן טייער, זיך צו טראָגן מיט עפּעס אַ זאַך, וואָס דער געליבטער מענטש האָט זיך באַנוצט מיט דעם? מען האַלט טייער, למשל אַ לאָק; מען היט אויף אַ טאַשנטיכל. די דאָזיקע זאַכן זיינען ווי סימבאָלן פאַר דעם געליבטן אָדער פאַר דער געליבטער. אָבער אַפילו אַזאַ אומשולדיקע נטיה קען ווערן קרענקלעך פאַרדרייט, און אין איר אומנאָרמאַלער פאָרם קען זי דערגיין אַזוי ווייט, אַז אַ שטיקל לאָק, אַ ליאַדע טאַשנטיכל אָדער גאָר אַ בענדל פאַר אַ זאָק, (אַ פאָדזווינקע) זאָל פאַרבייטן די געליבטע פערזאָן גופא, מיט אַנדערע ווערטער באַטייט עס, אַז דער מענטש, וואָס האָט אַזאַ נטיה, געפינט שוין זיין געשלעכטלעכע באַפרידיגונג, בעת ער באַזיצט די געהעריקע זאַך, בעת ער באַטראַכט זי, צאַצקעט זיך מיט איר. אַזוי אַרום באַדאַרף ער שוין מערניט דעם לעבעדיקן מענטשן, וואָס די זאַך האָט דאָס געדאַרפט דערמאָנען וועגן אים. די זאַך פאַרבייט דאָ דעם מענטשן. די דאָזיקע אָפּווייכונג קען דערגיין אַזוי ווייט, אַז זי רייסט זיך אָפּ בכלל פון עפּעס אַ באַשטימטן מענטשן, אַז זי האָט סוף-כל-סוף צו טאָן נאָר מיט זאַכן, וואָס די זאַכן גופא ווערן געליבט אַף דעם אָדער יענעם אופן. די דאָזיקע קראַנקע געשלעכטלעכע נטיה קען זיך פאַרבינדן מיט דער געוויינלעכער מענטשלעכער תשוקה צו קלייבן, צו זאַמלען, און ס'באַקומט זיך, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ נטיה געפינט זיין געשלעכטלעכע באַפרידיגונג אין צונויפשטעלן אַ קאָלעקציע, אַ זאַמלונג שיך, צי זאָקן-בענדלעך, צי טאַשנטיכער, צי גאָר צעפּ. האָט ווער פון אייך שוין געלייענט וועגן צעפּ-אָפּ-שניידערס?! אַזאַ שטערונג פון געשלעכטטרייב רופט מען אָן

ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ע ר   פ ע ט י ש י ז ם. א פעטיש איז אַ זאַך, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ סימבאָל פאַר עפּעס אַן אידיי און וואָס ווערט דורך דעם טייער, זייער ווערטיק, אַפילו הייליק און געטלעך. וועגן דעם באַטייט פון אַזוינע פעטישן וויסן מיר, בעת מיר באַקענען זיך מיטן רעליגיעזן לעבן פון די נאַטורפעלקער, וואָס זיי דינען צו אַ שטיין, צו אַ בוים, צו אַ וואַסערפאַל ווי צו אַ גאָט. ביי דעם געשלעכטלעכן פעטישיזם איז אַ שוך אָדער אַ צאָפּ דער במקום, דער פאַרבייט פאַר דעם געליבטן מענטשן. פעטישיסטן שטויסן זיך אָפּט צונויף גאַנץ פיינלעך מיט דער אַרומיקער וועלט. געטריבן פון זייער תאווה, קענען זיי אַמאָל פאַרלעצן זייטיקע מענטשן, למשל צעפּ-אָפּשניידער. מען קען זיי אַמאָל חושד זיין אין גניבות, למשל די טאַשנטיכלעך-יעגערס. ס'איז אויסערגעוויינלעך שווער אין אַזוינע פאַלן פעסטצושטעלן, אַף וויפיל אָט די מענטשן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים, אַף וויפיל זיי גופא האָבן זיך געקענט אָפּגעבן אַ דין וחשבון ביים ווערן לעסטיק אָדער געפערלעך לגבי אַנדערע. ביים משפּטן זיי מוז מען זיין גוואַלדיק פאָרזיכטיק.

אָפּט פלעגט מען מיך פרעגן, צי מען קען נאָך דעם אויסוויי ניקסטן אויסזען דערקענען מענטשן מיט סעקסועלע אָפּווייכונגען. אַפן סמך פון מיינע דערפאַרונגען וואָלט איך זאָגן, אַז יאָ. אין דעם גאַנצן אויסדרוק פון די מענטשן און אין זייער באַנעמען-זיך וועט דאָס געניטע אויג אויפכאַפּן אַזוינע שטריכן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אומנאָרמאַלקייטן אין געשלעכט-לעכקייטן און ס'רוב וועט דער קענער טרעפן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט מענטשן מיט די אָדער מיט יענע נייגונגען. האָמאָ-סעקסועלע דערקענען זיך אָפּט. ביי סאַדיסטן און ביי מאַזאָכיסטן איז עס אַפּנים אויך אַזוי. ביי פעטישיסטן ווידער שפּילט עס ניט קיין ראָלע, ווייל דאָ איז ניטאָ קיין געשלעכטפאַרהעלטעניש צווישן צוויי מענטשן, נאָר צווישן א מענטשן און אַ זאַך. ווי מען דער-קענט עס, איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער. אָבער אַזוי ווי עס זיינען דאָך פאַראַן געוויסע אויסווייניקסטע סימנים פאַר גע-שלעכטלעכע אָפּווייכונגען, זאָגט מען אָפּט, אַז די דאָזיקע אָפּווי-

בונגען זיינען שטענדיק אַ באַווייז, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט דעגענעראַציע. אמת, אין אַ סך פאַלן גייען האַנט ביי האַנט געשלעכטלעכע אומנאָרמאַלקייטן מיט אַנדערע קערפערלעכע און גייסטיקע אָפּווייכונגען, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיטן געשלעכטלעבן געביט. דאָס קען מען דאָך ניט אַוועקשטעלן ווי אַ כלל. די אונטערשטע שורה איז אַז ביים באַטראַכטן די אַלע פראַגעס פאָדערט זיך די גרעסטע צוריקגעהאַלטנקייט.

אין אַלע פאַלן דאַרפן מיר זיך באַמיען צו זיין טאָלעראַנט. גרויסמוטיק דאַרפן מיר דערלאָזן כלערליי פערזענלעכע אייגנאַרטיקייטן, און מיר זאָלן זיך דאָ אָפּלערנען פון די ענגלענדער. עס איז ממש צו באַוואונדערן, ווי די ענגלענדער, וואָס זייער שטייגער האָט אַזוינע פעסטע איינגעשטעלטע פאָרמען, גיבן דאָך יעדן יחיד דאָס רעכט אַריינצוטראָגן זיינע פערזענלעכע נאָטן אין לעבן.

III.

נאכווארט.

איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם קעגן דעם ‚דאָזיקן בוך מײנעם און קעגן מיר ווי אַ לערער אין דער־גאַנצונג־שולן. און ווען מען זאָל פרעגן, ווער איז דאָ אופגעבראַכט, וועט דער ענטפער דינען פאַרן בעסטן באַווייז, אַז איך האָב ווי א סאָציאַליסט געטאָן מײן חוב מיט דעם, וואָס איך האָב אָן מורא אופגעדעקט די צביעות פון דער הײנטיקער געזעלשאַפט אַף דעם סעקסועלן געביט און דאָס קינד אָנגערופן מיט זײן נאָמען. אופגעבראַכט זײנען געוואָרן די רעכטע, די רעאַקציאָנערע פאַרטײען.

אין פרייסישן לאַנדטאַג (סיים) האָט מען אין אַפּריל 1925 אָנגעפרעגט, צי די פרייסישע רעגירונג ווייס, אַז דער קרײז־דאָקטאָר פון בערלין מ. האָדאַן האָט געפירט אַ געשלעכטלעכע אופקלערונג בשותפות פאַר ייִנגלעך און מײדלעך און דערבײ פאַר־לעצט יעדן געפיל פון שעמעדיקײט, יעדע פאָרשטעלונג פון מאָ־ראַל, און צי ווייס זי, אַז דעם דאָזיקן מאַנס בוך „ייִנגל און מײדל", וואָס גײט קעגן פּעדאַגאָגיק און אָנשטענדיקײט, איז אַרײנגענומען אין די יוגנט־ביבליאָטעקן. וואָס זשע קלערט די רעגירונג צו טאָן, כּדי צו שיצן יוגנט און פאָלק פון אַזוינע שעדלעכע השפעות?

אַן אַנדער רעכטע פאַרטײ האָט אופגעהויבן דעם ענין אין בערלינער אַלײנפאַרוואַלטונג און אַף אַן ענלעכן אופן אָנגעפרעגט דעם בערלינער מאַגיסטראַט.

פון די דאָזיקע אָנפרעגן האָט זיך אויסגעלאָזט א טײך.

מען האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַנוגנט, און זינט אַפּריל 1925 איז מאָביליזירט די גאַנצע רעכטע פּרעסע, וואָס שטורמעוועט מיט זידלערייען און ליגנס.

ווער זשע שטעקט הינטער דער גאַנצער העצע? פאַרשטייט זיך, אַזוינע קרייזן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט ניט צו דערלאָזן אַז די פאַקטן און אידייען, וואָס האָבן געפונען אַן אָרט אין מיין בוך, זאָלן באַקאַנט ווערן דעם ברייטן עולם. ווי זשע שטערט מען דעם פאַרשפּרייטן אַ בוך? אַף צוויי אופנים: כיטרע און ס'רוב מיט דערפאָלג איז די סיסטעם *פאַרשווייגן*. אָט די פּאָליטיק ווענדט געוויינטלעך אָן די קליגסטע, ראַפינירטסטע און דעריבער אויך געפערלעכסטע מאַכט אין דער וועלט — די קאַטוילישע קירך. ווייניקער כיטרע איז איר קלענערע שוועסטער — די פּראָטעסטאַנטישע קירך. דעם גרויסן *ליאַרעם* האָט אופגעהויבן דער *פּראָטעסטאַנטישער עלטערנפאַרבאַנד*.

דאָרטן זיצן אַזוינע מענטשן, וואָס האַלטן, אַז מען מוז תּיכּף משלח זיין יעדן לערער, וואָס וועט האָבן די העזה צו באַרירן מיט שילער די געשלעכטפראַגעס; וואָס מיינען, אַז די העכסטע קלוגשאַפט פון דעם דערציער באַשטייט אין *ארומגייען* די דאָזיקע פראַגעס, ווי אַ קאַץ אַרום אַ הייסן ברייַ. אַף פאַרזאַמלונגען פון אָט דעם פאַראיין טרעטן נאָך אַרויס עלטערן, וואָס האַלטן, אַז אַ פּאָר געזונטע פּעטש אָדער אַ גראָבער פלאָקן זיינען די בעסטע רפואות, ווען יונגע הערצער רייסן זיך צו דעם וואָס האָט אַ שייכות צו ליבע. די לייט דאָרטן קענען ניט פאַרשטיין, אַז בעת מען מעג שטאָפּן די יוגנט-ביבליאָטעקן מיט שאָוויניסטישע העצע-ביכלעך, זאָל מען אויך דערלויבן אַריינגעמען חי אַ לייען-מאַטעריאַל אַ ביכל פון אַ פריידענקער. דאָך האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב זיך אויסצוטענהן מיט *יעדן* קעגנער. דערפאַר האָב איך געענטפערט דעם דאָזיקן פאַראיין אַף אַ רייַ פראַגעס, וואָס זיי האָבן מיר געשטעלט. די דאָזיקע פראַגעס באַרירן אַ רייַ „קראַנקע שטעלן". מיינע ענטפערס זיינען צום טייל אַ סך-הכּל פון דעם גאַנצן בוך און אין עטלעכע פונקטן אַ דער=

גאַנצונג. רעכן איך, אַז הן די פראַגעס, הן די ענטפערס קענען האָבן אַ ברייטערן אינטערעס און איך גיב זיי דאָ איבער. (כּדי אונטערצושיידן די פראַגעס פון מיינע ענטפערס זיינען די ערשטע געזעצט מיט אַ פעטערער שריפט).

1. איז אייך באקאנט, אז א סך חשובע דאקטוי־רים און סעקסואל־פעדאגאגן האלטן, אז אנאניזם איז אזא ליידנשאפט, וואס קען גרינג אריבער אין א גרויסן חטא און זיך פארבינדן מיט א קערפערלעכן מום?

די פראַגע איז צווייטייטיק. פון איין זייט רעדט זיך וועגן „חטא", ד. ה. דער ענין ווערט אָפגעשאַצט מאָראַליש. פון דער צווייטער זייט ווערט דערמאָנט „מום", אַ קערפערלעכע שעדיגונג. ווי אַ דאָקטאָר, וואָס בעת ער האָט צו טאָן מיט אַ קערפערלעכן פאַרקום, בינדט ער אים נית צונויף מיט אַ מאָראַלישער אָפּשאַ־צונג, קען איך זאָגן: כאָטש איך בין מיט דעם ענין זייער גוט באַקאַנט, האָב איך געזען באַמתדיקע קערפערלעכע אָדער גייסטיקע שעדיגונגען דורך אָנאַניזם בלויז ביי אַזוינע פערזאָנען, וואָס זיינען בכלל נייראָפּאַטיש*). און ביי זיי איז די געשטערטע אַנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט נית קיין רעזולטאַט פון אָנאַניזם, נאָר פאַרקערט — דער איבערגעטריבענער אָנאַניזם איז אַ פועל־יוצא פון זייער נייראָפּאַטישער נייגונג. די לעגענדע וועגן די שרעקלעכע רעזולטאַטן פון אָנאַניזם, וואָס איז אַ מין דיבוק אין אַלע מוחות זינט די פאַרעפנטלעכונגען פון געלערנטן טיסאָ (אַכצנטער יאָר־הונדערט!), קען אַן ערנסטער דאָקטאָר מער נית אויפהאַלטן נאָך די אויספאָרשונגען פון די באַרימטע דייטשישע נערוון־דאָקטוירים ערב און ליידען.

2. איז אייך באקאנט, אז די נאטור פון דער פרוי איז אנדערש ווי די נאטור פון דעם מאן, אז די נאטור פון דער פרוי פאדערט, מען זאל זיך צופאסן צו איר,

---

*) נערוון־ליידנדיק.

מען זאל זי שאנעווען, אז אין א סך פרטים איז זי שוואכער פארן מאנס נאטור?

אוודאי איז די נאטור פון דער פרוי אנדערש ווי די נאַ־טור פון דעם מאַן! אויב אָבער זי איז שטענדיק שוואַכער און קיינמאָל ניט שטאַרקער — דאָס איז שוין אַ גרויסער ספק. אַחוץ דעם איז שווער צו זאָגן, אַף וויפיל די טראַדיציע און די דערציונג האָבן דאָ פאַרגרעסערט די באמת־נאַטירלעכע אייגנ־שאַפטן.

3. איז אייך באקאנט, אז מיידלעך קומען צו פראסטיטוציע אויך מיט אנדערע וועגן און ניט נאר מחמת דעם, וואס זיי ווערן פארפירט פון מאנסבילן, וואס שטייען סאציאל העכער פאר זיי?

באַשטימט. די מיגלעכקייט פאַרפירט צו ווערן ליגט פריער פון אַלץ אין די נישטיקע לוינען פאַר פרויענאַרבעט. פון דער אַנדער זייט פאַרדרייט דעם מוח די קאַפּיטאַליסטישע רע־קלאַמע, וואָס רעדט צום מיידל פון אַלע געשעפט־פענצטערס, פון אַלע קינאָס אַרויס. דערווייל אָבער האָט די קירך נאָך קיין זאַך ניט געטאָן כדי צו העכערן די פרויענלוינען. די „גוטע און פרומע לייט” פאַרבינדן זיך געוויינלעך מיט יענע פאַרטייען, וואָס ווילן אויפהאַלטן אַזאַ לוין־סיסטעם און אַזוינע שטייערן וואָס זיינען לרעה דער ברייטער מאַסע.

אַחוץ די עקאָנאָמישע מאָטיוון פאַר פראָסטיטוציע שפּילט אין אַ גרויסן פּראָצענט אַ ראָלע די אַלגעמיינע איינגעבאָרענע פּערזענלעכע שוואַכקייט פון ווילן און גייסט.

4. איז אייך באקאנט, אז א סך שידוכים קומען צושטאנד אן דער הילף פון א צייטונג, אן געשעפט־לעכע פארבינדונגען און טעמים און אן דעם מיין זיך צו פארזארגן?

קלאָר. אָבער ווען אַ שידוך קומט יאָ פֿאָר אַזוי ווי איך האָב דערמאָנט אין מיין בוך (און אין דער „גוטער געזעלשאַפֿט" קומען דאָך פֿאָר אַ סך אַזוינע שידוכים!) — גיט נישט די קירך איר ברכה דערצו?

5. איז אייך באַקאַנט, אַז אַ סך יונגע מענטשן ראַטעווען זיך אַרויס פֿון די סכנות פֿון געשלעכטלעבן, ווייל זיי האַלטן זיך פֿעסט ביי דער רעליגיע?

אין פֿאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער צאָל יוגנטלעכע, קען מען דאָס זאָגן נאָר וועגן זייער אַ קליינעם קרייז. אַז דער רעליגיע־לימוד האָט קיין שום ווירקונג נישט אויף דער גרויס־שטעטישער יוגנט, דאָס זיינען מודה די פּאַסטאָרס אַליין.

6. איז אייך באַקאַנט, אַז די עוואַנגעלישע (פּראָ־טעסטאַנטישע) לעבנסיסטעם א) וואַרפֿט אָפּ די דאָפּלטע מאָראַל, ב) באַקעמפֿט די אַזוי גערופֿענע „ליגנערישקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט" און די צביעות אין עפֿנטלעכן לעבן, שטרייכט אונטער, אַז מען זאָל באַהערשן די ליידנשאַפֿט, אויך דעם געשלעכטלעכן טרייב, אָבער פֿאַדערט נישט אים אָפּצוטייטן?

א) אין דער טעאָריע וואַרפֿט זי אָפּ די דאָפּלטע מאָראַל. אָבער אָט די טעאָריע האָט נישט קיין ברעקל השפּעה אויפֿן לעבן פֿון דער היינטצייטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט און פֿריער פֿון אַלץ קיין שום ווירקונג נישט אין דעם שטייגער לעבן ביי דעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס האַלט זיך אַזוי ביי דער קירך.

ב) אמת, די עוואַנגעליע איז קעגן צביעות און ליגנערישקייט. די פּראַקטיק אָבער דערווייזט, אַז אַפֿילו די קירך איז אַוועק פֿון אָט דער פֿאָדערונג. מיר איז באַקאַנט, אַז די קירך דאַרף קעמפֿן קעגן פֿאַלשקייט און צביעות. מיר איז אויך באַקאַנט, אַז (אַחוץ שיינע רייד) — טוט זי עס נישט.

ג) ריכטיק.

7. איז אייך באַקאַנט, אַז די שעמעדיקייט, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין פאַרדעקן די געשלעכט־טיילן, איז שוין פאַראַן ביי פאַרקריסטלעכע פעלקער, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דער קריסטלעכער קולטור?

ווי אַזוי עס זיינען אַנטשטאַנען קליידער — דאָס האָט דערווייל די וויסנשאַפט נאָך ניט אין גאַנצן אויפגעקלערט. בכל אופן איז מען גענייגט צו מיינען, אַז דאָס וויכטיקסטע איז דאָ געווען דער באַגער צו פוצן זיך און די כוונה זיך צו שיצן, אָבער ניט דאָס שעמען זיך, וואָס וואָרצלט זיך ס'רוב אין דער טראַדיציע, אין דעם שטייגער.

8. איז אייך באַקאַנט, אַז אַ גרויסע צאָל יונגע מיידלעך באַדעקן מיט אַ שלייער פון שעמעדיקייט און צניעות דאָס געשלעכטלעכע און ווילן ניט דאָס זאָל אַנטבלויזט ווערן?

פאַרשטייט זיך, ביי דער איצטיקער דערציונג. אָבער ערשטנס איז ניט געזאָגט, צי דער דאָזיקער „ווילן" איז ניט אַ פּראָדוקט ספּעציעל פון דער דערציערישער נ אַ ר י ש ק י י ט. צווייטנס, קען אַזאַ יונגער מענטש, וואָס געניטיקט זיך אין שטענדיקער אַפּיטראָפּסות, ניט זיין בכוח צו וויסן זיינע אמתע אינטערעסן. פאַרקערט — מען דאַרף אויסבילדן דעם פאַרשטאַנד פון דעם יונגן מענטשן, ער זאָל קענען איינזען זיינע אמתע אינטערעסן, ער זאָל קענען ווערן אַ זעלבשטענדיקע פּערזענלעכקייט.

9. איז אייך באַקאַנט, אַז גרויסע מחנות קינדער און יוגנטלעכע זעען אין זייערע עלטערן פירער און פריינט און געהאָרכן זיי ניט מחמת מען צווינגט זיי,

נאָר ווייל דאָס איז פאַר זיי אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט?

אוודאי זיינען דאָ אַזוינע קינדער. ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט פון אַזוינע גליקלעכע — ווייס איך ניט. איך ווייס, אַז איך האָב געהאַט אַ סך זייער טרויעריקע דערפאַרונגען. איך וויל אויך אָנווייזן, אַז „בלינד געהאָרכן" קען זיין אַן אידעאַל פאַר דער קירך, אָבער איז ניט די פּאַסיקע פאָרם צו דערציען בירגער פון אַ רעפּובליק און פרייע מענטשן.

עד כּאן פראַגעס — ענטפערס. אין דעם באַגלייט־בריוו צום פירער פון פאַרבאַנד האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז אַזוינע ענטפערס קענען נאָר זיין אַן אָנהייב פאַר אַ מינדלעכן שמועס. אויב ניט — באַשטייט די געפאַר פון מיספאַרשטייענישן, ווייל יעדער לייגט אַריין אין ווערטער אַ פּשט. וואָס איז צונויפגעבונדן מיט זיין אייגענעם באַנעם. און דעריבער קען מען אַזוי גרינג פאַלש אויסטייטשן פרעמדע רייד. וואָס קומען פון אַ מענטשן מיט גאָר אַן אַנדער קוק. כאָטש איך האָב אַליין פאָרגעלייגט אַ מינדלעכן שמועס, האָט מען אַף דעם ניט רעאַגירט. אַנשטאָט דעם האָט מען אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע מגילה קעגן מיר מיט אַן אָנקלאָג אַף מיר פאַר דעם אַנשטאַלט, וווּ איך אַרבעט. דער איינציקער רעזולטאַט פון זייער אַרויסטרעטן איז געווען אַ רעקלאַמע פאַר מיר.

אָבער צו דער טעמע פון מיין בוך: ווו גיט טאַקע די קירך הילף אין דער געשלעכטפראַגע? וואָס זאָגט זי דעם יוגנטלעבן כּדי קלאָר צו מאַכן דעם מישמאַש אין זיין נשמה? מען ברענגט אַ פּסוק! מיינט מען טאַקע ערנסט, אַז מיט אַ פּסוק וועט מען אָפּשאַפן פון דער וועלט די סעקסועלע ליידן? גלויבט מען, אַז שיינע זאַצן וועגן געטלעכקייט און שרעק פאַר זינד זיינען די איינציקע סגולות קעגן נאַטירלעכע מענטשלעכע טרייב־כּוחות? און שטעקט דאָ ניט אַ תּהום צביעות? אויב מען דערלאָזט אופקלערונג איבער סעקסועלער פראַגע — מיינט מען געוויסע ידיעות וועגן געשלעכט־קראַנקייטן און גאָר! און מען פאַרזאַלצט

עס אָדער מען פאַרזיסט עס מיט דרשות וועגן רייניקייט. מען ווייס אַף זיכער, אַז טויזנטער-טויזנטער אומגליקלעכע מיידלעך און ווייבלעך שטאַרבן פון בלוטפאַרגיפטונג מחמת אָפטרייבן. און וואָס טוט מען? מען איז זיי מקבר מיט די קריסטלעכע צערעמאָניעס! אָבער מען קלאַמערט זיך אָן דעם מיטלעלטערלעכן געזעץ, וואָס ברענגט דערצו.

ניין. די סעקסועלע נויט פון דער יוגנט מוז אַנדערש געהאָלפן ווערן. מען טאָר זיך דאָ ניט שפּילן אין באַהעלטעניש. אין אינטימע שמועסן, צאַרט און פאַרטרויען-פול, דערציעריש-טאַקטיש און אָן שום סודותדיקע ריעשטן — מוז אַלץ ווערן אויפגעקלערט. אמת, זיך צו שיצן פון אַלע פאַרפירענישן אין לעבן איז ווינציק דאָס וויסן. ס'איז אויך נייטיק דאָס געוויסן. געוויסן איז אַן אויפהיטנדיקער און אָפּהיטנדיקער כּוח. אָבער אַזאַ געוויסנדיקייט, וואָס האַלט זיך נאָר אַף פּחד פאַר אַ געשלעכט-קראַנקייט אָדער פאַר געטלעכן שטראָף, און וואָס קען אָבער צערונען ווערן, ווען מען דערגייט פאַקטן און אמתן — אַזאַ געוויסנדיקייט איז ניט ווערט קיין פּרוטה. מיר ווילן קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. מיר ווילן אַ געוויסן, וואָס ציטערט ניט פאַר וויסן, נייערט וואָס בויט זיך אַף דעם.

אויגוסט 1925.

ז ו כ צ ע ט ל.

(די ציפערן ווייזן אָן די זײַטלעך)

אַבאָליציאָניזם 96

אַבאָרט 31, 50, 51, 55—62

„אומגעזועצלעכע" מוטערשאַפט 63, 67, 69, 73

„אומגעזועצלעכע" קינדער 64, 65, 66, 68, 69, 70

אומרעגלמעסיקייטן בײַ מענסטרואַציעס 24, 47, 48

אורינטרײַבלעך 37, 38, 39, 40

איי 16, 17, 18, 19, 28, 34

„אייער" 34

אייערנעסט 16, 17, 23, 28, 40

אייערפירער 16, 28, 40

אייצעלטל 18

אינווערסיע 132, 133

אינסטינקט 20

אינעווייניקסטע סעקרעציע 108

אַלימענטן 66, 68, 69, 70

אַלקאָהאָל 18, 117

אָנאַניזם 22, 33, 41—45, 146

„אָנהייב" (זשורנאַל) 77, 130, 133

אַנטוויקל־יאָרן 35, 99—128

אָנשטעקן אַ געשלעכט־קראַנקייט 18

אָפּהאַלטן זיך 21, 51, 52, 74, 80, 128

אָפּטרײַבונג — זע אַבאָרט

אָפּנקייט 14, 32, 76, 77, 78

אָקלוסיוו־פּעסאַרן 53

באַלויפן 11

באַפרוכפּערונג 16, 18, 28

בחורן־זיך 99 און ווייטער

ביאה 16

בייהאָדן 37, 38

בלאָז — זע וואַסערבלאָז

בלוטדריזן 108

בליער 132, 133

בעקן גרויסער 24, 28, 30

בעקן קליינער 28, 30, 36

בצים 17

בתולים 83, 84

געבויר־מוטער 16, 17, 29, 36, 40

געבוירן 17, 29, 30

געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג 13,
14, 23, 79
געזעלשאַפטלעכע לאַגע 58,
59, 62, 125, 126
געזעלשאַפטלעכע מיינונג 67
געשלעכטאָרגאַנען דעם מאַנס
33, 34, 35, 36, 37, 38,
39
געשלעכטאָרגאַנען דער פרוים
16, 17, 22—29, 39, 40
געשלעכטדריזן 17, 19, 28,
33, 34, 107, 109
געשלעכטלעכקייט 19, 32
געשלעכטקראַנקייטן 18, 95
גראָבע קישקע 38, 39, 40
גריכן אַלטע 13

דאָפּלטע מאָראַל 82, 83, 84,
89, 148.
דאָקטוירים־פאַראייניגן 61, 62
די־וועלט 13, 86, 87
דייטשישער געזעץ 23,
55—57, 62, 66, 68, 95
דייטשישע קאָנסטיטוציע 65,
69, 89
דערציונג סקאַרבאָווע 14, 125
דריזן 33, 34

האָבן אַף די וועש 17
" " קליידער 17
האָדן 35, 38
האָדן־זאַק 34, 37, 38

האָמאָסעקסואַליזם 138—140
האַרטלעכן 93
הייבמוטער 16, 28, 30
העצע קעגן דעם בוך 9, 10,
144—146, 150

וואַנדערפויגל 130 און ווייטער.
וואַסערבלאָז 37, 38, 40.
ווייען 30
ווילן 20, 21, 44, 45, 101,
128.

זאַכן וואָס מען רעדט ניט
וועגן זיי 11—13
זוימען 16, 18, 34
זוימענבלעזלעך 36, 37, 38
זוימענהיהלעך 17
זוימענפירער 36, 37, 38
זוימענפליסיקייט 37, 39.
זוימענפעדעמל 16, 17, 19,
28.
זוימענצעלטל 18, 19, 35
זיצביין 26, 28, 30.
זריעה־שעדיקונג 18

חוט השדרה 37

טהרת המשפחה 59, 69.
טיסאָ 44, 146

יוגנטבאַוועגונג 15, 20, 122,
123, 129—137.

יוגנט־גרופע 20, 23, 134, 135, 136, 139.
יענע־וועלט 13, 86, 87.
ירושהדיקייט 18

כעמישע פאַרהיטונג־מיטלען 53, 54.
כראַמסקע פון בעקן 25, 26, 30, 37, 38, 40.

לועס — זע סיפילים.
ליבע־איבערלעבונג 15 און ווייטער.

מאַזאָכיזם 140.
מאַרקס 126.
מאָנאַטלעכע 17, 19, 23, 24, 47, 48, 107.
מוטערלייב 29, 31, 53.
מוטערמויל 17, 39, 83.
מוטערשלינג 39, 40.
מוטערשאַפט 64, 65, 73.
מעכאַנישע פאַרהיטונג־מיטלען 53, 54.
מענסטרואַציעס — זע מאָנאַט־לעכע.
מפּלען 31.

נאַקעטקייט 13
ניין חדשים 17, 30

סאַדיזם 140
סטרינדבערג 42
סיפילים 18, 95
סעקסואַלישקייט 116
ספּאָרט בעת מאָנאַטלעכע 24
סקעלעט 25

עלטערן 76—78, 103—105, 113, 115.
ענדגילטיק צייטיק ווערן 114—128.
עקביין 26, 28, 29, 30.
עראָטישקייט 116, 129—137.

פּאָלוציע 35, 36.
פּובערטעט 112, 113, 117, 118, 121.
פּראָטעסטאַנטיזם 85, 145
פּראָסטיטוציע 22, 93, 97, 98, 147.

פֿאַרהיטונג־מיטלען 46, 52, 53, 54.
פֿאַרמערונג־צעלטלעך 15.
פֿאַרקער געשלעכטלעכער 17, 18, 20, 22, 23, 78, 79, 80, 82, 83, 88, 97.
פֿאָראורטיילן 14, 42, 60
פֿאָרוים־דריז 38, 39
פעטישיזם געשלעכטלעכער 141, 142
פראנצן — זע סיפילים.
פרוים לאגע 88, 89

פרויענלון 88, 147
פרויענצאָל 93

צונויפפאָר 16, 17
צייטיקן־זיך 16, 21, 99, און ווייטער, 121.
צייטיק איי 16′ 21
צעפּ־אָפשניידער 142

קאַטוילישע גלחים 87, 88
קאָנדאָם 53
קאָנטראָל איבער פּראָסטיטוירנ־דיקע 95, 96
קאַפּף 43, 44
קינדס וואַקסן אין מוטער־לייב 29, 30
קינדערצאָל 71, 72
קלאַסן־יוסטיץ 60, 61, 66
קלאַסן־קאַמף 66, 97, 105
קריטישע ריכטונג 130
קריסטנטום 13, 84, 85
קרייצביין 28, 29, 30

ראָמאַנטישע ריכטונג 130.

רוקנזייל 38, 40
רייד מיאוסע 12, 15
„ריינקייט" געשלעכטלעכע 81, 82, 89, 90
רעגולירן געבורטן 64, 73
רעגעלן — זע מאָנאַטלעכע
רעליגיע 85, 86, 127

שוואַנגערשאַפט 17, 18, 30, 31, 46, 48, 49, 50, 52, 65, 73, 75
שווימען בעת מאָנאַטלעכע 24
שטימבייט 107—109
שטערבלעכקייט ביי קינדער 70, 71
שטערבלעכקייט ביי דער פרוי 71, 72
שייד 17, 39, 40.
שילד־דריז 107
שליימהויט 17
שפּייעכץ־דריז 34

תאַוות מענטשלעכע 128.

שווערערע סעמיטיזמען.

אבן נגף (עווןֿ־נעגעף) — א שטרויכל־שטיין.

אומברחמנותדיק (אומבעראכמאָנעסדיק)

אחרון אחרון חביב (אכרען אַכרען כאָוויוו) — ווען מען דערמאָנט עמעצן צום לעצט: דער לעצטער איז דער ליבסטער.

אחריות (אַכראַיעס) — פאראנטווארטונג.

בהדרגה (בעהאַדראָגע) — ביסלעכווייז, שטופנווייז.

בורר (בוירער) — דער וואָס אַנטשיידט א שטרייט.

בצלם אלוקים (בייצעלעם עלויקים) — אין גאָטס געשטאַלט.

בשר־ודם (באָסער־ווערדאָם) — פלייש און בלוט, ד. ה. א מענטש מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן.

בתולה (פסולע) — יונגפרוי.

גשמיות (גאַשמיעס) — קערפערלעכקייט.

דיינו (דאַייינו) — גענוג פאַר אונדז.

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אַכטונג.

הבל הבלים (האוויל האַוואָלים) — גאָרנישט, נישטיק.

הכשר (העכשער) — אַ דערלויבעניש, אַ באַשטעטיגונג אַף כשר.

הללויה׳ס (האַלעלויאָס) — לויבגעזאנגען.

השגחה (האַשגאָכע) — אופזיכט.

התחייבות (היסכייוועס) — פאַרפליכטונג.

ויצעקו (וואַיעיצאַקו) — אַ געשריי, א טומל.

חולה מסוכן (חוילע מעסוקן) — אַ געפערלעכער קראַנקער.

חופה וקדושין (כופע אוקדושן) — די צערעמאָניע ביים חתונה האָבן.

חל זיין (כאַל) — גילטיק זיין.

חלק ונחלה (כיילעק וויינאַכלע) — אַ טייל.

חשש (כשאַש) — פאַרדאַכט.

טהרת המשפחה (טאַרעס האַמישפּאָכע) — די ריינקייט פון דער פאַמיליע.

טענות און מענות (טיינעס, מיינעס)

יצר הרע (ייִיצער האָרע) — גלוסטונג, זינדיקע גלוסטונג.

כדין וכדת (קאַדין ווייקאַדאָס) — נאָך אַלע פאָדערונגען פון געזעץ.

כלל גדול (קלאַל גאָדל) — אַ גרונט־פּרינציפּ.

כסא הכבוד (קיסע־האַקאָוועד) — גאָטס טראָן.

כף הקל (קאַפאַקאַל) — צושטאַנד פון אייביקן אומרו און צעפּייניקטקייט.

לגמרי (לעגאַמרע) — אין גאַנצן.

להוט (לאָהוט) — זיין פאַרקאַכט; זייער שטאַרק באַגערן.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — אין אָנהייב, אייגנטלעך.

מזכה זיין (מעזאַקע) — באַערן, באַשענקען.

מכריע זיין (מאַכריע) — באַשטימען.

מרוצה ווערן (מערוצע) — איינגיין.

משלח זיין (מעשאַלייאַך) — אַוועקשיקן, הייסן גיין.

מתוודה זיין (מיסוואַדע) — אויסדערציילן די זינד.

מתווכח זיין (מיסוואַקייאַך) — פירן אַ ווארט־שטרייט.

נחזיר לענינו (נאַכזיר לייניאָניינו) — לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ענין.

נשתומם ווערן (נישטוימעם) — שטאַרק פאַרווונדערט ווערן

סיום (סיעם) — דאָס פאַרענדיקן לערנען, דער יום־טוב בײַם פאַרענדיקן.

סימן מובהק (סימען מובהעק) — קלאָרער סימן, ווײַכטיקסטער סימן.

עבד כנעני (עוועד קנאַני) — אײַביקער קנעכט.

עודף (אוידעף) — צוגאָב, צוּװוּקס.

עולה יפה זײַן (אוילע יאָפע) — געדײַען, גוט אויסגיין, גוט זיך ענדיקן.

עולם הבא (אוילעם האָבע) — יענע־וועלט.

עולם הזה (אוילעם האָזע) — די־וועלט.

פּועל־יוצא (פּויעל־יויצע) — רעזולטאַט, אַרויספיר.

פּיקח (פּיקייאַך) אַ קלוגער.

צד שכנגד (צאַד שעקענעגעד) דער קעגנער, דער צווייטער צד.

ראשית חכמה (ריישעס כאָכמע) — פריער פון אַלץ.

רבונו של עולם (ריבוינעשעלוילעם) גאָט.

שגעון (שיגאָען) — משוגעת.

שפע (שעפע) — איבערפלוס, רײַכקייט.

תמימותדיק (טמימעסדיק) נאַיוו.

א י נ ה א ל ט.

זייטל

דעם איבערזעצערס הקדמה 5

פון דעם מחברס הקדמות 8

I. קאַפּיטל. זאַכן, וואָס מען רעדט ניט וועגן זיי. . 11

II. קאַפּיטל. די פאַרמערונגס-צעטלעך. ליבע איבערלע-בונג און יוגנטבאַוועגונג 15

III. קאַפּיטל. די ווייבלעכע געשלעכטאָרגאַנען . . 22

IV. קאַפּיטל. די מענלעכע געשלעכטאָרגאַנען. אנאַניזם 33

V. קאַפּיטל. שוואַנגערשאַפט. פאַרהיטונגס-מיטלען . 46

VI. קאַפּיטל. אַבאָרט. געזעצן קעגן אַבאָרט . . 55

VII. קאַפּיטל. די „אומגעזעצלעכע" קינדער. דאָס רעגולירן געבורטן 64

VIII. קאַפּיטל. עטלעכע ספקות 75

IX. קאַפּיטל. „געשלעכטלעכע ריינקייט" און די לאַגע פון דער פרוי 81

X. קאַפּיטל. פאָרמען פון שידוכים ביים קאַפּיטאַליזם און פראָסטיטוציע 91

XI. קאַפּיטל. די יאָרן פון בחורן-זיך 99

XII. קאַפּיטל. דאָס ענדגילטיקע צייטיק-ווערן . . . 114

צוגאָבן:

I. פון אן ארטיקל „די עראָטישע פראָבלעם אין דער בירגערלעכער יוגנטבאַוועגונג" 129

II. וועגן שטערונגען פון נאָרמאַלן געשלעכטטרייב . 138

III. נאָכוואָרט 144

זוכצעטל 152

רשימה פון שווערערע טערמינען 156